אין ליכט
פון תורה
ספר
רפואת הנפש
ורפואת הגוף
להרמב"ם ז"ל
בלשון הקודש ואידיש

467

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

רפואת הנפש

ורפואת הגוף

מאת הרמב"ם ז"ל

אויף לשון קודש און אויף עברי טייטש.

דער רמב"ם ז"ל האט מחבר געווען דאס ספר אויף לשון קודש מיט'ן נאמען הלכות דעות, צו געבען אלע אידען רפואת הנפש ורפואת הגוף, אידישקייט און מענשליכקייט. און דורך השתדלות הרב הגאון המפורסם ר' יודל ראזענבערג שליט"א פון לאדז דער מחבר פון פיעל ספרים מפורסמים, איז דאס ספר איבערגעזעצט געווארען אויף עברי טייטש, כדי אלע קלאסען אידען זאל קאנען דורך דעם ספר בעקומען א געזונדען גוף מיט א לויטערע נשמה.

דעם רמב"ם'ס צוואה

דא תורם באשריבין דיא לעבענס-געשיכטע פון דעם גרויסן היילינען מאן (מבחר החכמים אור ישראל רבינו משה בן מיימון ז"ל (הרמב"ם) זייער שיינע אינטערעסאנטע ספורים (ערציילונגען).

זיין באלד אכטהונדערט יאהר זענען אריבער, צייט דער גרויסער ליכטיגער מארגען־שטערן האט געשיינט אויף דעם אידישען הימעל, וועלכער האט פעריאגט דאס פינצטערניש פון אידישען שטאנד.

דאס איז דער גרויסער „אדלער" וואס האט מיט זיינע שטארקע פליגעל אדורך געשניטען דעם גאנצען הימעל־האריזאנט. איבערצוקוקען און גוט צו בעטראכטען דעם שמים וארץ.

דאס איז דער גרויסער „לויתן" וואס האט מיט זיינע גרויסע און מעכטיגע פליספעדערען אדורך געשניטען דעם אוקינוס, וואס רינגעלט ארום דעם גאנצען „ערד־קיגעל", צו בעטראכטען אלץ וואס געפינט זיך אין טיפעניש פון ים התלמוד, מיט זיינע פייערדיגע אויגען, וואס שיינען אין ים התלמוד, אזוי ווי די לויטערע לבנה שיינט אויפן העלען בלאהן הימעל און ארוהיגע נאכט, ווען קיין וואלקענעס זענען נישט דא.

דאס איז דער גרויסער פייערדיגער מלאך, וואס שוועבט ארום און ארום אויף יענער זייט הימלען, צו בעטראכטען אלץ וואס דארט געפינט זיך, מלאכים, שרפים, אופנים, חיות הקודש, כסא הכבוד. און נאך דעם אלעם זאגט ער גאר א מייעה מיינונג איבער דעם אלמעכטיגען באשעפער די פייערדיגע ווערטער „תכלית הידיעה אשר לא נדע". דער תכלית פון וויסענשאפט אין געטליכקייט איז, אז מען זאל פערשטעהן, אז דאס קען קיין בשר ודם נישט בעגריפען מיט זיין פערשטאנד.

ווער איז דאס דער העלד וואס האט זיך ביקענט אזוי ארויס ריפען? אט דאס איז דער בערימטער וועלט־גאון מיט'ן נאמען רמב"ם, וואס זיין הייליגער גייסט מיט זיינע גרויסע ווירקונג אין יודענטהום לעבט נאך ביז היינט, און עס וועלען אריבער נאך טויזענדער יאהרען און ער וועט אלץ לעבען ביי אונז.

כמעט ביי אלע קלאסען אידען איז בעקאנט דער נאמען רמב"ם. אז די פיער אותיות פון דעם נאמען בעציהען די פיער פאלגענדע ווערטער רבנו משה בן מיימון.

אמת אז די ליטעראטור איז גאנץ רייך מיט פיעל בעשרייבונגען וועגען דעם גרויסקייט פון רמב"ם. פיעל ביכער זענען געשריבען געווארען אויף פערשידענע שפראכען וועגען דעם וואונדערליכען וועלטס גאון, וועלכער האט פערשיינט די וועלט מיט זיינע ספרים. טייל בעשרייבען

זײַן לעבענס ביאָגראַפיאָ, טײל בעשרײַבען זײַנע פילאָזאָפישע אידעען, זײַן גאונישקײט, זײַן גרויסע ידיעה אין אַלע שבע חכמות. אָבער אין זשאַרגאָנישען ליטעראַטור, וואָס איז די מוטער־שפּראַך פון די גרעסטער טײל אידען, איז פון רמב״ם גרויסקײט גאָר נישט בעשריבען געוואָרען. איבער וואָס בײַם המון איז דעם רמב״ם ווירקונג אין יודענטהום גאָר אַזוי ווי פרעמד.

דאַרום האָבען מיר גענומען די מיה מעתיק צו זײַן אויף זשאַרגאָן ערשטענס, דאָס וואָס דער רמב״ם האָט אָנגעשריבען אין הלכות דעות, ווי אַזוי דער מענש זאָל זיך פיהרען כל ימי חייו, מיט וועלכע דעות מען דאַרף זיך בעקאָנען, מיט וועלכע מדות זאָל מען זיך פיהרען, סײַ גײַסטיג און סײַ פיזיש. אויך וועלכען דער רמב״ם האָט אויספיהרליך זיך אַרויסגערופען, אַז ער איז ערוב אין דער זאַך, אַז אויב דער מענש וועט זיך אַזוי פיהרען ווי דאָ בעשריבען איז, וועט ער קײנמאָל נישט דאַרפען אָנקומען צו דער הילף פון אַ דאָקטאָר, וואָרען ער וועט קײנמאָל נישט קראַנק ווערען. צודעם צו האָבען מיר נאָך מוסיף געווען פיעל היגיענא מיט וויכטיגע נויטיגע הויזליכע רפואות פון די לעצטע צײַטען. און דערום האָבען מיר דעם ספר אָנגערופען רפואת הנפש ורפואת הגוף. וואָרען כשמו כן הוא, דער איד וואָס וועט לערנען אין דעם ספר און וועט זיך ווירקליך אַזוי פיהרען, וועט ער האָבען אַ לויטערע נשמה און אַ געזונדען גוף.

צום סוף ספר האָבען מיר צו גיגעבען אַ בעזונדער חלק פון דעם רמב״ם לעבענס־בעשרײַבונג. זײַן ביאָגראַפיאָ, פון וועלכען די לעזער וועלען געוויס גרויס פערגעניגען צונעמען.

דברי הרב המוציא לאור. יודל ראזענבערג.

פרק ראשון

פרק ראשון ופרק שני ילמדו לאדם דעת בעניני הדעות והמדות שצריך להתנהג בדרך הישרה שהיא מדה בינונית שבכל דעה ודעה:

(א) דעות הרבה יש לכל אחד ואחד מבני אדם. וזו משונה מזו ורחוקה ממנו ביותר. יש אדם שהוא בעל חמה כועס תמיד. ויש אדם שדעתו מיושבת עליו ואינו כועס כלל. ואם יכעס. יכעס כעס מעט בכמה שנים. ויש אדם שהוא גבה לב ביותר. ויש שהוא שפל רוח ביותר. ויש שהוא בעל תאוה. לא תשבע נפשו מהלוך בתאוה. ויש שהוא בעל לב טהור מאד ולא יתאוה אפילו לדברים מעטים שהגוף צריך להם. ויש בעל נפש רחבה שלא תשבע נפשו מכל ממון העולם. כענין שנאמר אוהב כסף לא ישבע כסף. ויש מקצר נפשו שדי לו אפילו דבר מעט שלא יספיק לו. ולא ירדוף להשיג כל צרכו. ויש שהוא מסגף עצמו ברעב וקובץ על ידו ואינו אוכל פרוטה משלו אלא בצער גדול. ויש

שהוא

פרק ראשון

דער ערשטער און צווייטער פרק לערענט אז דער מענש דארף זיך פיהרען מיט זיינע דעות און מיט זיינע מדות אין אמיטעלמעסיגען דרך.

(א) דעות הרבה. פערשידענע מיינונגען געפונען זיך ביי מענשען, און די מיינונגען זענען גאנץ ווייט איינס פון אנדערען. עס גיבט א מענש וואס איז א בייזער און נעמט אימטער ארום מיט כעס, דאנעגען גע־פינט זיך א מענש מיט א רוהיגען פער־שטאנד, ער קען זיך גאר נישט בייזערען. און אויב ער בייזערט זיך אמאל, איז דער כעס גאנץ ווענינ. עס גיבט א מענש א גרויסער בעל־גאוה וואס שטאלצירט שטענדיג. דאגעגען געפונט זיך א מענש וואס איז גאר שפל און זעהר נידריג ביי זיך. עס גיבט א מענש וואס איז א גרויסער בעל־תאוה און ווערט קיינמאל נישט זאט פון תאוות, דאגעגען געפונט זיך א מענש מיט א ריין הארץ וואס איז גאנץ ווייט פון אלע תאוות הגוף. עס גיבט א מענש וואס יאגט זיך שטענדיג נאר געלד צו זאמלען, און ער קען נישט זאט ווערען, אפילו ער זאל בעקומען דאס גאנצע געלד וואס געפונט זיך אויף די וועלט, דאגעגען געפונט זיך א מענש וואס יאגט זיך נישט אפילו צו בעקומען עטוואס געלד אויף זיין נויטיג געברויכעניש. עס גיבט א מענש וואס וויל בעסער פאסטען איידער

ער

שהוא מאבד כל ממונו בידו לדעתו. ועל דרכים אלו שאר כל הדעות. כגון מהולל ואונן. כולי ושוע. אכזרי ורחמן. רך לבב ואמיץ לב וכיוצא בהן:

(ב) ויש בין כל דעה ודעה הרחוקה ממנה בקצה האחר דעות בינונית זו רחוקה מזו. וכל הדעות יש מהן דעות שהן לאדם מתחלת ברייתו לפי טבע גופו. ויש מהן דעות שטבעו של אדם זה מכוון ועתיד לקבל אותם במהרה יותר משאר הדעות. ויש מהן שאינן לאדם מתחלת ברייתו אלא למד אותם מאחרים או שנפנה להן מעצמו לפי מחשבה שעלתה בלבו או ששמע שזו הדעה טובה לו ובה ראוי לילך והנהיג עצמו בה עד שנקבעה בלבו:

(ג) שתי קצוות הרחוקות זו מזו שבכל דעה ודעה אינן דרך טובה ואין ראוי

ער זאָל אויסגעבען פון זיין געלד אַ פרוטה אויף עסען. דאגעגען געפונט זיך אַ מענש וואָס מאכט קאליע גאנץ גרינג זעהר פיל געלד פאר זיין געברויכע'יש. אַט דאָס הייסט אַז די צווייערליי מענשען מיט זייערע מיינונגען אָדער דעות, זענען זעהר וויים איינער פון אַנדערען, וואָס נאָר מעגליך איז. און דעסטגלייכען גיבט מענשען וואָס זענען אַזוי גאנץ וויים איינער פון אַנדערען אין אַנדערע דעות, דהיינו פריילין אָדער טרויריג. קאַרג אָדער מילד. אונערבאַרמדיג אָדער רחמנותדיג. וויך-האַרציג, שטאַרק-האַרציג, און אַזוי ווייטער:

(ב) צווישען די פערשידענע דעות וואָס זענען אַזוי זעהר וויים איינם פון אַנדערען געפונען זיך נאָך פיל פערשידענע מיטעלע דעות, וואָס זענען אויך וויים איינם פון אַנדערען, נאָר זיי זענען נישט אַזוי שטאַרק דערווייטערט איינם פון אַנדערען ווי די צווייערליי עקסטינע דעות. און די אַלע פערשידענע דעות איז פאַרהאַן מענשען וואָס זייערע דעות האָבען זיי בעקומען באַלד פון געבורטהייט, לויט די טבע פון זיין גוף, אָדער זיי בעקומען די דעות פון זיך זעלבסט שפּעטער, בעווייל די טבע פון דעם גוף איז גיכער צוגעפּאַסט צו די דעה, ווי צו אַנדערע דעות. עס איז אָבער פאַרהאַן אַזעלכע דעות וואָס דער מענש בעקומט זיי נישט פון זיך זעלבסט דורך די טבע פון זיין גוף, נאָר ער לערענט זיך אָב די דעות פון אַנדערע, אָדער ער אַליין דערגייט מיט זיין געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך אַזוי פיהרען לויט די דעה. אָדער ער האָט בקבלה וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע, אַז די דעה איז גוט און אַזוי דאַרף מען זיך פיהרען. דורך דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען אַזוי צו פיהרען, ביז די דעה איז גיט פערשטאַרקט געוואָרען אין זיין האַרץ:

(ג) אַלע צווייערליי פערשידענע דעות וואָס זענען זעהר שטאַרק דערווייטערט איינם פון דער אַנדערער און דעם העכסטען פונקט, אַזוי אַז מען קאָן זיי אָנרופען עקסטינע, זיי פיהרען נישט דעם

ראוי לו לאדם ללכת בהן ולא ללמדן לעצמו. ואם מצא טבעו נוטה לאחת מהן. או מוכן לאחת מהן. או שכבר למד אחת מהן ונהג בה. יחזור עצמו למוטב וילך בדרך הטובים. והיא הדרך הישרה:
(ד) הדרך הישרה היא מדה בינונית שבכל דעה ודעה מכל הדעות שיש לו לאדם. והיא הדעה שהיא רחוקה משתי הקצוות ריחוק שוה. ואינה קרובה לא לזו ולא לזו. לפיכך צוו חכמים הראשונים שיהא אדם שם דעותיו תמיד. ומשער אותם ומכוין אותם בדרך האמצעית. כדי שיהא שלם בגופו. כיצד. לא יהא בעל חימה נוח לכעוס. ולא כמת שאינו מרגיש אלא בינוני. לא יכעוס אלא על דבר גדול שראוי לכעוס עליו. כדי שלא יעשה כיוצא בו פעם אחרת. וכן לא יתאוה אלא לדברים שהגוף צריך להן ואי אפשר להיות בזולתן. כענין שנאמר צדיק אוכל לשובע נפשו. וכן לא יהיה עמל בעסקו אלא להשיג דבר שצריך לו לחיי

דעם מענש אין קיין גוטען וועג. אלזאָ דאַרף דער מענש זיך ניט פירהרען לויט דעם וועג און דאַרף זיך נישט לערנען אַזעלכע דעות. אויב דער מענש געפונט אַז דורך די טבע פון זיין גוף איז ער צוגעבויגען צו אַן'עקסטרעמע דעה, אָדער אויב ער האָט זיך פון וועמען אָבגעלער־נט צו פירהרען זיך לויט אַן'עקסטרעמע דעה, דאַן דאַרף דער מענש זיך איבער צו אַרבייטען צו דערוויטערען זיך פון די עקסטרעמע דעה, און ער זאָל גערן בעסער אין אַ גוטען וועג, וועלכען מען קאָן אָנ־רופען אַז דאָס איז דער גלייכער וועג:
(ד) דער גלייכער וועג הייסט די מדה וואָס איז אַ מיטעל־פונקט צווישען די ביידערליי עקסטרעמע דעות פון אַלע פער־שידענע דעות וואָס געפונען זיך ביי מענ־שען. דאָס איז די דעה וועלכע איז פונקט גלייך דערווייטערט פון ביידערליי עקסטרעמע דעות, און זי שטעהט פונקט אין דערמיט, ניט מעהר נעהנטער צו איין עק ווי צום אַנדערען עק. אַלזאָ האָבען אונזערע ער־שטע חכמים געוואָרענט, אַז יעדער מענש זאָל שטענדיג אָבשאַצען און איבערוועגען זיינע דעות, און זאָל זיי אויסגלייכען לויט דעם מיטעל־פונקט, כדי ער זאָל זיין גאַנץ מיט זיין גוף אָהן אַ פעהלער. דהיינו ער זאָל נישט זיין צופיל בייז, צו בייזע־רען זיך וועגען אַ קלייניגקייט. און אויך נישט צו זיין אַזוי ווי אַ מת, וואָס אַהרט איהם ניט קיין שום זאַך, נאָר מען דאַרף זיין מיטעלמעסיג. נישט צו בייזערען זיך נאָר וועגען אַ גרויסע זאַך, וואָס איז ראָ גלייך צו בייזערען זיך, כדי יענער זאָל זיך היטען דאָס זעלבע נאָך אַמאָל נישט צו מהון. דעסט גלייכען דאַרף דער מענש נישט צו גליסטען נאָר צו אַזעלכע זאַכען וואָס דער גוף מוז עס האָבען, און ער קאָן זיך אָהן דעם נישט באַגעהן, אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „צדיק אוכל לשובע נפשו". דער צדיק עסט נאָר אַז זיין נפש זאָל זאַט ווערען. דעסט גלייכען דאַרף דער מענש נישט זיין צופיל פערהאַרעוועט אין געשעפט. ער דאַרף נאָר אַרבייטען

לחיי שעה. כענין שנאמר טוב מעט לצדיק. ולא יקפוץ ידו ביותר. ולא יפזר ממונו. אלא נותן צדקה כפי מסת ידו ומלוה כראוי למי שצריך. ולא יהי' מהולל ושוחק. ולא עצב ואונן. אלא שמח כל ימיו בנחת בסבר פנים יפות. וכן שאר דעותיו. ודרך זו היא דרך החכמים. כל אדם שדעותיו דעות בינוניות ממוצעות נקרא חכם:

(ה) ומי שהוא מדקדק על עצמו ביותר ויתרחק מדעה בינונית מעט לצד זה או לצד זה. נקרא חסיד. כיצד. מי שיתרחק מגובה הלב עד הקצה האחרון ויהיה שפל רוח ביותר. נקרא חסיד. וזו היא מדת חסידות ואם

צו בעקומען זיין גערויך אויף חיי שעה, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „טוב מעט לצדיק". דער צדיק לאזט זיך בענוגען מיט ווענינעס. אויך דארף דער מענש נישט זיין צו קארג צו פערמאכען די האנד און נישט צו וועלען געבען צדקה. דעסט גלייכען פארקעהרט צופיל צדקה צו געבען נישט לויט זיין פארמעגען איז אויך נישט גוט, נאר מען דארף געבען צדקה לויט ווי מען איז אונשטאנד. דאס זעלבע איז ביי געלד אויעק בארגען, דארף מען אויך נישט בארגען נאר לויט ווי מען איז אונשטאנד, און אויך נאר צו אזא מענש וואס עס איז נויטיג איהם צו בארגען. אויך דארף דער מענש נישט זיין צופיל פריילוך און לוסטיג, און נישט צופיל אומעדיג און טרויריג, נאר מען דארף זיין שטענדיג צופרידען און ארוים צו ווייזען אויפ'ן פנים א פרייהיגטע שמחה. און אזוי דארף זיך דער מענש פיהרען מיט אלע זיינע דעות זיי זאלען זיין אלץ נאר מיטעלמעסיג. און דער מענש וואס פיהרט זיך אזוי און געהט שטענדיג מיט אלע זיינע דעות אין א מיטעלמעסיגען וועג, דער ווערט גערופען א חכם:

(ה) דער מענש וואס איז נאך מעהר מדקדק אויף זיך, און ער דערווייטערט זיך אביסעל פון דער מיטעלע דעה, און דערנעהנטערט זיך אביסעל צו אנעקסטיגע דעה, אמאל צו דער זייט פון העכסטען פונקט, און אמאל צו דער זייט פון נידריגסטען פונקט, אבער אלץ צום גוטען, דהיינו אז דער מענש דערווייטערט זיך פון העכסטען פונקט פון גאות, און שטעלט זיך אויף דעם מיטעל-פונקט, נישט צו שטאלצירען נאר צו זיין א עניו מיטעלמעסיג, איז דורך דעם דער מענש ראוי מען זאל איהם רופען חכם. אבער ווען דער מענש דערווייטערט זיך נאך מעהר פון דעם מיטעל-פונקט און דערנעהנטערט זיך אביסעל מעהר צו די עקסטיגע דעה פון נידריגסטען פונקט, ער זאל זיין נאך מעהר נידריגער ביי זיך ווי מיטעלמעסיג. דער מענש הייסט שוין א חסיד, בעוויל ער טהוט לפנים משורת הדין, דאס הייסט נאך מעהר וויפיל ער דארף טוהן לויט דעם דין. דעסטגלייכען ביי דעם ענין פון צדקה געבען. דער מענש וואס דערווייטערט זיך פון נידריגסטען פונקט פון קארגשאפט און שטעלט זיך אויף דעם מיטעל-פונקט צו געבען צדקה לויט זיין יכולת ווי ער איז אונשטאנד, איז דורך דעם דער מענש

ואם נתרחק עד האמצע בלבד ויהיה עניו. נקרא חכם. וזו היא מדת חכמה. ועל דרך זו שאר כל הדעות. וחסידים הראשונים היו מטין דעות שלהן מדרך האמצעית כנגד שתי הקצוות. יש שמטין אותה כנגד הקצה האחרון. ויש דעה שמטין אותה כנגד הקצה הראשון. וזהו לפנים משורת הדין. ומצווין אנו ללכת בדרכים האלו הבינונים. והם הדרכים הטובים והישרים. שנאמר והלכת בדרכיו:

(ו) כך למדו בפירוש מצוה זו. מה הוא נקרא חנון אף אתה היה חנון. מה הוא נקרא רחום אף אתה היה רחום. מה הוא נקרא קדוש אף אתה היה קדוש. ועל דרך זו קראו הנביאים לאל בכל אותן הכנויין. ארך אפים ורב חסד. צדיק וישר. תמים גבור וחזק וכיוצא בהן. להודיע שהן דרכים טובים וישרים. וחייב אדם להנהיג עצמו בהן ולהדמות אליו כפי כחו:

וכיצד

מענש ראוי מען זאל איהם רופען חכם. אבער ווען דער מענש דערווייטערט זיך נאך מעהר פון דעם מיטעל־פונקט, און דערנעהנטערט זיך אביסעל מעהר צו די עקסטיגע דעה פון העכסטען פונקט, צו פיהרען זיך אזוי ווי א נדבן און צו געבען צדקה נאך מעהר לויט ווי זיין יכולת איז, דער מענש איז א חסיד, ־ ווייל ער טהוט נאך מעהר ווי דער דין איז. דאס זעלבע קאן זיין ביי אלע דעות, אז דער וואס וויל זיין א חסיד דער דערווייטערט זיך פון דעם מיטעל־פונקט און דערנעהנטערט זיך אביסעל צו איינע פון די עקסטיגע דעות, אמאל צו די עקסטיגע דעה פון העכסטען פונקט, און אמאל צו די עקסטיגע דעה פון נידריגסטען פונקט, ווי אזוי עס איז צום גוטען, און דאס איז די מדה פון חסידות, צו טהון נאך מעהר ווי לויט דעם דין. ווארען על פי דין זענען מיר געבאָטען געוואָרען צו געהן אין די מיטעלמעסיגע וועגען, וועלכע זענען גוטע און גלייכע וועגען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „והלכת בדרכיו". דו זאלסט געהן אין אויבערשטענס וועגען:

(ו) אונזערע חכמים האבען אזוי געזאגט פשט אויף דער מצוה פון „והלכת בדרכיו", אזוי ווי דער אויבערשטער ווערט גערופען „חנון" א לייטזעליגער, אזוי דארף דער מענש אויך זיין א לייטזעליגער. אזוי ווי דער אויבערשטער ווערט גערופען „רחום" א ערבארמדיגער, אזוי דארף דער מענש אויך זיין א ערבארמדיגער. אזוי ווי דער אויבערשטער ווערט גערופען „קדוש" א הייליגער, אזוי דארף דער מענש אויך זיין א הייליגער. און לויט דעם דרך קאן מען פערשטעהן צוליעב וואס די נביאים האבען אנגערופען דעם אויבערשטען מיט אזעלכע ביינעמען, דהיינו „ארך אפים" ער האלט איין לאנג דעם צארען. „רב חסד" ער טהוט פיל חסד. צדיק וישר. תמים. גבור וחזק. און נאך דערגלייכען. דאס איז אליץ כדי מודיע צו זיין דעם מענש אז דאס איז די גוטע און גלייכע וועגען, וואס דער מענש איז מחויב צופיהרען זיך

לויט

(ז) וכיצד ירגיל אדם עצמו בדעות אלו עד שיקבעו בו. יעשׂה וישנה וישלש במעשים שעושה על פי הדעות האמצעיות ויחזור בהם תמיד. עד שיהיו מעשׂיהם קלים עליו ולא יהיה בהם טורח עליו. ויקבעו הדעות בנפשו. ולפי שהשמות האלו נקרא בהם היוצר. והם הדרך הבינונית שאנו חייבין ללכת בה. נקראת דרך זו דרך ה׳. והוא שלמד אברהם אבינו לבניו. שנאמר כי ידעתיו למען אשר יצוה וגו׳. וההולך בדרך זו מביא טובה וברכה לעצמו. שנאמר למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דבר עליו:

פרק שני

(א) חולי הגוף טועמים המר מתוק ומתוק מר. ויש מן החולים מי שמתאוה ותאב למאכלות שאינן ראויין לאכילה, כגון העפר והפחם

לויט די וועגען, און צו גלייבען זיך צום איבערשטענס פיהרונג לויט זיין כח:

(ז) ווי אזוי זאל זיך דער מענש צוגעוועהנען צו די גוטע דעות ביז זיי וועלען ווערען אין איהם גוט אנגעקניפט? ער דארף טוהן די מעשים וואס ער טהוט לויט די מיטעלע דעות פיל מאל, ביז די מעשים וועלען שוין ביי איהם זיין גרינג צו טוהן, און זיי וועלען שוין ניט הייטען ביי איהם קיין שום בעשוועהריגקייט, אזוי נאך וועלען די דעות ווערען גוט אנגעקניפט אין זיין נפש. און בעוויילדער הייליגער באשעפער ווערט אנגערופען מיט די נעמען פון די מיטעלמעסיגע דעות, וואס מיר זענען מחויב צו געהן אין דעם וועג, ווערט איבער דעם דער וועג אנגערופען „גאטס וועג". און דאס איז דער וועג וואס אברהם אבינו האט געלערענט זיינע קינדער, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט". דער איבערשטער האט געזאגט. איך בין מיט אברהמ׳ן בעקאנט, בעוויל ער וועט אנזאגען זיינע קינדער און קינדס קינדער זיי זאלען אפהיטען גאטס וועג צו טוהן צדקה און גערעכטיגקייט. און נאך איז פון דעם געדרונגען, אז דער וואס געהט אין דעם גוטען וועג, דער ברענגט אויף זיך גוטס מיט א ברכה. אזוי ווי עס שטעהט ווייטער אין דעם זעלבען פסוק „למען הביא ה׳ על אברהם את אשר דיבר עליו". כדי דער איבערשטער זאל ברענגען אויף אברהמ׳ן דאס גוטס וואס ער האט איהם צוגעזאגט:

פרק שני

(א) חולי הגוף. די מענשען וואס זענען קראנק אויפ׳ן גוף שפירען דאס וואס איז ביטער אז ס׳איז זיס, און דאס וואס איז זיס אז ס׳איז ביטער

והפחם. ושונא המאכלות הטובים כגון הפת והבשר. הכל לפי רוב החולי. כך בני אדם שנפשותיהם חולות מתאוים ואוהבים הדעות הרעות. ושונאים הדרך הטובה ומתעצלים ללכת בה. והיא כבידה עליהם למאד לפי חליים. וכן ישעיהו אומר באנשים הללו. הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע. שמים חושך לאור ואור לחושך שמים מר למתוק ומתוק למר. ועליהם נאמר העוזבים אורחות יושר ללכת בדרכי חושך. ומה היא תקנת חולי הנפשות. ילכו אצל החכמים שהן רופאי הנפשות וירפאו חליים בדעות שמלמדין אותם. עד שיחזירום לדרך הטובה. והמכירים בדעות הרעות שלהם ואינם הולכים אצל החכמים לרפא אותם. עליהם אמר שלמה. חכמה ומוסר אוילים בזו:

(ב) וכיצד היא רפואתם. מי שהוא בעל חמה אומרים לו להנהיג עצמו

שאם

ביטער, עס גיבט אויך אמאל קראנקע וואס גלוסטען צו עסען אזעלכעס וואס איז גאר נישט ראוי צום עסען, דהיינו ערד, קוילען, און די גוטע מאכלים, דהיינו, ברויט, פליש, האבען זיי פיינד. און דאס ווענד זיך אלץ לויט דעם בעשטאנד פון זייער קראנקהייט. דאס זעלבע איז ביי די מענשען וואס זענען קראנק אויפ'ן נפש. זיי געפעלט און זיי האבען ליב די שלעכטע דעות, אבער דעם גוטען וועג האבען זיי פיינד, און זיי זענען פויל צו געהן אין גוטען וועג, וועלכער זעהט ביי זיי אויס גאנץ שווער. דאס ווענד זיך אויך אלץ לויט דעם בעשטאנד פון זייער חולי הנפש. און אזוי האט ישעיהו הנביא געזאגט אויף אזעלכע מענשען „הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע. שמים חושך לאור ואור לחשך. שמים מר למתוק ומתוק למר". וועה איז צו די מענשען וואס זאגען אויף שלעכט גוט, און אויף גוט שלעכט. דאס וואס איז פינסטער איז ביי זיי ליכטיג, און דאס וואס איז ליכטיג איז ביי זיי פינסטער. דאס וואס איז ביטער איז ביי זיי זיס, און דאס וואס איז זיס איז ביי זיי ביטער. און נאך זאגט אויף זיי דער פסוק „העוזבים אורחות יושר ללכת בדרכי חשך". זיי פערלאזען די גלייכע וועגען צו געהן אין די פינסטערע וועגען. און וואס פאר א תקנה איז דא צו די מענשען וואס זענען קראנק אויף חולי הנפש? זיי זאלען געהן צו אזעלכע חכמים וואס קאנען היילען נפשות, און די חכמים וועלען היילען זייער חולי הנפש מיט דעם וואס זיי וועלען מיט זיי לערנען גוטע דעות, דורך וועלכען זיי וועלען ווערען צוגעצויגען צום גוטען וועג. די מענשען אבער וואס זענען מבינים זייערע שלעכטע דעות, און זיי ווילען נישט געהן צו אזעלכע חכמים מען זאל זיי היילען, אויף זיי האט שלמה המלך געזאגט „חכמה ומוסר אוילים בזו" די נארים זענען מבזה חכמה און מוסר:

(ב) ווי אזוי דארפען די חכמים היילען צו די מענשען וואס זענען קראנק אויף חולי הנפש? דער מענש וואס איז שטענדיג בייז און צארנדיג. דארף מען

איהם

שאם הוכה וקולל לא ירגיש כלל. וילך בדרך זו זמן מרובה עד שיתעקר החמה מלבו. ואם היה גבה לב. ינהיג עצמו בבזיון הרבה וישב למטה מן הכל. וילבש בלויי סחבות המבזות את לובשיהם וכיוצא בדברים אלו. עד שיעקור גובה הלב ממנו ויחזור לדרך האמצעית שהיא דרך הטובה. ולכשיחזור לדרך האמצעית ילך בה כל ימיו. ועל קו זה יעשה בשאר כל הדעות. אם הי' רחוק לקצה האחד ירחיק עצמו לקצה השני. וינהוג בו זמן רב עד שיחזור בו לדרך הטובה. והיא מדה הבינונית שבכל דעה ודעה:

(ג) ויש דעות שאסור לו לאדם לנהוג בהן בבינוניות. אלא יתרחק מן הקצה האחד עד הקצה האחר. והוא גובה לב. שאין דרך הטובה שיהי' אדם עניו בלבד. אלא שיהי' שפל רוח ותהיה רוחו נמוכה למאד.

ולפיכך

איהם אָנזאָגען ער זאָל זיך אַזוי פיהרען, אַז אַפילו מען וועט איהם שלאָגען אָדער שעלטען זאָל איהם גאָר נישט אהרען. אין דעם וועג זאָל ער געהן אַ לאַנגע צייט, ביז דער כעס מיט דעם גרימצאָרען וועט ווערען אויסגעריסען פון זיין הארץ. דער מענש וואָס איז אַ בעל גאוה און האָט גאָר ליב צו שמאָלצירען מיט זיך, דאַרף מען איהם לערנען ער זאָל זיך פיהרען נאָר מיט בזיון, דהיינו צווישען אַ געזעלשאַפט זאָל ער זיך זעצען אונטען, נידריגער פון אַלע מענשען, און זאָל געהן געקליידעט גאָר אין געמיינע צוריסענע מלבושים, וועלכע זענען מבזה דעם מענש וואָס געהט אין זיי געקליידעט. און נאָך אַזעלכע שטייגער בזיונות זאָל ער זיך אָנטהון, ביז דאָס גאוות וועט ווערען אויסגעריסען פון זיין הארץ, און ער וועט זיך קאָנען אָנהייבען פיהרען לויט דעם מיטעלמעסיגען וועג, וועלכער ווערט אָנגערופען דער גוטער וועג. און נאָך דעם וואָס דער מענש האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַזוי נידריג ביז צו די עקסטינגע דעה, און ער האָט זיך אַזוי געפיהרט אַלאַנגע צייט, דאַמאָלס אַז ער וועט זיך אָבשטעלען אויפ'ן מיטעלמעסיגען וועג, וועט ער שוין געהן אין דעם מיטעלמעסיגען וועג שטענדיג. און לויט ווי דאָ איז געזאָגט געוואָרען וועגען די קראַנקהייט פון די צוויי דעות „כעס" און „גאות" דאָס זעלבע דאַרף זיין אויך ביי די קראַנקהייט פון אַנדערע דעות. אַז דער מענש וואָס איז צוגעצויגען צו אַן עקסטינגע דעה, איז מחויב זיך איבער צו אַרבייטען ער זאָל צו ערשט זיך צוביינגען אינגאַנצען ביז צו די אַנדערע עקסטינגע דעה, וועלכע איז דער גרעסטער כנגד פון די ערשטע עקסטינגע דעה. און ער זאָל זיך אַזוי פיהרען אַ לאַנגע צייט, כדי ער זאָל קאָנען דערנאָך גרינג בלייבען שטעהן אויף דעם מיטעל־פונקט פון יעדער דעה:

(ג) ס'איז פאַראַהן דעות וועלכע זענען אסור צו אַזעלכען מענש (וועלכער איז אין אַזיי גרויסע מדרגה, אַז מענשען קומען צו איהם נאָך רפואת הנפש) זענען די דעות אין גאַנצען אָסור צו איהם, אַז ער זאָל זיך נישט פיהרען מיט זיי לויט זייער מיטעלמעסיגען פונקט, נאָר ער דאַרף זיך צו דערווייטערען אינגאַנצען פון

די

ולפיכך נאמר במשה רבינו ענו מאד. ולא נאמר ענו בלבד. ולפיכך צוו חכמים. מאד מאד הוי שפל רוח. ועוד אמרו שכל המגביה לבו כפר בעיקר. שנאמר ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך. ועוד אמרו בשמתא מאן דאית ביה גסות הרוח ואפילו מקצתה. וכן הכעס מדה רעה היא עד למאד. וראוי לאדם שיתרחק ממנה עד הקצה האחר. וילמד עצמו שלא יכעוס ואפילו על דבר שראוי לכעוס עליו. ואם רצה להטיל אימה על בניו ובני ביתו. או על הציבור אם היה פרנס. ורצה לכעוס עליהם כדי שיחזרו למוטב. יראה עצמו בפניהם שהוא כועס כדי לייסרם. ותהיה דעתו מיושבת בינו לבין עצמו. כאדם שהוא מדמה לכועס בשעת כעסו. והוא אינו כועס. אמרו חכמים הראשונים. כל הכועס כאילו עובד עבודה
זרה

די דעות ביז גאר צו זייער נידריגסטען עקסטיגען פונקט. דאס ערשטע פון די דעות איז „גאות". פאר אזא גרויסען מאן הייסט נישט דער גוטער וועג אז ער זאל זיך פירען לויט דעם מיטעלמעסיגען פונקט צו זיין בלויז א „עניו". נאר ער איז מחויב צו זיין גאר איינגאנצען שפל ביי זיך מיט זעהר א נידריג געמיט. אי־בער דעם שטעהט ביי משה רבינו אז ער איז געווען „עניו מאד". ס'שטעהט נישט בלויז „עניו" נאר „עניו מאד". דאס הייסט גאר איינגאנצען נידריג. אלזא האבען אונזערע הייליגע חכמים געווארנט „מאד מאד הוי שפל רוח". און נאך האבען זיי געזאגט אז דער וואס האלט זיך גרויס הייסט א „כופר בעיקר" גלייך ער לייקענט אין אויבערשטען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך". אויב דיין הארץ וועט זיין הויך, דאס הייסט פול מיט גאות, דאן וועסטו שוין פארגעסען אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט. און נאך האבען זיי געזאגט, אז אויב אזא גרויסער מאן האט אין זיך אפילו נאר עטוואס גאות, איז ער ראוי מען זאל איהם לייגען אין חרם אריין. (דאס איז אלץ בעווייל, וואס גרעסער דער מענש איז, דארף ער זיין נידריגער ביי זיך.) די צווייטע רעה איז כעס. דאס איז אויך זעהר א שלעכטע מדה (בפרט פאר אזא גרויסען מאן) אלזא דארף ער פון די שלעכטע רעה צו דערווייטערען זיך גאר אין גאנצען, אזוי אז ער זאל זיין שטענדיג צוגעצויגען צו דעם נידריגסטען עקסטיגען פונקט פון כעס. און אזא מענש דארף זיך געוועהנען, אז ער זאל זיך נישט בייזערען אפילו אויף אזא זאך וואס מען דארף זיך יא בייזערען. און אויב ער וויל ווארפען א מורא אויף זיין בני בית, אדער אויף דעם קהל וואס ער איז זייער פיהרער, כדי זיי זאלען בעסער ווערען, זאל ער ווייזען פאר זיי, גלייך אזוי ווי ער בייזערט זיך אויף זיי צו שטראפען זיי, אבער אין זיך זאל ווירקליך די דעה זיינע זיין מיט ישוב הדעת, אזוי ווי אין דער צייט וואס ער בייזערט זיך גאר נישט. אונזערע פארצייטישע חכמים האבען גע־זאגט, אז דער וואס בייזערט זיך, איז גלייך ווי ער וואלט געדינט די עבודה זרה.
נאך

זרה. ואמרו שכל הכועס אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו. ואם נביא הוא נבואתו מסתלקת ממנו. ובעלי כעס אין חייהם חיים. לפיכך צוו להתרחק מן הכעס עד שינהיג עצמו שלא ירגיש אפילו לדברים המכעיסים. וזו היא הדרך הטובה. ודרך הצדיקים הן עלובין ואינן עולבין. שומעים חרפתן ואינם משיבין. עושים מאהבה ושמחים ביסורין. ועליהם הכתוב אומר. ואוהביו כצאת השמש בגבורתו:

(ד) לעולם ירבה אדם בשתיקה ולא ידבר אלא או בדבר חכמה או בדברים שצריך להם לחיי גופו. אמרו על רב תלמיד רבינו הקדוש. שלא שח שיחה בטלה כל ימיו. וזו היא שיחת רוב כל אדם. ואפילו בצרכי הגוף לא ירבה אדם דברים. ועל זה צוו חכמים ואמרו כל המרבה דברים מביא חטא. ואמרו לא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה. וכן בדברי תורה ובדברי חכמה יהיו דברי האדם מעטים ועניניהם מרובים. והוא שצוו חכמים ואמרו

נאָך האָבען זיי געזאָגט אַז אויב אַ חכם בּייזערט זיך, מוזט זיך אָב פון איהם זיין חכמה, און אויב אַ נביא בּייזערט זיך, מוזט זיך אָב פון איהם זיין נביאות, און די בּייזע מענשען איז זייער לעבען קיין לעבען נישט. אַלזאָ האָבען זיי געוואָרענט, אַז פון כעס זאָל מען זיך נאָר אין גאַנצען דערווייטערען, עס זאָל נישט אַהרען אפילו אַזעלכע זאַכען וואָס ברענגען באמת דעם מענש אין כעס אַריין. און דאָס הייסט דער גוטער וועג. און אַזוי דאַרף זיין דער דרך פון צדיקים, אַז אפילו ווען זיי ווע־רען פאַרשעהמט זאָלען זיי יענעם נישט פאַרשעהמען. אַז זיי הערען זייער חרפה זאָלען זיי נישט ענטפערען. זאָלען דינען דעם אויבערשטען מיט אהבה, און זאָלען זיך פרייהען מיט די יסורין. אויף זיי זאָגט דער פסוק „ואוהביו כצאת השמש בגבורתו". די וואָס האָבען ליב דעם אויבערשטען, וועלען לייכטען אַזוי ווי די זון ווען זי טהוט אויפשיינען מיט איהר שטאַרקייט:

(ד) אייביג זאָל דער מענש זיך געוויינען שטיל צו שווייגען און זאָל נישט ריידען נאָר אָדער אַ דבר חכמה, אָדער וועגען אַזעלכע זאַכען וואָס ער דאַרף זיי האָבען צום דערנעהרונג פון זיין קערפער. אין די גמרא ווערען בעריהמט תנאים, אַז זיי האָבען קיינמאָל נישט גערעדט קיין דברים בטלים. אָבער דאָס רוב מענשען זענען אין דעם נישט געוואָרענט און זיי ריידען שטענדיג דברים בטלים. און אפילו וועגען דעם געברויך פון קערפער דאַרף מען אויך נישט צו פיל ריידען, אויף דעם האָבען די חכמים אונז געוואָרענט און זיי האָבען אַזוי געזאָגט „כל המרבה דברים מביא חטא". דער וואָס רעדט צופיל ברענגט אויף זיך זינד. נאָך האָבען די חכמים געזאָגט „לא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה", מיר האָבען נישט געפינען קיין גוטען גוף, אויסער דעם וואָס איז געוואוינט שטיל צו שווייגען. דעסט גלייכען אין דברי תורה אָדער אין דברי חכמה זאָל דער מענש ריידען וועהניג און נאָר אַזעלכע דבורים וואָס זייער בעדייטונג איז פול און גרוים

ואמרו לעולם ישנה אדם לתלמידיו דרך קצרה. אבל אם היו הדברים מרובין והענין מועט. הרי זו סכלות. ועל זה נאמר כי בא החלום ברוב ענין וקול כסיל ברוב דברים:

(ה) סייג לחכמה שתיקה. לפיכך לא ימהר להשיב ולא ירבה לדבר. וילמד לתלמידים בשובה ונחת. בלא צעקה ובלא אריכות לשון. הוא שאמר שלמה דברי חכמים בנחת נשמעים:

(ו) אסור לאדם להנהיג עצמו בדברי חלקות ופיתוי. ולא יהיה אחד בפה ואחד בלב. אלא תוכו כברו. והענין שבלב הוא הדבר שבפה. ואסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעת הנכרי. כיצד. לא ימכור לנכרי בשר נבילה במקום בשר שחוטה. ולא מנעל של מתה במקום מנעל של שחוטה. ולא יסרהב בחבירו שיאכל אצלו והוא יודע שאינו אוכל. ולא ירבה לו בתקרובת והוא יודע שאינו מקבל. ולא יפתח לו חביות שהוא צריך לפותחן

גרוים. אזוי ווי די חכמים האבען אונז געווארענט, און זיי האבען געזאגט „לעולם ישנה אדם לתלמידיו דרך קצרה״. דער רבי דארף לערנען מיט זיינע תלמידים שטענדיג בקיצור. אבער דער וואס רעד פיל דבורים ווענען א קליינעם ענין, הייסט דאס גאר א נארישקייט, און אויף דעם זאגט דער פסוק „כי בא החלום ברוב ענין וקול כסיל ברוב דברים״. פונקט אזוי ווי דער חלום קומט פערפלאנטערט און פערמישט מיט פיל פרעמדע ענינים, אזוי זענען די רייד פון א שוטה פערפלאנטערט און פערמישט מיט פול פרעמדע ענינים:

(ה) „סייג לחכמה שתיקה״. אזוי האבען אונזערע חכמים געזאגט. אז א צוים צו חכמה איז דאס שטיל שווייגען. אלזא דארף מען נישט איילען זיך יענעם צו ענטפערען איידער מען קלערט גוט איבער די זאך. און ווען מען ענטפערט שוין יא, דארף מען נישט ריידען צו פיל, און דאס לערנען מיט תלמידים דארף זיין געלאסען מיט ישוב הדעת, אהן געשרייען און נאר בקיצור, אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט „דברי חכמים בנחת נשמעים״. די רייד פון די חכמים וואס ווערען גערעדט בנחת מיט ישוב הדעת, ווערען גיכער צוגעהערט:

(ו) עס איז אסור צו א מענש צו פיהרען זיך געגען מענשען מיט גלאטיגע חנופהדיגע רייד, צו ריידען מיט׳ן מויל אנדערש ווי ער טראכט אין הארץ, נאר דער מענש דארף זיין מיט׳ן הארץ און מיט׳ן מויל גלייך, דאס וואס ער טראכט אין הארץ זאל ער ריידען מיט׳ן מויל. מען טאהר אויך נישט ב׳גנב׳נען די דעה (מיינונג) פון מענשען, סיי פון א איד און סיי פון א גוי. דהיינו מען טאר נישט פארקויפען קיין נבלה פלייש פאר ג׳שחט׳ן פלייש. מען טאר נישט פארקויפען קיין שיך פון א נ׳פגר׳ת פעל, פאר שיך פון א ג׳שחט׳ן פעל. מען טאר נישט מפציר זיין אין א חבר ער זאל ביי עהם עסען, ווען מען ווייסט אז ער וועט זיכער נישט עסען. מען טאר נישט מכבד זיין דעם

חבר

לפותחו למוכרן. כדי לפתותו שבשביל כבודו פתח. וכן כל כיוצא בו. ואפילו מלה אחת של פיתוי ושל גניבת דעת אסור. אלא שפת אמת ורוח נכון ולב טהור מכל עמל והוות:

(ז) לא יהיה אדם בעל שחוק ומהתלות. ולא עצב ואונן. אלא שמח. כך אמרו חכמים. שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה. וצוו שלא יהא אדם פרוץ בצחוק. ולא עצב ומתאבל. אלא בעל עין טובה. ממעט בעסק ועוסק בתורה. ואותו המעט שהוא חלקו ישמח בו. ולא בעל קטטה. לא בעל קנאה. ולא בעל תאוה. ולא רודף אחר הכבוד. כך אמרו חכמים. הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם. כללו של דבר. ילך במדה הבינונית שבכל דעה ודעה. עד שיהיו כל דעותיו מכוונות באמצעות. והוא ששלמה אמר פלס מעגל רגליך וכל דרכיך יכונו:

שמא

חבר מיט מתנות, דאמאלס ווען מען ווייסט אז ער נעמט נישט קיין מתנות. מען טאר נישט עפענען פאר קיין קונה א פריש פאס וויין, און איהם איינצורייידען אז מען עפענט עס צוליב איהם, דאמאלס ווען מען דארף סיי ווי סיי צו עפענען א פריש פאס. און נאך דיזעס גלייבען. און אפילו איין ווארט צו ריידען אזוי גלאט מיט א חבר בדרך חנופה אין גניבת הדעת, איז אויך אסור. נאר דער מענש דארף ריידען אמת'דיגע קלארע דיבורים און מיט א ריין הארץ אן שום ערמות:

(ז) מען דארף נישט ארום געהן מיט הוללות און צופיל געלעכטער. און אויך דארף מען נישט ארומגעהן צופיל טרויריג. נאר מען דארף זיין אביסעל פריילוך, און מען דארף צו עמפפאנגען יעדען מענש מיט א פריילעך פנים, ווארען אזוי האבען אונזערע חכמים געזאגט „שחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה". געלעכטער מיט קלות ראש געוועהנען דעם מענש צו זנות. אויך זאל מען נישט זיין קיין גרויסער בעל תאווה צו יאגען שטענדיג וועגען געלד, און פארקעהרט, טאר מען אויך נישט צו זיין א לעדיג-געהר און א אבגעלאזטער, נאר מען דארף אין עפעס עוסק צו זיין, אדער אין א מלאכה אדער אין א האנדעל, יענעם אויך צו פערגינען און איבערצולאזען זיך צייט צו לערנען תורה, און וויפיל דער אויבערשטער באשעהרט דעם מענש אויף זיין חלק, זאל ער זיך דאמיט פרייהען, און זאל זיך נישט קריגען מיט קיינעם, אויך זאל מען נישט מקנא זיין דעם צווייטען, מען זאל זיך נישט נאכגעבען צופיל די תאווה, און מען זאל זיך נישט גאביאגען נאך כבוד, ווארען אזוי האבען די חכמים געזאגט, אז קנאה, תאוה און כבוד, ברענגען אום דעם מענש פון די וועלט. דער כלל איז, אז מען דארף זיך שטענדיג איבער צו רעכנען, אז מען זאל נאר געהן אין מיטעלמעסיגען וועג פון יעדער דעה, אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט „פלס מעגל רגליך וכל דרכיך יכונו". וועג איבער די טריט פון דיינע פיס, דאן וועלען דיינע וועגען זיין רעכט פערטיג

פרק שלישי

פרק השלישי ילמד לאדם דעת איך ישתמש עם כל עניני עולם הזה המותרים על פי תורה ותהיה כוונתו בכל דבר לכבוד שמים:

(א) שמא יאמר אדם הואיל והקנאה והתאוה והכבוד וכיוצא בהם דרך רעה הן. ומוציאין את האדם מן העולם. אפרש מהן ביותר ואתרחק לצד האחרון. עד שלא יאכל בשר. ולא ישתה יין. ולא ישא אשה. ולא ישב בדירה נאה. ולא ילבש מלבוש נאה אלא השק והצמר הקשה וכיוצא בהן. כגון כהני עובדי זרה. גם זה דרך רעה היא ואסור לילך בה. המהלך בדרך זו נקרא חוטא. שהרי הוא אומר בנזיר. וכפר עליו מאשר חטא על הנפש. ואמרו חכמים. ומה אם נזיר שלא פירש אלא מן היין צריך כפרה. המונע עצמו מכל דבר ודבר על אחת כמה וכמה. לפיכך צוו חכמים שלא ימנע אדם עצמו אלא מדברים שמנעתו התורה בלבד

פרק שלישי

דער דריטער פרק לערענט ווי אזוי דער מענש זאל באניצען די וועלטס זאכען אלץ לשם שמים.

(א) שמא יאמר אדם. אפשר וועט זיך א מענש

טראכטען. אבוואהל אז קנאה, תאוה און כבוד און נאך אזעלכע שלעכטע מדות זענען א שלעכטער וועג, און זיי ברענגען אום דעם מענש פון דער וועלט, וועל איך מיך אלזא אינגאנצען אבשיידען פון זיי און וועל מיך דערווייטערען פון זיי ביז דעם לעצטען עקסטיגען פונקט, אז איך זאל נישט עסען קיין פלייש, נישט טרינקען קיין וויין, נישט נעמען קיין ווייב, נישט וואהנען אין א שעהנע דירה, נישט אנטוהן קיין שעהן מלבוש, נאר איך וועל מיך ארומהילען מיט א גראבען זאק, און נאך אזא שטיי-נער, אזוי ווי עס זענען געוועהנט געוועזען צו טהון די גלחים פון געטצען-דינער. זאל מען וויסען אז דאס איז אויך א שלעכטער וועג, און דער וואס געהט אין אזא וועג ווערט גערופען א חוטא א זינדיגער, ווארען מען זעהט דאך ביי א נזיר שטעהט אין פסוק „וכפר עליו מאשר חטא על הנפש". ער דארף ברענגען א קרבן מען זאל אויף איהם מכפר זיין וועגען דעם וואס ער האט געזינדיגט נעגען זיין נפש. האבען די חכמים געזאגט „אויב א נזיר וואס האט זיך נאר אבגעשיידט פון בלויז וויין, הייסט א חוטא און ער דארף האבען א כפרה, מכל שכן דער וואס שיידט זיך אב פון אלעם, איז דאך אוודאי א חוטא

בלבד. ולא יהא אוסר עצמו בנדרים ובשבועות על דברים המותרים. כך אמרו חכמים. לא דייך מה שאסרה תורה. אלא שאתה אוסר עליך דברים אחרים. ובכלל הזה אלו שמתענין תמיד אינן בדרך טובה. ואסרו חכמים שיהא אדם מסגף עצמו בתענית. ועל כל הדברים האלו וכיוצא בהן צוה שלמה ואמר. אל תהי צדיק הרבה ואל תתחכם יותר למה תשומם:

(ב) צריך האדם שיכוון לבו וכל מעשיו כלם לידע את השם ברוך הוא בלבד. ויהיה שבתו וקומו ודבורו הכל לעומת זה הדבר. כיצד כשישא ויתן או יעשה מלאכה ליטול שכר. לא יהיה בלבו לקבץ ממון בלבד. אלא יעשה דברים האלו כדי שימצא דברים שהגוף צריך להם. מאכילה ושתיה וישיבת בית ונשיאת אשה. וכן כשיאכל וישתה ויבעול לא ישים בלבו לעשות דברים האלו כדי ליהנות בלבד. עד שנמצא שאינו אוכל ושותה אלא המתוק לחיך. ויבעול כדי ליהנות. אלא ישים על לבו שיאכל וישתה כדי להברות גופו ואיבריו בלבד. לפיכך לא יאכל כל

שהחיך

א חוטא". און איבער דעם האבען די חכמים געווארענט אז א מענש זאל זיך נישט פערמיידען נאר פון אזעלכע זאכען וואס די תורה האט פארווערט, און א מענש דארף נישט צו אסור'ן אויף זיך מיט נדרים און שבועות אזעלכע זאכען וואס זענען מותר על פי תורה. און אזוי האבען די חכמים געזאגט „צו איז דען נישט גענוג פאר דיר דאס וואס די תורה האט אויף דיר געאסור'ט", נאר דו אסור'סט נאך אויף דיר צו אנדערע זאכען"?! אין כלל פון די רייד איז אויך די מענשען וואס פאסטען תמיד. זיי געהן נישט אין קיין גוטען וועג. און די חכמים האבען באזונדער ג'אסור'ט, אז א מענש טאר זיך נישט פייניגען מיט קיין תענית. און אויף אזא פיהרונג האט שלמה המלך געזאגט דעם פסוק „אל תהי צדיק הרבה. ואל תתחכם יותר. למה תשומם" זאלסט נישט זיין צופיל צדיק, און נישט קלוגער מעהר ווי די תורה, ווארום זאל דאס דיך ברענגען צו א משוגעת?!

(ב) דער מענש דארף שטענדיג טראכטען אז דאס וואס זיין הארץ גלוסט, און אז אלע זיינע מעשים וואס ער טהוט, זאלען נאר זיין לשם שמים, און ער זאל ביי יעדער זאך זיין אינגאנצען קניפט מיט'ן געדאנק צו השם יתברך. דהיינו אז ער האנדעלט אדער ער טהוט א מלאכה צו פארדינען געלד, זאל ער נישט טראכטען אין הארץ בלויז כדי אנצוזאמלען פיל געלד, נאר די כוונה זיינע זאל זיין אז ער טהוט דאס אלץ כדי ער זאל באקומען די זאכען וואס זיין גוף מוז האבען, עסען, טרונקען, א הויז צום וואהנען און מפרנס צו זיין ווייב און קינדער, אזוי ווי גאט ברוך הוא האט געבאטען. און אזוי אויך ווען ער עסט און טרינקט, אדער ווען ער איז בועל זיין ווייב, זאל ער די זאכען נישט טהון נאר כדי א הנאה צו האבען, איבער וואס עס קומט איהם אוים אז ער זאל נאר

נאכזוכען

שהחיך מתאוה ככלב וחמור. אלא יאכל דברים המועילים לגוף. אם מרים אם מתוקים. ולא יאכל דברים הרעים לגוף אע"פ שהן מתוקים לחיך. כיצד. מי שהיה בשרו חם לא יאכל בשר ולא דבש ולא ישתה יין. כענין שאמר שלמה דרך משל. אכול דבש הרבה לא טוב. ושותה מי העולשין אע"פ שהוא מר. שנמצא שותה ואוכל דרך רפואה בלבד בדי שיבריא ויעמוד שלם. הואיל ואי אפשר לאדם לחיות אלא באכילה ושתיה. וכן כשיבעול לא יבעול אלא כדי להברות גופו וכדי לקיים את הזרע. לפיכך אינו בועל כל זמן שיתאוה. אלא כל עת שידע שהוא צריך להוציא שכבת זרע כמו דרך הרפואה או לקיים את הזרע:

המנהיג

נאָכזוכען צו עסען און טרינקען דאָס וואָס איז זיסער און בעטעמ'טער, און ער ציהט זיך שטענדיג בועל צו זיין, כדי אלע מאָהל הנאה צו האָבען. דאָס איז אָבער נישט מענשליך. נאָר דער מענש דאַרף אין זינען האָבען אז זיין עסען און טרונקען איז נאָר כדי אז זיין גוף מיט אלע איברים זאָלען זיין געזונד, אזוי ווי גאָט ברוך הוא האָט געבאָטען אַז א מענש איז מחויב זיך אָבצוהיטען דאָס געזונד. אלזאָ דאַרף דער מענש זיין געוואָרענט ער זאָל נישט חאַפּען זיך צו עסען אלץ וואָס דאָס מויל גלוסט, אזוי ווי א כלב און א עזעל, נאָר ער זאָל נאָכזוכען צו עסען אזעלכע מאכלים וואָס זענען גוט צום גאַנצען גוף, סיי זיי זענען ביטער, סיי זיי זענען זיס. אָבער אזעלכע מאכלים וואָס זענען נישט געזונד פאַר'ן גוף זאָל ער נישט עסען, האָטש זיי זענען זיס צום מויל. דהיינו דער מענש וואָס האָט אפילו נאָר אביסעל מעהר היטץ ווי געוועהנליך אמענש דאַרף האָבען, טאָר ער נישט עסען קיין פלייש, נישט קיין האָניג, און טאָר נישט טרינקען קיין וויין, אזוי ווי שלמה המלך האָט אויף אזוי שטייגער מענש געזאָגט בדרך משל, „אכול דבש הרבה לא טוב”. צופיל האָניג צו עסען איז נישט גוט. נאָר אזוי מענש דאַרף טרינקען „ענטיוויען-געטראַנק” (ליטיין, ציקוריום יענטיביום) האָטש עס איז ביטערליך. לויט דעם דרך קומט אויס אז דאָס וואָס דער מענש עסט און טרינקט, איז נאָר אזוי ווי ער נעמט איין א רפואה, כדי זיין גוף זאָל זיין געזונד, און זאָל זיין גאַנץ אָהן א פעהלער; וואָרען אזוי ווי א קראַנקער מוז האָבען רפואות איינצונעמען כדי ער זאָל געזונד ווערען, אזוי מוז דער געזונטער עסען און טרונקען, כדי ער זאָל נישט קראַנק ווערען. דעסטגלייכען אז דער מענש איז בועל זאָל ער דאָס טהון אויך נאָר לשם שמים, כדי מקיים צו זיין מצות עונה אזוי ווי דער דין איז, יעדער מענש לויט זיין בעשעפטיקייט און לויט זיין כח, אָדער כדי קינדער צו האָבען, אָדער כדי דער גוף זאָל זיין געזונד. אלזאָ דאַרף דער מענש נישט בועל צו זיין שטענדיג ווען ער גלוסט נאָר, אויב ער איז נישט מקיים דערמיט די מצות עונה, אָדער אויב ס'איז נישט צוליב קינדער האָבען

(ג) המנהיג עצמו על פי הרפואה. אם שם על לבו שיהיה כל גופו ואבריו שלמים בלבד. ושיהיה לו בנים עושין מלאכתו ועמלין לצורכו. אין זו דרך טובה. אלא ישים על לבו שיהא גופו שלם וחזק כדי שתהיה נפשו ישרה לדעת את ה'. שאי אפשר שיבין וישתכל בחכמות והוא רעב וחולה. או אחד מאיבריו כואב. וישים על לבו שיהיה לו בן אולי יהיה חכם וגדול בישראל. נמצא המהלך בדרך זו כל ימיו. עובד את ה' תמיד. אפילו בשעה שנושא ונותן. ואפילו בשעה שבועל. מפני שמחשבתו בכל כדי שימצא צרכיו עד שיהיה גופו שלם לעבוד את ה'. ואפילו בשעה שהוא ישן. אם ישן לדעת כדי שתנוח דעתו עליו. וינוח גופו כדי שלא יחלה. ולא יוכל לעבוד את ה' והוא חולה. נמצאת שינה שלו עבודה למקום ברוך הוא. ועל ענין זה צוו חכמים ואמרו. וכל מעשיך יהיו לשם שמים. והוא שאמר

האָבען, אויסער דאָמאָלס ווען ער שפּירט אַז דאָס איז איהם צו רפואה:

(ג) אפילו דער מענש וואָס פיהרט זיך אַזוי על פי הרפואה, אויב ער מיינט נאָר מיט זיינע מעשים צוליב זיין טובת הגוף, אָנצושוינען זיך זיין גוף, כדי ער זאָל זיין געזונד אויף אַלע אברים, און זאָל נישט שפּירען קיינמאָל קיין צער פון עפּעס אַ וועהטאָג, און אויב וועגען קינדער האָבען מיינט ער אויך נאָר זיין טובת הגוף, ער זאָל האָבען קינדער זאָלען טהון זיין מלאכה און זיי זאָלען אויף איהם אַרבּייטען. דאָס הייסט נאָך נישט דער גוטער וועג. נאָר דער מענש דאַרף טראַכטען ביי די אַלע מעשים אַז זיין גוף זאָל זיין געזונד און שטאַרק כדי זיין נפש זאָל האָבען אַ קלאָרען געדאַנק צו דינען דעם אויבערשטען און צו לערנען תורה. וואָרען אַז דער מענש איז הונגעריג, אָדער ער איז קראַנק, אָדער אפילו נאָר אַז איין אבר טהוט איהם וועה, האָט ער שוין נישט דעם קלאָרען געדאַנק אַריינצוקלערען אין חכמת התורה. און וועגען קינדער האָבען, דאַרף דער מענש טראַכטען כדי די קינדער זאָלען דינען דעם אויבערשטען, און אפשר וועט פון איהם אַרויסקומען אַ זוהן וואָס ער וועט זיין אַ חכם אַ גדול בישראל. אַזוי נאָך קומט אויס אַז דער וואָס פיהרט זיך מיט דעם דרך, דינט שטענדיג דעם אויבערשטען, אפילו ווען ער האַנדעלט אָדער ער טהוט אַ מלאכה, און אפילו ווען ער עסט און טרינקט, אָדער ער איז בועל, וואָרען זיין מחשבה איז דאָך ביי די אַלע מעשים נאָר צוליב דעם, כדי ער זאָל האָבען זיין נעכרויך, אַז זיין גוף זאָל זיין גאַנץ, און זאָל זיין בכח צו דינען דעם אויבערשטען. און אפילו ווען דער מענש שלאָפט, אויב ער שלאָפט מיט דעם געדאַנק כדי דער מוח מיט דעם גוף זאָלען זיך אויסרוהען, און ער זאָל נישט אָבגעשוואַכט ווערען צו קומען צו אַ קראַנקהייט, וואָרען ווי נאָך וועט ער קענען דינען דעם אויבערשטען אַז ער וועט זיין קראַנק, איבער דעם קומט אויס אַז אפילו דער שלאָף זיינער איז

שאמר שלמה בחכמתו בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך:

פרק רביעי

פרק הרביעי מלמד לאדם דעת איך להתנהג עצמו בכל עניני עולם הזה על פי חכמת הרפואה הנקראת „היגיענא". ועל ידי זה לא יחלה בנקל:

(א) הואיל והיות הגוף בריא ושלם מדרכי השם הוא. שהרי אי אפשר שיבין או ידע דבר מידעת הבורא והוא חולה. לפיכך צריך להרחיק אדם עצמו מדברים המאבדים את הגוף. ולהנהיג עצמו בדברים המברין והמחלימים. ואלו הן. לעולם לא יאכל אדם אלא כשהוא רעב. ולא ישתה אלא

איז אויך אַנ'עבודה צום אויבערשטען. און אויף דעם ענין האָבען אונזערע חכמים געוואָרענט און האָבען געזאָגט, „וכל מעשיך יהיו לשם שמים". דיינע אלע מעשים זאָלען זיין לשם שמים. און דאס זעלבע האָט שלמה המלך געזאָגט מיט זיין חכמה, „בכל דרכיך דעהו והוא יישר ארחותיך". אין אלע דיינע וועגען זאָלסטו זיין אָנגעקניפּט מיט'ן געדאַנק צום אויבערשטען, און ער וועט דורך דעם דיינע וועגען גלייך מאכען:

פרק רביעי

דער פיערטער פרק לערענט דעם מענש, ווי אַזוי צו פיהרען זיך היגיעניש לויט דאָקטאָריאַ. כדי ער זאָל נישט אַזוי גיך קראַנק ווערען:

(א) הואיל בעווייל אז דאָס וואָס דער מענש זעהט אָבצוהיטען אז זיין גוף זאָל זיין געזונד און שטאַרק איז אויך לשם שמים. ווארען עס איז דאָך אינמעגליך אז א מענש זאָל קאָנען אַריינקלערען און פאַרשטעהן חכמת התורה אָדער געטליכקייט, דאַמאָלס ווען ער איז קראַנק. צלוא איז יעדער מענש מחויב זיך צו פיהרען לויט היגיענא. דאָס הייסט צו רעדוויטערען זיך פון אַזעלכע זאכען, וועלכע פערדאַרבען דעם גוף, און צו געוויינען זיך צו אַזעלכע זאכען וואָס מאכען שטאַרק און געזונד דעם גוף:

די הויפּט יסודות פון היגיענא זענען פאָלגענדע:

אלא כשהוא צמא. ואל ישהא נקביו אפילו רגע אחד. אלא כל זמן שצריך להשתין או להסך את רגליו יעמוד מיד:

(ב) לא יאכל אדם עד שתמלא כריסו אלא יפחות כמו רביע משביעתו. ולא ישתה מים בתוך המזון אלא מעט ומזוג ביין. וכשיתחיל המזון להתעכל במעיו שותה מה שהוא צריך לשתות. ולא ירבה לשתות מים ואפילו כשיתעכל המזון. ולא יאכל עד שיבדוק עצמו יפה יפה שמא יהיה צריך

דער מענש דארף קיינמאל נישט געהן עסען נאר ווען ער איז הונגעריג, און זאל נישט טרונקען נאר ווען ער איז דורשטיג. און מען טאר זיך נישט איינ- האלטען פון נקיות פערבראכען אפילו קיין איין רגע. נאר אז מען דארף משתין זיין אדער שטילגאנג צו האבען זאל מען תיכף ארויסגעהן:

(אויב די צינג איז נישט ריין און עס איז ביטערלעך אין מויל איז א סימן אז דער מאגען איז פערדארבען. דאן טאהר מען נישט עסען ביז מען זאל איינגעמען רצין-עהל אבצופיהרען. נאכ'ן רצין-עהל איינגעמען זאל מען נאר טרינקען טעה, וואסער, מיט מילך, גריץ, אבער נישט באלד צו צוחאפען זיך צום עסען. אויב עס מאכט זיך אמאהל אז דער מענש פערליהרט דעם אפעטיט פון עסען נישט צוליב א פערדארבענג, נאר בעוויל דער מאגען איז אביסעל שוואך דורך א קאטהאר. דאן איז גוט צו פערשטארקען דעם מאגען און צוריק צוקערען דעם אפעטיט דורך די פאלגענדע רפואות:

1) אלע אין דער פריה איינצונעמען אויפ'ן שפיץ מעסער אביסעל קרימעטארטארי.

2) דריי מאהל טעגליך איינצונעמען צו 10 קראפלים „טינקטורא-גענטיאני" פאר'ן עסען.

3) דריי מאהל טעגליך איינצונעמען צו 15 קראפלים „טינקטורא חינא-קאמפא-זיטא", אויך פאר'ן עסען.

4) דריי מאהל טעגליך איינצונעמען צו 15 קראפלים פאר'ן עסען „טינקטורא-אמאראע".)

(ב) דער מענש זאל זיך נישט אנעסען שטארק צו דער זאט ביז דער מא-גען זאל ווערען גוט פול, נאר מען דארף עסען א פיערט חלק וועניגער ווי ביז צו דער זאט. למשל אז א מענש קען איפעסען ער זאל ווערען גוט זאט פיער זעמעל, זאל ער עסען נאר דריי. אויב ער קען אויפעסען א פונד ברויט, זאל ער נאר עסען דריי פערטעל פונד. אין מיטען עסען זאל מען נישט טרונקען נאר א קליין ביסעל וואסער געמישט מיט וויין. און ווען דאס עסען הויבט שוין אן פערדייעט צו ווערען אין מאגען. מעג מען שוין אזוי פיל טרונקען וויפיל מען ברויך. אבער צופיל וואסער זאל מען נישט טרינקען, אפילו דאמאלס ווען דאס עסען ווערט שוין פערדייעט. פאר'ן עסען דארף זיך דער מענש גוט בודק זיין

צריך לנקביו. לא יאכל אדם עד שילך קודם אכילה עד שיתחיל גופו לחום. או יעשה מלאכה. או יתיגע ביגיעה אחרת. כללו של דבר יענה גופו וייגע בכל יום בבקר עד שיתחיל גופו לחום. וישקוט מעט עד שתתישב נפשו ואוכל. ואם רחץ בחמין אחר שיגע הרי זה טוב. ואחר כך שוהה מעט ואוכל:

(ג) לעולם כשיאכל אדם ישב במקומו או יטה על שמאל. ולא יהלך ולא ירכב ולא ייגע ולא יזעזע גופו ולא יטייל. עד שיתעכל המזון שבמעיו. וכל

זיין אויב ער דארף נישט עפעס נקיות צו פערברויכען, דער מענש דארף נישט געהן עסען ביז ער זאל צום ערשט געהן א שטיקעל וועגס, אדער ער זאל צוערשט טהון עפעס אנ'ארבייט אז דער גוף זאל ווערען גוט דערווארעמט. דאס איז דער כלל פון די זאך, אז אלע אין דער פריה פאר'ן עסען זאל דער מענש מאכען בעוועגונגען מיט זיין גוף דורך עפעס אנ'ארבייט, ביז דער גוף וועט ווערען גוט דערווארעמט, דערנאך זאל מען זיך אביסעל אפרוהען און געהן עסען. אויב מען קאן זיך אפוואשען אין א ווארעמע וואננע נאך דער ארבייט, איז גאר גוט, נאר נאך די וואננע דארף מען זיך אביסעל אפרוהען און דערנאך צוגעהן עסען:

(בשעת ווען דער מענש איז דערשוויצט זאל ער זיך היטען נישט צו טוהן ראפטום א קאלטען טרינק וואסער, און נישט אנידערצושטעלען זיך אויף א ווינד, ווארען דאמאלס קאן זיך דער מענש גרינג פערקיהלען און שלאף ווערען אויף „אינפולענציא" אדער אויף א פיבער. דער מענש וואס האט זיך נישט געהיטען און האט געחאפט א פערקיהלונג, וואס דער ערשטער סימפטאהם איז קאפ-וועהטאג, עס ווערט עס שוועהר אויפ'ן הארץ און עס דישעט עם א טריקינער הים. זאל ער ראשית באלד נעמען צו שוויצען, דהיינו ער זאל קויפען אין אפטייק די דריי מינים: בעזאווי-טעה, ליפאווי-טעה און גע-טריקענטע מאלינעס, יעדעס פאר 5 קאפ׳. דאס זאל מען פערבריהן אין א טשייניק אלץ צוזאמען, עס זאל זיך אנצוהן א שטארקען סענץ. דאס זאל מען טרינקען, ליגענדיג אין בעט, אזוי ווי טעה גוט הייס, אנגעציקערט, און מיט אריק אריינגעמישט. נאכ'ן אויסטרינקען אזא טעה דריי אדער פיער גלעזער זאל מען זיך גוט צודעקען און איינשלאפען, וועט מען גוט שוויצען. אויב נאכ'ן שוויים איז עס נישט לייכטער געווארען, זאל ער איינגעמען „חינין-מוריאטיקום" דריי פראשקעס א טאג, פון דריי ביז פינף גראן. און אבלאטקעס. די רפואה דארף מען געמען דריי טעג צו דריי פראשקעס. אויב נאך דעם מיין ווערט נישט אינגאנצען געזונד, זאל מען נישט ווארטען נאר באלד ווענדען זיך צו א גוטען ראקטאר.)

(ג) איביג ווען דער מענש עסט זאל ער זיצען אויף אנ'ארט, אדער ער זאל ליגען אנגעלעהנט אויף דער לינקער זייט. באלד נאכ'ן עסען זאל דער מענש נישט געהן

וכל המטייל אחר אכילתו. או שינע. הרי זה מביא על עצמו חלאים רעים וקשים:

(ד) היום והלילה כ"ד שעות. די לו לאדם לישן שלישן. שהוא שמונה שעות. ויהיו בסוף הלילה. כדי שתהי' מתחלת שנתו עד שתעלה השמ"ש

געהן אין וועג אריין, נישט רייטען, נישט נעמען זיך צו קיין ארבייט, נישט מאכען קיין בעוועגונגען מיט'ן גוף, ביז דאס עסען וועט איבערגעקאכט ווערען אין מאגען, און עס וועט אנהייבען פער-דייעט צו ווערען. דער וואס נעמט זיך באלד נאכ'ן עסען צו דער ארבייט, אדער געהט אין וועג אריין, דער ברענגט אויף זיך שלעכטע און שווערע קראנק-הייטען:

(דאס איז זעהר וויכטיג צום געזונד. אז נאכ'ן עסען זאל מען אביסעל איבער-געהן זיך אהין און צוריק אין שטוב, און באלד דערנאך זאל מען זיך צולעהגען און ליגען א קליינע צייט גאנץ רוהיג. דאס ברענגט דערצו אז דאס עסען אין מאגען זאל ווערען גוט איבערגעקאכט און פערדייעט. און דאן אז דאס עסען לאזט זיך ארויס פון מאגען אין די גידערעם אריין ווערט פון דעם עסען אויסגעארבייט דורך די לעבער מיט די גידערעם אלע נויטיגע פייכטיקייטען פאר דעם קערפער וועגען, און עס געהט ארויס בלויז פסולת וואס - ניצט שוין גאר נישט. אבער אז מען נעמט זיך באלד נאכ'ן עסען צו דער ארבייט, יעהרט נישט דאס עסען אין מאגען און עס מאכט זיך דארט גאנץ ווייניג קוילען-זוירע, איבער וואס דאס עסען לאזט זיך ארויס פון מאגען אין די גידערעם אריין אומפערדייעט, און פון דעם ווערט אין קערפער געמאכט צוויי גרויסע פעלערן. איינס. וואס דאס עסען גיבט נישט ארויס פאר'ן קערפער וועגען אלע נויטיגע פייכטיקייטען, איבער וואס דער קערפער ווערט אבגע-שוואכט צווייטענס. וואס דורך דעם וואס קומט אין די לעבער אריין פייכטי-קייטען פון אן אומפערדייעט עסען, ווערט די לעבער אבגעשוואכט, און עס ענטוויקעלט זיך אין די לעבער גאל-שטיינער, און פיעל מאהל ווערט דער מענש דורך דעם קראנק אויף די געלע-זיכט די ספעציאלע רפואות צו גאל-שטיינער און צו די לעבער קראנקהייט איז דאס קרייטעכץ "חעלידאני". אין די האמעאפאטישע אפטייקען בעקומט מען חעלידאני-פינולקילעך קליינענקע, מען קאן די רפואה איינעמען אלע 3 שעה 10 פינולקילעך, אויסער דעם דארף מען זעהן ביי די לעבער-קראנקהייט צו זיין אלע טאג אויפענלייביג. וועגען דעם איז גוט איינצונעמען קארלסבאדער-זאלץ סטוצנע. און אב צו שוואכען די גאל-שטיינער האבען די דאקטוירעם אנגענומען פאר ספעציעל, טערפע-טין טראפען.)

(ד) דער טאג מיט די נאכט פארנעמען פיער און צוואנציג שעה. איז גאנץ גענוג אז דער מענש זאל שלאפען א דריטעל מעת לעת. דאס הייסט אכט שעה די אכט שעה זאלען זיין צום סוף נאכט, אזוי אז פון אנהויב שלאף ביז די זונן

השמ"ש שמונה שעות. ונמצא עומד ממטתו קודם שתעלה השמ"ש:
(ה) לא יישן אדם לא על פניו ולא על ערפו. אלא על צדו. בתחלת הלילה על צד שמאל. ובסוף הלילה על צד ימין. ולא יישן סמוך לאכילה. אלא ימתין אחר אכילה כמו שלש או ארבע שעות. ולא יישן ביום:

דברים

זינן וועט אויפשיינען זאל זיין אכט שעה. ביינאכט פאר זייגער ניין, וועט אויסקומען
למשל אז די זונן שיינט אויף זייגער פינף איפצוהויבן זיך פונקט איידער די זונן
אין דער פריה, דארף מען זיך לייגען שיינט אויף:

(דאס צו לאנג שלאפען שוואכט אב ביים מענש די ענערגיע, ער ווערט פויל. דער שכל מיט'ן זכרון ווערען קנאפ. דאגעגען ווייטער דאס צו וועהניג שלא־פען, שוואכט אב ביים מענש דעם מאגען, דאס הארץ מיט די נערוווען. מען קאן גרינג בעקימען דורכ'ן וועניג שלאפען א נערווען־קראנקהייט. רפואות צו נערווען־קראנקהייט האבען די דאקטוירעם אנגענומען פאר ספעציעל „בראם", „קאלי־בראמאטי" אדער „נאטרי־בראמאטי". אין די שווערע פאלען פערשרייבט דער דאקטאר צו צומישען „קאלי־יאדאטי". די רפואה פון „נאטרי־בראמאטי" קאן מען זיך ערלויבען אליין איינצונעמען. מען מישט אוים פינף טהייל „נאטרי־בראמאטי" אויף הונדערט טהיילען איבערגיקאכט וואסער. פון דעם קאן מען איינעמען פון 3 ביז 4 לעפעל טעגליך. אויב דער שכל מיט'ן זכרון איז ביים מענש קאלי געווארען איז זעהר גוט איינצונעמען די רפואה וואס ווערט גיבּרענגט אין ספר „מפעלות אלקים" וואס רופט זיך „אגני־קארדי", הייננט בעקומט מען נישט די רפואה אין קיין שום אפטייק, נאר אין א האמע־אפאטישע אפטייק. מען קאן זיך קויפען קלייגענקע פיגולקעלעך פון די רפואה „אגני־קארדי" און איינצונעמען 3 מאהל טעגליך צו 10 פיגולקעלעך. נאך איין וואך איינעמען זאל מען זיך איין וואך אברוהן, דער נאך ווייטער איינצונעמען די זעלבע דאזא.)

(ה) דער מענש זאל זיך נישט לעגען אויף דער רעכטער זייט. באלד נאכ'ן
שלאפען נישט אויפ'ן פנים, נישט נאכט־עסען דארף מען נישט געהן שלא־
אויף די פלייצעס נאר אויף א זייט. אין פען, נאר מען זאל ווארטען בערך
אנהויב נאכט זאל ער זיך לעגען אויף דריי שעה. בייטאג דארף מען נישט
דער לינקער זייט, און צום סוף נאכט שלאפען:

(דאס עסען שפעהט ביינאכט פאר'ן שלאפען געהן מאכט אהן אין מאגען א גרויסע חורבה. דער מאגען ווערט זעהר אבגעשוואכט דורך דעם, בעווייל דאס עסען ליגט צולאנג אין מאגען און עס הויבט אהן צו פוילען, ווארען ביינאכט איז דער מאגען שלעפערדיג, און ער האט נישט דעם קראפט אזוי גוט צו פונקצ'אניר'ען אזוי ווי בייטאג, דורך דעם ווערט די צונג בעלייגט, עס שלאגט אין מויל ארויין שלעכטע גאזען, און עס ענטוויקעלט זיך דורך דעם

א מאגען

(ז) דברים המשלשלין את בני מעים כגון ענבים ותאנים ותותים ואגסים ואבטיחים ומיני הקשואים ומיני מלפפונות אוכל אותם האדם בתחלה קודם אכילה. ולא יערבם עם המזון. אלא שוהה מעט עד שיצאו מבטן העליון ואוכל מזונו. ודברים שמאמצין את בני מעים. כגון רמונים ופרישין ותפוחים וקרוסטומולין. אוכל אותן תיכף למזונו. ולא ירבה לאכול מהן:
כשירצה

אַ מאָגען קאַטהאַר. דער וואָס האָט זיך קאַלי געמאַכט אַזוי נאָך דעם מאָגען און וויל עס צוריק פאַרעכטען, איז ראשית זאָל ער זיך אָנהויבען צו פיהרען אַזוי ווי דער רמב"ם שרייבט, אַז פון נאַכט עסען ביז דעם שלאָפען געהן זאָל געדוירען 3 שעה. צווייטענס זאָל ער נעמען רפואות צו פערשטאַרקען דעם מאָגען. די בעסטע רפואות צו דעם בעקומט מען אין די האָמעאָפּאַטישע אַפּטייקען צוויי פלעשלעך קראָפּלים: "אַנטימאָן־קרודום" און "פּולזאַטילא". פון די צווייערליי קראָפּלים קאָן מען איינעמען אַלע שעה. אָדער אַלע צוויי שעה פון 3 ביז 5 קראָפּלים. פון ביידע פלעשילעך געהיפּערט.)

(ז) די זאַכען וואָס זענען משלשל די גערערים, דהיינו וויין־טרויבען, פייגען, קירשען, פלוימען, מעלאָנען, אוגערקעס, אַלערליי ריבלעך, דאָס זאָל דער מענש עסען פאַר'ן עסען. אָבער מען זאָל זיי נישט עסען צוזאַמען מיט דער עיקר סעודה, נאָר מען זאָל נאָך זיי אַביסעל וואַרטען, און דערנאָך זאָל מען געהן עסען די סעודה. און די זאַכען וואָס האַלטען איין די גערערים, אַזוי ווי מילגרוימען, בירנען, עפּעל, פּאָמעראַנ־צען. דאָס זאָל מען עסען באַלד נאָך דער סעודה. אָבער צופיל זאָל מען פון זיי נישט עסען:

(דער טעם פון רמב"ם'ס ערקלערונג איז לויט דאָקטאָריא, בעוויייל די גרינגע מאכלים וואָס זענען אַביסעל משלשל די גידערים צוהן געשווינד זיך אַרויס צו לאָזען פון מאָגען אין די גידערים אַריין, און די אַנדערע פעסטערע מאכלים צוהן צו בלייבען לענגער אין מאָגען, בעוויייל זייער פערדייַענג אין מאָגען דאַרף לענגער צו געדוירען. דערום אויב דער מענש פאָלגט נישט אַזוי ווי דער רמב"ם שרייבט, נאָר ער עסט דעפויר די פעסטערע מאכלים און דער נאָך די גרינגע מאכלים, וואָס זענען משלשל, קומט אויס אַז אין מאָגען ליגען פון אונטען די פעסטערע מאכלים, און זיי לאָזען נישט אַרויס פון מאָגען אין די גידערים אַריין די גרינגערע מאכלים. וואָס ווערען דעפויר איבערגעקאָכט און פערדייַעט. דורך דעם מאַכען אָן די פערדייַעטע גרינגע מאכלים אַ בראָ־זשענע אין מאָגען. וואָרען זיי הויבען באַלד אָן אַרויס צו געבען פון זיך זייערע גאַזען, וועלכע שלאָגען קאַפּויר אין האַלז אַריין, ביי וואָס דער מענש מוז גרעפּצען. אין פיעל פאַלען קאָן דאָס אַרויסברענגען דער מענש זאָל אויסברעכען דאָס עסען, אָדער עס מאַכט עהם אָן אַברענענג, וועלכעס רופט זיך "זגאַגאַ". אַ ספּעציאַלע רפואה צו דער זגאַגאַ מיט'ן גרעפּצען איז, צו נעמען אַ קאַווי־לעפעלע "טרינק־סאָדע" און אויס צומישען מיט פינף לעפעל
קאַלט

(ז) כשירצה אדם לאכול בשר עוף ובשר בהמה כאחד. איכל בתחלה בשר העוף. וכן ביצים ובשר עוף. אוכל בתחלה ביצים. בשר בהמה דקה ובשר בהמה גסה. אוכל בתחלה בשר דקה. לעולם יקדים אדם דבר הקל ומאחר הכבד:

(ח) בימות החמה אוכל מאכלים הקרים. ולא ירבה בתבלין. ואוכל את החומץ ובימות הגשמים אוכל מאכלים החמים ומרבה בתבלין. ואוכל מעט מן החרדל ומן החלתית. ועל דרך זו הולך ועושה במקומות הקרים ובמקומות

קאלט וואסער און דאס אויס צוטרינקען. די רפואה קאן מען איינעמען עטליכע מאל טעגליך.)

(ז) אז דער מענש וויל עסן עופות-פלייש מיט בהמה-פלייש צוזאמען זאל ער צוערשט עסן דאס עופות-פלייש, אייער מיט עופות-פלייש, דארף מען צו-ערשט עסן די אייער ' רונדס-פלייש מיט קאלב-פלייש אדער מיט שעפסן-פלייש, דארף מען צוערשט עסן דאס קאלב-פלייש אדער דאס שעפסן-פלייש. דאס איז דער כלל, אז שטענדיג דארף מען צוערשט עסן דאס גרינגערע מאכל, און דערנאך דאס שווערע-רערע:

(דער טעם פון רמב"ם'ס ערקלערונג אין דעם סימן איז דאס זעלבע ווי אויבען נאך סימן (ו) בעשריבען איז. מיר גיבען דא צו נאך אבאמערקונג, אז דער וואס האט א שוואכען מאגען זאל קיין אייער נישט עסן. הארטע אייער איז צו א שוואכען מאגען אזוי ווי סם. און אפילו שיטערע אייער אויב זיי זענען נישט פרישע נאר מען שפירט זיי שוין עטוואס אזוי ווי א ריח פון לויב אדער וועש-סאדע, זענען זיי שוין אויך שטארק שעדליך צום שוואכען מא-גען. עס איז אלזא נאר ערלויבט פאר אזעלכע מענשען פרישע אייער לויז געקאכט. דעסט גלייכען רונדס-פלייש, שעפסען-פלייש איז אויך שווער צום פערדייען פאר א שוואכען מאגען. קאלב-פלייש איז גרינגער צום פערדייען, אבער גאר דאס גרינגסטע פלייש צום עסן פאר א שוואכען מאגען איז נאר וויים הינערען-פלייש אדער קאטשקע-פלייש. געזין פלייש הייסט אויך שוין שווער פלייש צום פערדייען די אלע שווערע פליישען וואס זענען שווער צום פערדייען, זאל מען גוט צוהאקען און צומאהלען, און פרעגלין דער-פון קאטלעטין מיט קאקוס-בוטער, אזוי נאך ווערען זיי גרינגער צום פערדייען. ספעציאלע רפואות צו פערשטארקען דעם מאגען זענען פאלגענדע: בעפסין-וויין, ראפאל-וויין. חינין-וויין, בארבאר-וויין, דאס אלעם בעקומט מען צו קויפען אין די אפטייקען. נאך יעדען עסן איז גוט אויס צו טרינקען א קליין וויין-גלעזעל פון די מעדעצין-וויינען.)

(ח) זומער צייט דארף מען עסן אמ-מייסטענס קאלטע מאכלים, אויך זאל מען עסן פיל בשמים, געווירצען, און ביסלעכווייז זענעף אדער ברייט. און

לויט

ובמקומות החמים. בכל מקום ומקום הראוי לו:

(ט) יש מאכלות שהם רעים ביותר עד מאד וראוי לאדם שלא לאוכלן לעולם. כגון הדגים הגדולים המלוחים הישנים. והגבינה המלוחה הישנה. והכמהין ופטריות. והבשר המלוח הישן. ויין מגתו. ותבשיל ששהא עד שנדף ריחו. וכן כל מאכל שריחו רע או מר ביותר. הרי אלו לגוף כמו סם המות. ויש מאכלות שהן רעים אבל אינן כמו הראשונים לרוע. לפיכך ראוי לאדם שלא לאכול מהן אלא מעט ואחר ימים הרבה. ולא ירגיל עצמו להיות מזונו מהם או לאוכלן עם מזונו תמיד. כגון דגים גדולים

ונבינה

לויט דעם קאן מען שוין אליין פערשטיין ווי אזוי דער מענש דארף זיך פיהרען מיט'ן עסען, צו מען איז אין א קאלט געגענד, צו מען איז אין א היים געגענד, דארף מען זיך אלץ פיהרען אויף יעדען ארט, אזוי ווי עס איז צוגעפאסט צו דעם ארט:

(ווענען דער טעמפעראטור פון די שפייזען, איז ביים לאנגזאמען עסען ווערט זי געמעסיגט ביז זי קומט אין מאגען אריין. ביי א שנעלען עסען איז די צייט צו קורץ און די מאכלים קומען אריין אין מאגען הייסערהייד. דער רעזול-טאט פון דעם שנעלען עסען איז א גאנצע רייהע פון פערשידענע קראנקהייטען: מאגען-קאטהאר קישקעס-קאטהאר און נאך אנדערע פערדייענגס-קראנקהייטען, אלזא איז א סכנה אראב צושלינגען צו-הייסע מאכלים, וועלכע צובריהען דעם מאגען. דעסט גלייכען צו-קאלטע מאכלים איז אויך א סכנה פאר'ן מאגען, ווארען דורך אזעלכע צו-קאלטע מאכלים קאן גרינג פערקיהלט ווערען די פערדייענגס-ארגאנען. אבער צו לאנגזאם עסען איז אויך אונגעזונד. מ'זענען פערהאנען מענשען, וואס האבען א טבע צופיעל איבער צוקייען דאס עסען. איידער זיי שלינגען אראב דעם ביסען, אזא מין עסען פערדארבט די הנאה פון די שפייז. בכן דארף מען שטענדיג אכטונג געבען סיי זומער סיי ווינטער אז דאס עסען זאל מען עסען נארמאל.)

(ט) ס'איז פערהאנען מאכלים וואס זע-נען זעהר שלעכט צום גוף, און דער מענש דארף זיין געהיטען קיינמאל זיי נישט צו עסען, דהיינו גרויסע געזאלצענע פיש, וואס זענען שוין גאנץ אלט. אלטער געזאלצענער קעז. געזאל-צענע פליישען, וועלכע זענען שוין גאנץ אלט. אלערליי שוואמען פרישער וויין, וועלכען מען האט ערשט ארויסגענומען פון קעלטער. א געקעכץ וואס שטעהט שוין לאנג ביז מען שפירט שוין דערפון א פערעמדען גערוך. און אזוי אויך יעדעס מאכל וואס האט א שלעכטען ריח, אדער וואס איז זעהר ביטער. דאס אלץ איז צום גוף אזוי ווי סם-המות, ווידער איז פערהאן א צווייטע טייל מאכלים, וואס זענען אויך שלעכט צום גוף, אבער נישט אזוי שטארק שלעכט ווי די איבענגדער-מאנטע מאכלים, אלזא קאן דער מענש פון זיי יא עפעס עסען. אבער נאר ווייניג און אויך נאר אמאל פון צייט צו צייט, די מאכלים זענען: גאנץ גרוי-

סע

וגבינה וחלב ששהא אחר שנחלב כ"ד שעות. ובשר שורים גדולים ותישים גדולים. והפול והעדשים והספיר. ולחם שעורים ולחם מצות. והכרוב והחציר והבצלים והשומים והחרדל והצנון. כל אלו מאכלים רעים הם. ואין ראוי לאדם לאכול מאלו אלא מעט עד מאד ובימות הגשמים. אבל בימות החמה לא יאכל מהן כלל. והפול והעדשים בלבד אין ראוי לאוכלן לא בימות החמה ולא בימות הגשמים. והדלועין אוכלין מהן בימות החמה:
(י) ויש מאכלות שהם רעים ואינן כמו אלו. והם עוף המים ובני יונה הקטנים. והתמרים ולחם קלוי בשמן או לחם שנילוש בשמן. והסולת

שנפו

סע פיש, קעז, מילך וואס שטעהט שוין א גאנצען מעת לעת נאכ'ן אויסמעלקען, רינדס-פלייש פון די גרויסע אקסען, שעפסען-פלייש פון די גרויסע באראנעס אלערליי גראפע און הארטע ארבעסען וואס זענען שווער צום פערדייען. גערשטען-געבעקס, מצה-געבעקס פון אונגעזויערט טייג, קרויט, שטצאוו, ציבעלעס, קנאבעל, זענעף, רעטעך, די אלע זענען שלעכטע מאכלים, און מען דארף פון זיי נישט צו עסען נאר א מאל ווינטער צייט, און אויך נאר גאר ווענינ. אבער זומער צייט זאל מען פון די מאכלים גאר נישט עסען. די מינים ארבעסען וואס זענען שווער צו פערדייען זאל מען קיינמאל נישט עסען. ארבוסען קען מען עסען נאר אין זומער:

(ס'איז אינטערעסאנט צו וויסען. אז דאס פלייש פון פיש איז לויט זיין כעמישער צוזאפשטעלענג נישט ערגער ווי רינדס-פלייש. דעם ניטצען וואס דער ארגאניזם האט פון פיש-שפייזען, ווי זיי זאלען נישט זיין צוגעגרייט, איז גענוי דער זעלבער ווי פון פלייש-שפייזען. די נייעסטע פארשונגען האבען זאגאר בעוויזען, אז דער מאגען פערדייעט די פיש-שפייזען אזוי לייכט און גוט ווי די פלייש-שפייזען. די מיינונג וואס הערשט ביים עולם, אז פיש איז א שווערע אכילה, נעמט זיך נאר דערפון וואס נישט אלע מענשען פיהלען א טעם אין פיש. און דער טעות איז פערשפרייט ביי די אומות העולם מעהר ווי ביי אידען. איין אונטערשיד איז נאר פערהאן צווישען פיש און פלייש, מחמת דעם וואס אין פיש-פלייש איז ענטהאלטען מעהר וואסער און ווענינער נאהרונגס-שטאף, איבער וואס עס זעטיגט נישט אזוי גוט ווי פלייש. און לויט רעכענונג קומט אויס אז כדי זאט צו ווערען פון פיש, דארף מען עסען פון פיש דריי מאל אזוי פיעל ווי פון פלייש. נאך איין אונטערשיד איז דא צווישען פיש און פלייש, וואס אלטע טויטע פיש ענטהאלטען אין זיך מעהר גיפט ווי אלט פלייש.)

(י) ס'איז פערהאן נאך א דריטע טייל מאכלים. וואס זענען אויך שלעכט צום גוף, אבער ווענינער פון די אויבענדערמאנטע מאכלים. זיי זענען: פלייש פון וואסער-עופות, דהיינו גענז, קאטשקעס, און אויך פלייש פון יונגע טייבעלעך, טייטלען, ניבעקס פון גיברענטע תבואה מיט בוימעהל, אדער געבעקס

וואס

שנפו אותה כל צורכה עד שלא נשארה בה ריח מורסן. והציר והמוריים. אין ראוי להרבות מאכלות אלו. ואדם שהוא חכם וכובש את יצרו ולא ימשך אחר תאותו. ולא יאכל מן הנזכרים כלום אלא אם נצרך להם לרפואה. הרי זה גבור:

(יא) לעולם ימנע אדם עצמו מפירות האילנות. ולא ירבה מהן ואפילו יבשין. ואין צריך לומר רטובים. אבל קודם שיתבשלו כל צורכן הרי הן כחרבות לגוף. וכן החרובין רעים לעולם. וכל הפירות החמוצין רעים ואין אוכלין מהן אלא מעט בימות החמה ובמקומות החמים. והתאנים

והענבים

וואס איז געקנעטען מיט בוימעהל, מעהל וואס איז אזוי גוט געזיפט געווארען, ביז עס איז שוין נישט געבליבען דערין קיין ריח פון קלייען, ראסעל פון געזאלצענע פיש אדער פון געזאלצענע פליישען. חאטש די מאכלים זענען זעהר גוט בשעת ווען מען עסט זיי, אבער דערנאך קאנען זיי שאדען צום גוף, אלוא דארף מען זיי אויך נישט עסען צופיל, און ווער עס איז נאר א מענש מיט פערשטאנד זאל זיך נישט נאכגעבען די תאווה און זאל פון די אויבענדערמאנטע מאכלים גאר נישט עסען אפילו פון די לעצטע וואס שטעהן אויסגערעכענט אין דער דריטער טייל. אויף אזא מענש וועט מען קענען זאגען אז ער איז א גבור הכובש את יצרו:

(ס'איז בעקאנט יעדען געבילדעטען מענש, ווי גרויס עס איז די ווירקונג פון דעם גייסטיגען צושטאנד און פון דער שטימונג אויף דעם פראצעס פון פערדייאונג. אלוא דארף מען נישט טראכטען בשעת סעודה, נישט וועגען קיין עסקים, און נישט וועגען אלע אנדערע ערנסטע ענינים, און אודאי נישט וועגען טרויעריגע זאכען. שווערע דאגות פערטרייבען נישט בלויז דעם אפעטיט, נאר זיי שטערען די נארמאלע טעטיגקייט פון מאגען. בכלל ווייסט מען אז די טעטיגקייט פון מוח ווירקט דירעקט אויף דעם פיזיאלאגישען לעבען פון מאגען, ביי דעם אנבליק פון עפעס א געשמאק מאכל, נאך איידער מען האט עס צוקייעט און אראבגעשלונגען, האט שוין באלד נאך פאראויס דער מאגען ארויסגעגעבען דעם זאפט, וועלכער העלפט צום פערדייען דאס עסען. עס איז דעריבער נישט בלויז נויטיג, אז די שפייזען זאלען זיין עדעל, ריין און געשמאק, נאר אויך אז זיי זאלען דערלאנגט ווערען אין ריינע שענע כלים, און אויף א ריינעם און שענעם בעפוצטען טיש.)

(יא) אייביג זאל זיך דער מענש פערמיידען פון עסען צו פיל פרוכטען. אפילו קיין געטריקענטע פרוכטען איז אויך נישט געזונד צו פיל צו עסען. אומצייטיגע פרוכטען זענען צום גוף אזוי ווי א שווערד. באקסערן איז קיינמאל נישט געזונד צו עסען, און אזוי אויך אלע זויערע פרוכטען זענען נישט געזונד צום עסען, נאר וואס זומער צייט, אדער אויף די ערטער ווי ס'איז שטענדיג א הייסער קלימאט, קאן מען יא עסען פון די זויערע פרוכטען, אבער אויך נאר אביסל

נישט

והענבים והשקדים לעולם טובים בין רטובין בין יבשין. ואוכל אדם מהם כל צורכו. ולא יתמיד אכילתם אע״פ שהן טובים מכל פרי האילנות:

הדבש

נישט פיל. פייגען, ווייַנטרויבען, מאנ־דלען, זענען שטענדיג געזונד צום עסען יא עסען וויפיל מען וויל. אבער אויך דאס זאל נישט זיין אפטער מעהר פון אלע פרוכטען, סיי פייכטע סיי אלע טאג, נאר פון צייט צו צייט געטריקענטע, אלזא קאן מען פון זיי צייט:

ווייַנטרויבען האבען אין זיך א גרויסע היילונגס־קראפט, און די ווייַנטרויבען־קוראציא עקזיסטירט שוין זעהר לאנג. אבער די קוראציא איז נישט גוט פאר אלע קראנקהייטען. די ווירקונג פון ווייַנטרויבען־זאפט געהט איבערהויפט אויף די קישקעס און אויף די נירען. מעהרסטענטהיילס ווירקט דאס ווי א גרינג אבפיהרונגס־מוטעל, וועלכעס רייניגט אוים די קישקעס און רופט ארוים מעהר אורין. אויב זיי פיהרען אהן צופיעל, דארף מען אנהויבען נעמען וועניגער ווייַנטרויבען, אדער גאר אינגאנצען אויפהערען אנצווענדען דאס מיטעל.

די ווייַנטרויבען וואס מען געברויכט אלס היילמיטעל דארפען ענטהאלטען אין זיך וועניג זויערקייט. די היילונג דארף אנגעהויבען ווערען פון א קלייַנער מאס (1 — 2 פונט) און דארף ביסלעכווייז דערגרייכען ביז 6 פונט א טאג. די גאנצע טעגליכע מאס דארף אייַנגעטהיילט ווערען אין דרייַ פארציעס. די ערשטע פארציע זאל זיין א העלפט פון דער גאנצער מאס, וועלכעס מען דארף עסען באלד אין דער פריה ניכטערן. די צווייטע פארציע זאל זיין א העלפט פון דער געבליבענער העלפט, דאס דארף מען עסען זייגער 12 צוויי שעה פאר׳ן ביטאג עסען. די דריטע פארציע דארף מען נעמען צווישען מיטאג און אבענד־ברויט. די שאלעכץ פון די ווייַנטרויבען איז גוט צו צוקייען זיי איידער מען שפייט זיי אוים. בשעת די ווייַנטרויבען־קוראציע דארף מען זיך נערען מיט לייַכטע שפייַזען, וואס זאלען גיך פערדייַעט ווערען. אויב מען עסט בעת די קוראציע א סך פלייש, איז גוט אז דאס פלייש זאל זיין צומאהלען, פון וועלכען מען זאל מאכען געבראטענע קאטלעטען, ראן קומט דורך דעם צו צום קערפער אויף דער וואג. דאס איז אלץ נאר ווען דער מאגען איז ביי דעם מענש אין ארדענונג, און ווען דער קערפער וויַיזט נישט ארוים קיין אנזועהפריגע קרענקליכע ערשייַנונגען. מען דארף געדענקען אז דאס פארגרעסערען די פארציעס ווייַנטרויבען זאל זיין וואס לאנגזאמער, כדי דער ארגאניזם זאל זיך נארמאל צופאסען און צוגעוויינען צו דעם. די ווייַנטרויבען־קוראציע ברענגט צו גוטע רעזולטאטען ווען מען לייַדט פון לייַכטע נעוראסטעניא. דערבייַ זענען אבער נויטיג נאך אנדערע מיטלען אויך. מענשען וואס לייַדען פון הארץ, נירען אדער לונגען־קראנקהייטען, דארפען זיך פריהער מישב זייַן מיט א דאקטאר, צו זיי זאלען נעמען די ווייַנטרויבען־קוראציע. געוועהנליך דארף די ווייַנטרויבען קוראציע דויערען פון 4 ביז 8 וואכען.

קורארטען

(יב) הדבש והיין רע לקטנים ויפה לזקנים, וכל שכן בימות הגשמים. וצריך אדם לאכול [מהם] בימות החמה שני שלישים מה שהוא אוכל בימות הגשמים:

(יג) לעולם ישתדל אדם שיהיו מעיו רפין כל ימיו ויהיה קרוב לשלשול מעט. וזה כלל גדול ברפואה כל זמן שהרעי נמנע או יוצא בקושי חלאים רעים באים. ובמה ירפה אדם מעיו אם יתאמצו מעט. אם היה בחור יאכל בבקר בבקר מלוחים שלוקים מתובלין בשמן זית ובמוריים

קוראַרטען פאַר ווײַנטרויבען־קוראַציע זענען פערהאַן: אויף קאַווקאַז (טיפליס). אין קרים (יאַלטאַ), און עסטרייך (מעראַן).

(יב) האָניג און ווײַן איז נישט געזונד פאַר קינדער. אָבער פאַר עלטערע מענשען זענען זײ יאָ גוט. ווינטער־צײַט איז נאָך מעהר געזונדער האָניג מיט ווײַן ווי זומער־צײַט. אלזאָ דאַרף מען זומער־צײַט צו פאַרמינצען האָניג מיט ווײַן צוויי דריטעל ווייניגער ווי ווינטער־צײַט:

(אַזוי ווי דער רמב"ם האָט וועגען געווירצען קיין גרויסע באַמערקונג נישט געמאַכט, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז בעניצען זיך מיט פיעל געווירצען אַרײַנצומישען אין די מאכלים, איז נישט געזונד פאַר'ן קערפער. עס געפינט זיך אָבער אויך אַזעלכע געווירצען וואָס איז גלײַכער זײ אינגאַנצען אויסצומײַדען. נישט שעדליך איז צוקער, זאַגאַר זעהר נוצליך ווען מען געברויכט איהם נישט צופיעל, נאַטירליך זאָלץ מוז אַרײַנגעקומען צו ביסלעך כמעט אין אַלע אונזערע מאכלים. נישט שעדליך זענען אויך די פערשידענע פלאַנצענגען, מיט וועלכע מען געווירצט די שפּײַזען. ווי. פּיעטרושקע, קלײַנע צוּבעלקעלעך. קנאָבעל, מײַרעלעך לאָרבער, זאַפערן, קימעל קראָפּ א'ד'ג'. נישט שעדליך זענען אויך זויערע פרוכט־זאַפטען, ציטרין־זאַפט, פרוכט־עסיג, ווײַן־עסיג.
קלענערע ניטצען ברענגען די שטאַרקע געווירצען. ווי, גרויסע רויטע ציבעלעס צופיעל פעפער און אינגבער. מיט שטאַרקע געווירצען איז גלײַכער צו בענוצען זיך ווינטער־צײַט מעהר ווי אין זומער ווען ס'איז גרויסע היטצען, אַזוי ווי דער רמב"ם שרײַבט וועגען האָניג מיט ווײַן. וואָרען דאָס אַלעס גיבט צו דעם טאָגען היטץ, וועלכעס זומער איז עס איבריג, און ווינטער איז עס גוט.)

(יג) דער מענש דאַרף זײַן געוואָרנט צו טהון כל מיני פעולות, אַז ער זאָל האָבען אַלע טאָג אַ ווייכען שטילגאַנג, אַזוי אַז עס זאָל שוין זײַן נאָהנט צו עטוואָס שלשול. און דאָס איז אַ גרויסער כלל אין רפואה אַז כל זמן דעם מענש קומט אָן שווער דער שטילגאַנג קאָן אויף איהם קומען פערשידענע קראַנקהײַטען. און מיט וואָס קאָן זיך דער מענש ווייך מאַכען די געדערם ווען זײ ווערען אײַנגעהאַלטען? אויב דאָס איז בײַ אַ יונגען מענש, זאָל ער עסען אײַנגעזאַלצענע

ובמוריים ובמלח בלא פת. או ישתה מי שלק של תרדין. או כרוב בשמן זית ומוריים ומלח. ואם היה זקן ישתה דבש מזוג במים חמין בבקר. וישהא כמו ארבע שעות. ואחר כך יאכל סעודתו ויעשה כן יום אחד או שלשה או ארבעה ימים אם צריך לכך עד שירפו מעיו:
(יד) ועוד כלל אחר אמרו בבריאת הגוף. כל זמן שאדם מתעמל ויגע הרבה. ואינו שבע. ומעיו רפין. אין חולי בא עליו וכחו מתחזק. ואפילו אוכל מאכלות הרעים:

וכל

געזאלצענע אדער געזאטענע אדער מארינירטע ירקות מיט בוימעהל אדער מיט ראסעל אהן ברויט, אדער ער זאל טרונקען דאס וואסער פון געקאכטען מאנגאלד-קרויט, אדער זויער-קרויט מיט בוימעהל און מיט ראסעל. און אויב דאס איז ביי אן אלטען מענש זאל ער טרונקען אין דער פריה ניכטער'ן האניג געמישט מיט הייס וואסער, נאכדעם זאל ער ווארטען בערך פיער שעה און זאל געהן עסען אנבייסען. אזוי זאל ער טוהן פון איינס ביז פיער טעג, לויט ווי עס ווערט אויף איהם ווירקען ביז די געדערעם וועלען ביי איהם ווייך ווערען:

(לויט די היינטיגע חכמת הרפואה איז דא פיל בעסערע זאכען וועגען דעם. דהיינו „קארלסבאדער-זאלץ" איינצונעמען פון איינם ביז צוויי קאווע לעפעלעך און א דריטעל גלאז הייס וואסער, אדער פון איינס ביז צוויי קאווע לעפעלעך „ברוזז-פילווער" אויסגעמישט מיט א דריטעל גלאז קאלט וואסער. אויסער דעם איז דא פיל מינים קרייטעכצער וואס זענען זעהר גוט צו מאכען אפענלייביג. זיי זענען: „טויזענדגילדען-קרויט", דאס פערבריהט מען און מען טרינקט מיט צוקער אזוי ווי טהע. ווידער איז דא „קרושינא-סקורא" דאס ווירקט גאנץ שנעל אהן שמערצען. אויך איז גוט די „סטראנקעס" וועלכע רופען זיך אויך „מוטער-בלעטער". דאס איז גענוג צו פאַרבריהען נאר ביז צעהן שויטלעך און צו טרינקען אזוי ווי טהע. אויסער דעם איז נאך דא וואס עס רופט זיך „פאריזער-טהע", „האמבורגער טהע", „שאמבאר טעה", דאס אלץ איז צו פאבריהען אזוי ווי טהע און צו טרינקען מיט צוקער. די אלע זאכען שוואכען אויך נישט אב דעם מאגען. אבער קיין „ריצין-עהל" זאל מען צו דעם צוועק נישט איינעמען, בעוויייל עס שוואכט אב דעם מאגען. איין פעהלער האבען נאר די אויבענדערמאנטע מיטלען, אז אויב א מענש גיוועהנט זיך צו איין זאך עטליכע וואכען, ווירקט עס שוין אויף איהם וועניג. אלזא דער מענש וואס ליידט אויף עצירות זאל זיך שטענדיג בענוצען מיט פיער מיטלען, אזוי נאך אז אלע וואך זאל ער איינעמען אנ'אנדער מיטעל. צום הייליגען רמב"ם'ס ווערטער זענען מודה אלע היינטיגע פראפעסארען. אלזא דער מענש וואס ליידט אויף עצירות און מהיום נאר נישט ראצו, ער זאל האבען אלע טאג שטילגאנג, הייסט א מתחייב בנפשו.)

(יד) נאך א כלל איז דא צום בריאת הגוף, אז כל זמן דער מענש בע-

מיהט

(טו) וכל מי שהוא יושב לבטח ואינו מתעמל. או מי שמשהא נקביו. או מי שמעיו קשין. אפילו אכל מאכלות טובים ושמר עצמו על פי הרפואה. כל ימיו יהיו מכאובים וכחו תשש. אכילה גסה לגוף כל אדם כמו סם המות. והוא עיקר לכל החלאים. ורוב החלאים שבאים על האדם אינם אלא או מפני מאכלים רעים. או מפני שהוא ממלא בטנו ואוכל אכילה גסה אפילו ממאכלים טובים. הוא ששלמה אמר בחכמתו. שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו. כלומר שומר פיו מלאכול מאכל רע או מלשבוע. ולשונו מלדבר אלא בצרכיו:

דרך

מיהט זיך מיט אַן ארבייט, עסט זיך נישט אָן צו דער זאַט, און האָט אַלע טאָג אַ ווייכען שטילגאַנג, דער מענש איז געזונד און שטארק, און עס קומט נישט אויף איהם אַזוי גיך קיין קראַנקהייט, חאָטש ער עסט געמיינע מאכלים:

(טז) אָבער דער מענש וואָס געהט ליידיג און טהוט נישט קיין שום ארבייט אָדער דער וואָס זעהט נישט צו האָבען אַלע טאָג, אַ ווייכען שטילגאַנג, אפילו ער עסט גוטע מאכלים און היט זיך אָב לויט היגיענא, פון דעסטוועגען ליידט ער שטענדיג אַלע מאָל אויף אַנדערע שמערצען, און זיין כח איז שוואַך. דער ווייטער וואָס עסט אַן אכילה גסה און לעגט זיך אָהן אַ פולען בויך, דאָס איז שיעור צום גוף אַזוי ווי סם המות. און דאָס איז אַ סיבה צו פיל קראַנקהייטען. ווארען דאָס רוב קראַנקהייטען וואָס קומען אויפ'ן מענש זענען אָדער צוליב שלעכטע מאכלים, אָדער צוליב דעם וואָס מען לעגט זיך אָהן אַ פולען בויך און מען עסט אַן אכילה גסה, מעג זיין אפילו פון גוטע מאכלים. אויף דעם האָט שלמה המלך געזאָגט מיט זיין חכמה דעם פסוק „שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו, קען מען זאָגען אַז ער האָט דאָס אויך געמיינט, אַז דער מענש וואָס היט אָב זיין מויל, נישט צו עסען קיין שלעכטע מאכלים, און נישט צו עסען קיין אכילה גסה, און נישט צו ריידען וואָס מען ברויך נישט, דער היט זיך אָב זיין נפש פון צרות:

(די היינטיגע דאָקטוירען שרייבען אַז ס'איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטען דאָס אויף דעם וויכטיגען כלל פון היגיענישען עסען האָט שוין לאַנג פריהער געוועזען די אידישע תורה מיט דעם פסוק „בזיעת אפיך תאכל להם". ביים דעם שווייס פון דיין געזיכט זאָלסטו עסען ברויט. וועלכעס בעדייטעט אויך, אַז פאַר דער נאָרמאַלער ערנעהרונג מוז דער קערפער זיין אָבגעמאַטערט דורך עפּעס אַן ארבייט. די אמת'ע לוסט צום עסען און די ריכטיגע הנאה פון עסען קאָן מען פיהלען נאָר דאַן, ווען מען האָט פריהער פערלוירען אביסעל ענערגיע מיט אביסעל כח און קראַפט. נאטירליך איז נישט דער קערפער מחויב צו זיין פאָלשטענדיג מיעד, און מוז נישט האָבען פערלוירען זיין גאַנצע קראַפט, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד פערשווינדעט אינגאַנצען דער אפעטיט און מען האָט שוין גאָר קיין כח נישט צו פערדייען די שפייזען. איז אַלזאָ די בעסטע

צייט

(מז) דרך הרחיצה. שיכנס אדם למרחץ משבעה ימים לשבעה ימים. ולא יכנס סמוך לאכילה ולא כשהוא רעב. אלא כשיתחיל המזון להתעכל. ורוחץ כל גופו בחמין שאין הגוף נכוה בהן. וראשו בלבד בחמין שהגוף נכוה בהן. ואחר כך ירחץ גופו בפושרין. ואחר כך בפושרין מן הפושרין עד שירחץ בצונן. ולא יעבור על ראשו מים לא פושרין ולא צונן. ולא ירחץ בצונן בימות הגשמים. ולא ירחץ עד שיזיע ויפרך כל גופו. ולא יאריך במרחץ אלא כשיזיע ויפרך גופו ישתטף ויצא. ובודק עצמו קודם שיכנס למרחץ ואחר שיצא שמא יהא צריך לנקביו. וכן בודק אדם עצמו תמיד קודם אכילה ואחר אכילה. קודם בעילה ואחר בעילה. קודם שייגע ויתעמל ואחר שייגע ויתעמל. קודם שיישן ואחר שיישן. בשיעור הכל עשרה: [ומלבד זה צריך לבדוק עצמו

על

צייט פאר דאס עסען בשעת ווען דער קערפער רוהט זיך אויס פון זיין אר־בייט. און נאכ'ן עסען דארף מען אביסעל זיך אפרוהען איידער מען געהט צו דער ארבייט.)

(מז) דער דרך פון אפוואשען זיך דעם גאנצען קערפער דארף אזוי זיין, אז אלע זיבען טאג זאל דער מענש געהן אין א מרחץ אריין. מען זאל נישט אריין געהן אין מרחץ אריין פאר'ן עסען, און נישט ווען מען איז הונגעריג, און נישט באלד נאכ'ן עסען. נאר מען זאל ווארטען אביסעל נאכ'ן עסען ביז דאס עסען וועט אנהויבען פערדייעט צו ווערען. דאס וואסער און וועלכען מען וואשט זיך אב דעם גאנצען קערפער, זאל זיין גוט ווארעם, אבער נישט צו הייס. (הייגט איז דא א טארמאמעטער צו וואנעס, דאס בעסטע איז צומאכען די וואנע לויט דעם טארמאמעטאר פון 28 ביז 30 גראד היץ.) נאר בלויז דעם קאפ דארף מען יא אבוואשען מיט גוט הייס וואסער. נאך דעם וואס מען האט זיך שוין אבגעוואשען דעם גאנצען קערפער מיט גוט ווארעם וואסער, זאל מען זיך ווייטער איננאנצען אבוואשען מיט לאהלעך וואסער. דערנאך ווייטער מיט אביסעל קיהלער וואסער. צום סוף זאל מען זיך שוין אבוואשען דעם גאנצען קערפער מיט קאלטע וואסער. אבער דעם קאפ זאל מען נישט וואשען מיט קיין אנדער וואסער, אויסער הייסע וואסער. צולאנג מאריך צו זיין אין מרחץ איז אויך נישט געזונד. מען דארף נאר אזוי לאנג זיצען אין מרחץ ביז ס'זאל רינען פון גוף טראפענס שווייס, און די איברים פון גוף זאלען זיך צורידערען, נאכהער דארף מען זיך באלד אבוואשען און ארויס־געהן. אויך דארף מען זיך בודק זיין וועגען נקיות ברויכען, איידער מען געהט אריין אין מרחץ און אזוי דערנאך. דעסטגלייכען דארף זיך דער מענש בודק זיין וועגען נקיות ברויכען שטענדיג פאר'ן עסען, און נאכ'ן עסען. פאר א בעולה, און נאך די בעולה, איידער

מען

על פי דין קודם כל תפלה. כמו שכתוב הכון לקראת אלהיך ישראל:

כשיצא

מען נעמט זיך צו א שווערע ארבייט, אויף פון שלאף. סך הכל איז דא צעהן אין נאך די ארבייט, איידער מען לעגט ציישען וואס דער מענש דארף זיך בודק זיך שלאפען, און ווען מען הויבט זיך זיין וועגען נקיות ברויכען:

(דאס איז נאר על פי דאקטאריא. אבער לויט דעם אידישען דין דארף מען זיך אויך בודק זיין צו נקיות יעדעס מאל איידער מען שטעלט זיך דאווגען. און וויטער וועגען דעם וואס דער רמב"ם האט דא געשריבען אז דעם קאפ זאל מען נישט וואשען מיט קיין קאלט וואסער, נאר מיט היים וואסער געפינט זיך אויף דעם אין די דאקטאר-ביכער א קריטיקא, און כמעט אלע שרייבען פונקט פארקערט, אז דעם קאפ זאל מען נאר מיט קאלט וואסער וואשען. אבער דער אמת איז אז דער רמב"ם האט יא ריכטיג געשריבען אין די אנדערע דאקטוירעם האבּ אויך ריכטיג געשריבען. די מאטיוען פון די ביידע פארקערטע מיינונגען איז אזוי. בעוויל דער רמב"ם האט געוואהנט אין אפריקא, ווי די באפעלקערונג געהט שטענדיג דעם קאפ פערבינדען און פערהילט, און דאדורך איז דער קאפ צוגעוואהנט שטענדיג צו די ווארעמקייט, איז אלזא דער חשבון אז עס טויג נישט צו קיהלען דעם קאפ צו וואשען עהם מיט קאלט וואסער, בעוויל דאס איז פארקערט ווי זיין געוועגהייט איז, קאן זיך דער קאפ גרינג פערקיהלען דורכ'ן קאלטען וואסער. אבער די אנדערע דאקטוירעם, וועלכע זענען געצויגען געווארען אין איירופא, ווי די נישט-אידישע בעפעלקערונג זענען געוואהנט צו געהן אמטיינסטענס בגילוי ראש, דורך וועלכען דער קאפ איז צו געוואהנט צו די קעלט, אלזא שרייבען זיי אז דעם קאפ זאל מען נאר וואשען מיט קאלטע וואסער, כדי די הויט פון קאפ זאל גוט געשטאפט ווערען דורכ'ן קאלטען וואסער, וועט ער זיך דאדורך אזוי גיך נישט פארקיהלען, אפילו ווען ער וועט געהן אין דרויסען בגילוי ראש.

נאך אלעם זענען פונדעסטוועגען מודה די דאקטוירעם, אז אפטע קאלטע דושען (פריסניצען) זענען פאר'ן קאפ שעדליך. זיי שרייבען נאך אז די פערזאנען וואס נעברויכען אין זומער אלע טאג א קאלטען דוש אויפ'ן קערפער, און גיסען אפ אין איין גאנג אויך דעם קאפ, פאלען ביי זיי אויס די האר פון קאפ. וועגען דעם וויפיעל מאל אין וואך מען דארף וואשען דעם קאפ, זאגען די דאקטוירעם זייער מיינונג אז מאנספערזאנען מוזען זיך אויסוואשען דעם קאפ אמווענינגסטענס צוויי מאל וועכענטליך, און פרויען איינמאל. אז מען וויל גרינדליך אויסוואשען זיך דעם קאפ דארף מען בענוצען זייף-שפירט, וועלכער מען בעקומט צו קויפען אין אלע אפטייקען מיט דעם נאמען „מילני-ספירט".

צו דעם וואס די האר פאלען ארויס פון קאפ איז די בעסטע רפואה וואס מען בעקומט נאר צו קויפען אין א האמעאפאטישע אפטייק, מיט'ן נאמען „אפיס-פאמאדע" אדער „אפיס-שפירט", וועלכעס איז גוט אויף ביינאכט איין צו-רייבען אין קאפ. דעם זעלבען גוטען רעזולטאט קאן מען בעקומען אויך פון

ארניק

(יז) כשיצא אדם מן המרחץ ילבש בגדיו ויכסה ראשו בבית החיצון, כדי שלא תשלוט בו רוח קרה. ואפילו בימות החמה צריך להזהר. וישהא אחר שיצא עד שתתישב נפשו וינוח גופו ותסור החמימות. ואחר כך יאכל. ואם ישן מעט כשיצא מן המרחץ קודם אכילה. הרי זה יפה מאד. ולא ישתה מים קרים בצאתו מן המרחץ. ואין צריך לומר שלא ישתה במרחץ. ואם צמא כשיצא מן המרחץ ואינו יכול למנוע עצמו. יערב המים ביין או בדבש וישתה. ואם סך בשמן במרחץ בימות הגשמים אחר שישתטף הרי זה טוב:

„ארניק־פאמאדע" אדער פון „ארניק־ספירט" וועלכען. מען בעקומט אויך נאר צו קויפען אין א האמעאפאטישע אפטייק. נאר מיט די לעצטע מיטלען דארף מען זיך גאר צו בעניטצען איינצורייבען דעם קאפ דריי מאל וועכענטליך אויף ביינאכט. דא ווי עס איז נישט דא קיין האמעאפאטישע אפטייק קאן מען זיך „ארניק־שפירט" אליין מאכען. מען זאל קויפען אין אפטייק פאר פינף קאפי־קעס ארניק טהע, און דאס זאל מען איינווייקען אין א גלאז שפירט, אויסער די האמעאפאטישע מיטלען איז צו בעקומען אין אלע גרויסע אפטי־קען, און אויך אין די סקלאד־אפטיצנעס, א גרייט מיטעל מיט דעם נאמען „פיערוני", וועלכעס העלפט אויך גאנץ גוט צו היילען דעם פעהלער פון די האר אויסקריכען.)

(יז) ווען דער מענש געהט ארויס פון מרחץ זאל ער נישט זיצען נאקעט, נאר ער זאל זיך באלד אנטוהן די מלבושים, און דעם קאפ זאל ער אויך באלד צו־דעקען מיט א בגד, כדי ער זאל זיך נישט צוקיהלען. אפילו אין זומער דארף מען אויך צו זיין אין דעם געווארענט. נאכ'ן ארויסגעהן זאל מען זיך אביסעל אברו־העז, ביז די היץ פון קערפער וועט אביסעל קלענער ווערען. דערנאך קאן ער שוין געהן עסען. אויב מען קאן אביסעל שלאפען נאכ'ן ארויסגעהן פון מרחץ פאר'ן עסען איז זעהר גוט. מען זאל נישט טרינקען קיין קאלט וואסער ווען מען געהט ארויס פון מרחץ. ווער שמיסט ווען מען איז נאך אין מרחץ, זאל מען אודאי נישט טרינ־קען קיין קאלט וואסער, נאר געמישט מיט ויין אדער מיט האניג. ווינטער־צייט אויב מען קאן זיך אויסשמירען אין מרחץ מיט בוימעהל נאכ'ן גאנצען אבוואשען איז גאנץ גוט:

(אין די איראפעהשע לענדער איז אין די לעצטע צייטען כמעט אין גאנצע אונטער געגאנגען דער מנהג צו שמירען זיך מיט בוימעהל אין מרחץ. נאר די מענשען וואס ליידען אויף א לייכטען רעוומאטיזם אין די הענד און פיס זאלען זיך אויסשמירען נאכ'ן מרחץ מיט „טערפאנטין" אויסגעמישט האלב אויף האלב מיט האלץ־שפירט. און די מענשען וואס האבען נאר שוואכע פיס מיט שוואכע מוסקולען, איבער וואס די פיס ווערען ביי זיי אלע מאל מיהד, איז גוט זיי זאלען זיך אויסשמירען נאכ'ן מרחץ די פיס מיט אביסעל „נפט".

(יח) לא ירגיל אדם להקיז דם תמיד. ולא יקיז אלא אם יהיה צריך לו ביותר. ולא יקיז לא בימות החמה ולא בימות הגשמים. אלא מעט בימי ניסן ומעט בימי תשרי. ומאחר חמשים שנה לא יקיז כלל. ולא יקיז אדם דם ויכנס למרחץ בו ביום. ולא יקיז ויצא לדרך. ולא ביום שיבא מן הדרך. ויאכל וישתה ביום ההקזה פחות ממה שהוא רגיל. וינוח ביום ההקזה ולא ייגע ולא יתעמל ולא יטייל:

שכבת

די הײַנטיגע דאָקטוירען שרײַבען וועגען באָד פאָלגענדעס: עס איז זעהר וויכטיג דער מענש זאָל געהן זעלטען איין אבאָד, ווײַל די באָד פרישט אויף די אַרבײַט פון דער הויט, דורך וואָס זי דערהאַלט דעם מענשענס קרעפטיגקײַט, און דורך דעם מײַדט דער מענש אויס פערשידענע קראַנקהײַטען. די באָד איז איבערהויפט נייטיג אין יענע פאַלען, בשעת דער קערפער נויטיגט זיך אין אשנעלען בלוט אין שטאָף פערקעהר. דהיינו בײַ דיקקײַט, זאָלאָטוחע, סיפיליס, פאָדאַגרע, רעוומאַטיזם, פערקיהלונג, און אויך נאָך אשוועערער און לאַנגער קרענק. די באָד קאָן שעדליך זײַן נאָר פאַר קלײַנע קינדער און מעוברת'דיגע פרויען ווען זיי געפונען זיך אין לעצטען פעריאָד. נאָך אזאַטיג עסען איז נישט געזונד קײַן באָד. די פערזאָנען וואָס שפײַען מיט בלוט אָדער וואָס האָבען האַרץ־קלאַפּענג, טאָרען נישט געהן אין קײַן באָד.

זעהר טרויריג איז אָבער דער צושטאַנד פון דער אידישער באָד אין די קלײַנע שטעדטלעך. וועלכע זענען על פי רוב חשכ'דיג און שמוציג. די סטעלע (פאָטאָלאָק) איז באַדעקט מיט שימעל און פײַכטקײַט, פון וואַנען ס'טריפּט אָהן אויפהער שמוציגע טראָפּענס. ערב שבת און יום טוב איז א געוואַלדיגע ענגשאַפט און שטופּעניש. די היץ דערגרייכט אמאָל ביז 40 — 50 גראַד. פיעל וואַשען דאָרט זיך אויס זײַערע שמוציגע וועש און רײַניגען דאָרט זײַערע פערשידענע קרעץ, בלוטערען, געשווירען. אונטער די בענק איז מורא'דיג שמוציג, אָנגעוואָרפען מיט פיעל אומרײַנקײַט. אַזעלכע בעדער ברענגען אָפט מעהר שאָדען ווי נוטצען.

(יח) דער מענש זאָל זיך נישט צוגעוועהנען בלוט צו לאָזען זיך (דורך א־־ער האַקען אָדער דורך קעפּ האַקען), מען זאָל זיך נישט קײַן בלוט לאָזען נאָר ווען מען דאַרף דאָס על פי רפואה. זומער־צײַט און ווינטער־צײַט איז נישט געזונד בלוט צו לאָזען אז אפילו מען דאַרף לרפואה. נאָר אין ניסן אָדער אין תשרי קאָן מען זיך יא בלוט לאָזען, אָבער נישט פיעל נאָר אביסעל.

און נאָך פופציג יאָהר זאָל מען זיך שוין קײַנמאָל נישט לאָזען קײַן בלוט. דאַמאָלס ווען דער מענש דאַרף זיך בלוט לאָזען פאַר א רפואה, זאָל ער דאָס נישט טוהן דעם טאָג וואָס ער געהט אין מרחץ אַרײַן, און נישט אין דעם טאָג וואָס ער געהט אין וועג אַרײַן, דעסטגלײַכען נישט אין דעם טאָג וואָס ער קומט פון וועג. אין דעם טאָג פון בלוט לאָזען זאָל דער מענש וועניגער ווי אין אנ'אנדערען

טאָג

(יט) שכבת זרע היא כח הגוף וחייו ומאור העינים. וכל שתצא ביותר הגוף כלה וכחו כלה וחייו אובדים. הוא שאמר שלמה בחכמתו אל תתן לנשים חילך. כל השטוף בבעילה זקנה קופצת עליו. וכחו תשש ועיניו כהות. וריח רע נודף מפיו ומשחיו; ושער ראשו וגבות עיניו וריסי עיניו נושרות. ושער זקנו ושחיו ושער רגליו רבה. שיניו נופלות. והרבה כאבים חוץ מאלו באים עליו. אמרו חכמי הרופאים. אחד מאלף מת בשאר חולאים. והאלף מרוב התשמיש. לפיכך צריך אדם להזהר בדבר זה

טאג עסן און טרונקען און אויך זאל ער נאר נישט ארבייטען אין דעם טאג. און זאל נישט שפאצירען אין דעם טאג, נאר ער זאל אין דעם טאג אפרוהען זיך אין דערהיים

(די היינטיגע דאקטוירים זעהן כמעט איינגאנצען אונטער צוברענגען דאס בלוט לאזען פון א קראנקען אדער א שוואכען מענש. זיי האלטען זיך גאנץ פעסט אין דעם פרינציפ וואס שטעהט אין די אידישע תורה „כי הדם הוא הנפש" אז די בלוט איז דאס גאנצע חיות פון מענש. אויסער אמאהל ביי זעהר געפערליכע קראנקהייטען, אזוי ווי, אפאפלעקסיע, געהירען-ענטצינדונג, משוגעת אדער ביי א שטארק ענטצינדונג, קאן אמאהל יא זיין א רפואה דאס בלוט לאזען. אבער נאר דורך דעם ערלויבעניש פון א דאקטאר. דאס זעלבע קאן מען אויך בע-שטעטיגען ביי טייל מענשען וואס ליידען אויף העמארידען, און זיי ריידען זיך איין, אז דאס איז גאנץ געזונד פאר'ן מענש עס זאל פון עהם אבגעהן אלע מאהל צייטענווייס אביסעל בלוט. אבער דער אמת איז אז דאס איז נאר א דומהייט. דער מענש ווערט דורך דעם זעהר אבגעשוואכט. דאס הארץ מיט די נערוועז קאנען נישט פונקציאנירען געהעריג אויב דער מענש איז בלוט-ארמוט.)

(יט) די זרע פון מענש איז דער כח פון זיין גוף און דאס חיות פון גוף און אויך דאס ליכטיגקייט פון זיינע אויגען, און וואס מעהר די זרע געהט ארויס פון גוף ווערט דער גוף מעהר אבגעשוואכט. דער כח לאזט זיך אויס און דאס לעבען ווערט פערלוירען. אויף דעם האט שלמה המלך געזאגט מיט זיין חכמה „אל תתן לנשים חילך" זאלסט נישט אוועק געבען צו ווייבער דיין קראפט. דער מענש וואס לאזט זיך אריין אין די תאוה פון בעילה, שפרינגט אויף עהם ארויף די עלטער פאר די צייט. זיין כח ווערט שוואך, די אויגען ווערען דונקעל, א שלעכטען ריח שפירט מען פון זיין מויל און פון זיין לייב, די האר פון קאפ און פון די ברומען קריכען ביי עהם אויס, די האר פון זיין בארד און פון די ארעמעס ווערען גימעהרט, די ציין פאלען איהם ארויס, און אויסער דעם קומען אויף עהם אלע מאל פול שמערצען. די חכמים פון די רופאים האבען געזאגט אז איינער פון טויזענד שטארבט דורך א אנדערע קראנקהייט און טויזענד שטארבען דורך צופיל זרע אבגעהן. אלזא דער מענש וואס וויל זיין געזונד

זה אם רצה לחיות בטובה. ולא יבעול אלא כשימצא גופו בריא וחזק ביותר. והוא מתקשה הרבה שלא לדעתו. ומסיח עצמו לדבר אחר והקישוי בו כשהיה. וימצא כובד ממתניו ולמטה. וכאלו חוטי הביצים נמשכים ובשרו חם. זה צריך לבעול ורפואה לו שיבעול. לא יבעול אדם והוא שבע. ולא רעב. אלא אחר שיתעכל המזון שבמעיו. ויבדוק נקביו קודם בעילה ולאחר בעילה. ולא יבעול מעומד ולא מיושב. ולא בבית המרחץ. ולא ביום שיכנס למרחץ. ולא ביום הקזה. ולא ביום יציאה לדרך או ביאה מן הדרך. לא לפניהם ולא לאחריהם:

כל

געזונד, און וויל זיך אפהיטען זיין לעבען, זאל זיין אין די זאך שטארק געווארענט אז ער זאל נישט בועל זיין אפטער פון בלויז תאוה וועגען, נאר אזוי ווי מיר האבען אויבען אין דריטען פרק געשריבען אז דאס זאל נאר זיין צוליב קינדער האבען, אדער כדי מקיים צו זיין מצות עונה אזוי ווי דער דין איז. צו דעם צו דארף מען דאס אויך וויסען אז דאס איז נאר גוט פאר'ן גוף דאמאלס ווען ער ווייסט אז זיין גוף איז געזונד און שטארק און התוץ דעם אויב ער שפירט אז עס מוז דאס טהון לרפואה, דהיינו אז ער וועט איהם גרינגער און לייכטער ווערען דורך דעם וואס עס וועט פון איהם אבגעהן א ביסעל זרע, דאמאלס דארף ער אויך בועל זיין. נאך דארף דער מענש זיין געווארענט נישט בועל צו זיין באלד נאכ'ן עסען, ווען ער איז שטארק פול און זאט און אויך נישט ווען ער איז הונגעריג, נאר דאמאלס ווען דאס עסען ווערט פערדייעט אין זיינע גלידערם. פאר'ן בועל זיין און אויך דערנאך דארף מען זיך בודק זיין וועגען נקיות געברויכען. עס איז נישט געזונד בועל צו זיין שטעהענדיג און אויך נישט זיצענדיג. עס איז אויך נישט געזונד בועל צו זיין אין א מרחץ, אויך איז נישט געזונד בועל צו זיין אין דעם טאג וואס מען געהט אין א מרחץ אריין, אדער אין דעם טאג וואס מען לאזט זיך בלוט, נישט דעפויר און נישט דערנאך. אין דעם זעלבען טאג וואס מען געהט אוועק צופוס אין א ווייטען וועג אריין, דעסט גלייכען אין דעם זעלבען טאג וואס דער מענש איז אהיים געקומען פון א ווייטען וועג, וואס ער איז געגאנגען צופוס, איז אויך נישט געזונד בועל צו זיין:

(צו די אלע אויפגאבען, וואס דער רמב״ם האט דא געשריבען אין דעם סימן, ווי אזוי דער מענש דארף זיך פיהרען אלס מאן, זענען מסכים אויך די היינטיגע דאקטוירעם. דער מענש וואס פאלגט נישט און פיהרט זיך אנדערש, אריינלאזענדיג זיך צופיעל אין די תאוה אריין, קומט אבער צו אן'אלגעמיינע פערשוואכונג פון גאנצען קערפער, אבער ער ווערט קראנק אויף איינעם פון די צוויי קראנקהייטען, וועלכע זענען: „פאללוציא״ (זיבה), אדער „ימפאטענציא״ (מענערשוואכהייט). די' ביידע קראנקהייטען איז גאנץ שווער אוים צו קורירען נעצליך.

(כ) כל המנהיג עצמו בדרכים אלו שהורינו. אני ערב לו שאינו בא לידי חולי כל ימיו עד שיזקין הרבה וימות. ואינו צריך לרופא. ויהיה גופו שלם ועומד על בוריו כל ימיו אלא אם כן היה גופו רע מתחילת ברייתו. או אם היה רגיל במנהג מן המנהגות הרעים מתחילת מולדתו. או אם תבא מכת דבר או מכת בצורת לעולם:

(כא) כל המנהגות הטובים האלו שאמרנו אין ראוי לנהוג בהן אלא הבריא. אבל החולה או מי שאחד מאיבריו חולה. או מי שנהג מנהג

קענען עפטערע פאלוציעס ווערט רעקאמענדירט אין די לעצטע צייט פאל־גענדע פרעפאראטען, וועלכע מען קאן בעקומען אין אלע אפטייקען מיט א בע־שרייבונג ווי אזוי דאס איינצונעמען. זיי זענען פאלגענדע:

פיטשילין. ארמאטין. עטערין. טיעלערין.

דער מענש וואס איז נישט אינשטאנד צו קויפען די מיטלען, זאל ער תארז זעהן צו קורירען זיך מיט א וואלוועל מיטעל, וועלכעס באשטעהט פון דעם, ער זאל קויפען „האפפען" וועלכעס ווערט בענוצט צום ביער מאכען. די האפפען דארף מען פעברירען זא ווי טעה, און צו טרינקען עטליכע גלעזער איבער'ן טאג, אזוי ווי מען טרינקט טעה מיט צוקער.

קענען ימפאטענציא־קראנקהייט ווערט אין די לעצטע צייטען רעקאמענדירט פיעל פערשידענע פרעפאראטען, וועלכע ווערקען גאנץ ווייניג אויפ'ן קערפער צו פערגרינגערען די קראנקהייט. אבער אויפ'ן ביימעלע ווערקען זיי יא גאנץ זיכער צו פערגרינגערען, די בעסטע פון זיי זענען פאלגענדע:

מאיראציטין. ליצעטין. ספערמין.

אבער אזוי ווי עס איז א גרויסער צווייפעל אין זייערווירקונג, און די מיטלען זענען גאנץ טייער, איז גלייכער בעסער צו קרעפטיגען זיך מיט גוט עסען און טרינקען, צו געהן אויף גוטע פרישע לופט, נישט צו ארבייטען שווער, סיי פיזישע און סיי גייסטיגע ארבייט. דאס פיהרעכץ קאן אמאל בעסער ווירקען ווי די אפטייק־מיטלען.

(כ) דער מענש וואס פיהרט זיך פונקטליך אין די אלע דרכים אזוי ווי דא ווערט גערעדט, זאגט דער רמב"ם, בין איך עהם ערב אז ער וועט קיינמאל נישט קומען צו קיין קראנקהייט, ביז ער וועט גוט אלט ווערען און וועט שטארבען, און דער מענש וועט נישט דארפען בענוצען קיין רופא, ווארען זיין גוף וועט זיין געזונד כל ימיו. אויסער אויב זיין גוף האט געהאט א געבוירענעם פעהלער, אדער ער האט זיך געפיהרט אין דער יוגענד מיט א שלעכט פיהרעכץ, אדער אויב עס וועט קומען ח"ו אן עפידעמישע מגפה, אדער א הונגער אויף די מדינה, פאר אזעלכע שלעכטע פאלען קען מען שוין נישט ערב זיין:

(כא) מען דארף אויך וויסען אז די אלע גוטע מנהגים וואס שטעהן דא אויס־גירעכענט, זענען נאר געזאגט געווארען פאר א געוועהנליכען געזונדען מענש, אבער

מנהג רע שנים רבות. יש לכל אחד מהם דרכים אחרים והנהגות כפי חליו. כמו שיתבאר בספר הרפואות. ושינוי וסת תחילת חולי:

(כב) כל מקום שאין בו רופא. אחד הבריא ואחד החולה אין ראוי לו לזוז מכל הדרכים האלו שנאמרו בפרק זה. שכל אחד מהן לאחרית טובה מביא:

(כג) כל עיר שאין בה עשרה דברים האלו אין תלמיד חכם רשאי לדור בתוכה. ואלו הן. רופא. ואומן. ובית המרחץ. ובית הכסא. ומים מצויין כגון נהר ומעין. ובית הכנסת. ומלמד תנוקות. ולבלר. וגבאי צדקה. ובית דין מכים וחובשים:

כשם

אָבער אַנ'אויסערגעוועהנליכער מענש וואָס האָט נאָר עפּעס אַ קראַנקהייט, אָדער וואָס ער איז שוואַך געוואָרען דורך דעם וואָס ער האָט זיך שלעכט געפיהרט פול יאָרען, אַזעלכע מענשען דאַרפען זיך שוין אָבגעבען צו אַ געניטען רופא, וועלכער זאָל זיי לערנען בפרטיות יעדען קראַנקען מענשען בעזונדער, ווי אַזוי ער דאַרף זיך פיהרען. דאָס דאַרף אויך יעדער מענש וויסען, אַז טאָמער מאַכט זיך ביי איהם עפּעס אַ שינוי וסת, דאָס הייסט אַז ער שפּירט עפּעס אַנ'ענדערונג אין קערפּער, דאָס איז אַן אָנהויב פון אַ קראַנקהייט:

(כב) אין די ערטער ווי עס געפונט זיך נישט קיין רופא דאַרפען זיין געוואָרענט, סיי די קראַנקע און סיי די געזונדע מענשען, אַז זיי זאָלען זיך נישט אָוועקריהרען אַנדערש צו פיהרען זיך ווי די אַלע דרכים וואָס שטעהן דאָ אין דעם פרק דערמאַנט, וואָרען יעדער דרך אָדער יעדער מנהג פון דעם פרק ברענגט צו אַ גוטען תכלית:

(כג) אין אַזאַ שטאָדט ווי עס געפונען זיך נישט די פאָלגענדע צעהן זאַכען. טאָר קיין תלמיד חכם דאָרט נישט וואָהנען. דאָס זענען זיי: אַ רופא. אַ מוהל. אַ מרחץ. אַ בית הכסא. געוועהנליך גוט וואַסער פון אַ טייך אָדער פון אַ ברונען. אַ בית הכנסת. אַ מלמד תינוקות. אַ סופר. אַ גבאי פון צדקה. אַ בית דין וואָס קאָן האַלטען די שטאָדט שטרענג, אַז די איינוואָהנער זאָלען זיך פיהרען אָרענטליך. דאָס זענען די צעהן נויטיגסטע זאַכען פון אַנ'אָרענטליכע שטאָדט:

פרק חמישי

פרק החמישי מלמד דרך ארץ לתלמידי חכמים איך הם צריכים להתנהג שתהיה רוח הבריות נוחה מהם.

(א) כשם שהחכם ניכר בחכמתו ובדעותיו והוא מובדל בהם משאר העם. כך צריך שיהיה ניכר במעשיו. במאכלו ובמשקהו ובבעילתו ובעשיית צרכיו ובדיבורו ובהילוכו ובמלבושו ובכלכול דבריו ובמשאו ובמתנו. ויהיו כל המעשים האלו נאים ומתוקנים ביותר. כיצד. תלמיד חכם לא יהיה גרגרן אלא אוכל מאכל הראוי להברות גופו. ולא יאכל ממנו אכילה גסה. ולא יהא רודף למלאות בטנו כאלו שמתמלאין ממאכל ומשתה עד שתיפח כריסם. ועליהם מפורש בקבלה וזריתי פרש על פניכם. אמרו חכמים אלו בני אדם שאוכלין ושותין ועושין כל ימיהם כחגים. והם האומרים אכול ושתה כי מחר נמות. וזהו מאכל הרשעים.

ושלחנות

פרק חמישי

דער פינפטער פרק לערנט דרך ארץ ווי אזוי א תלמיד חכם דארף זיך פירען, אז ער זאל האבען א חשיבות ביי מענשען.

(א) כשם שהחכם. אזוי ווי דער חכם ווערט דערקענט מיט זיין חכמה און מיט זיינע דעות, און ער איז מיט זיי אבגעשייד פון דירעשט פאלק. אזוי דארף ער ווערען דערקענט מיט זיינע מעשים, מיט זיין עסען און טרינקען, און בועל זיין, און נקיות פערברויכען. מיט זיין ריידען, מיט זיין גאנג, מיט זיין קליידענג. מיט דעם איבערעכענטקייט פון זיינע רייד, און מיט זיין משא ומתן פירען. אזוי אז די אלע מעשים דארפען זיין ביי עהם אויפ'ן שענסטען אופן און אהן שום פעלער. דהיינו ווי אזוי? א תלמיד חכם טאהר נישט זיין קיין פרעסער, נאר ער זאל עסען אזא מאכל וועלכעס קאן שטארקען זיין גוף. אבער ער זאל נישט עסען דערפון קיין אכילה גסה אנצולעגען זיך דערמיט א פולען בויך, אזוי ווי די נידריגע קלאסען מענשען טוהן, אז זיי לעגען זיך אריין א פולען בויך ביז ער ווערט גוט אנגעבלאזען און פער־הארטיוועט. אויף זיי זאגט דער פסוק „וזריתי פרש על פניכם". איך וועל פער־שפרייטען אייער מיסט אויף אייערע פנים'ער. האבען די חכמים געזאגט אז דער פסוק געהט ארויף אויף די מענשען וואס באליוועון שטענדיג, און זיי מאכען זיך אלע טאג אזוי ווי יום טוב, ווארען זיי זאגען אז נאר די וועלט איז דער

עיקר

ושלחנות אלו הם שגינה הכתוב ואמר. כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום. אבל החכם אינו אוכל אלא תבשיל אחד או שנים ואוכל ממנו כדי חייו ודיו. הוא שאמר שלמה צדיק אוכל לשובע נפשו:

(ב) כשהחכם אוכל מעט זה הראוי לו לא יאכלנו אלא בביתו על שלחנו. ולא יאכל בחנות ולא בשוק אלא מפני צורך גדול. כדי שלא יתגנה בפני הבריות. ולא יאכל אצל עמי הארץ. ולא על אותן השלחנות המלאים קיא צואה. ולא ירבה סעודותיו בכל מקום ואפילו עם החכמים. ולא יאכל בסעודות שיש בהן קיבוץ הרבה. ואין ראוי לו לאכול אלא בסעודה של מצוה בלבד. כגון סעודת אירוסין ונישואין. והוא שיהיה תלמיד חכם שנשא בת תלמיד חכם. והצדיקים והחסידים הראשונים לא אכלו מסעודה שאינה שלהן:

כשהחכם

עיקר לעבען, אלזא דארפען מיר היינט עסען און טרינקען און לאזען זיך וואהל־געהן כל זמן מען לעבט, ווארען מארגען קענען מיר שטארבען, וועט פון אונז גאר נישט ווערען. אזעלכע טישען אין דער פסוק מבזה און זאגט אויף זיי „כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום". דען אלע טישען זייערע זענען פול מיט צואה, בעוויל דעם איבערשטענס נאמען ווערט דארט נישט גידענקט. אבער דער חכם דארף נישט מעהר עסען ווי איין מאכל אדער צוויי מאכלים, און זאל נאר עסען דערפון אבע ער זאל זיך קענען דערמיט דערנערען, מעהר נישט. אויף אזוי מענש האט שלמה המלך געזאגט „צדיק אוכל לשובע נפשו". דער צדיק עסט נאר אבע אנצוזעטען זיין נפש:

(ב) ווען דער חכם עסט דאס ביסעל עסען וואס ער דארף צו עסען, זאל ער דאס נישט עסען נאר אין זיין וואהנונג ביי זיין טיש. ער זאל נישט עסען אין קיין געוועלב, און נישט אויף די גאס כדי ער זאל נישט פערביאוס'ט ווערען ביי מענשען. אויסער אויב ער ברויך זעהר נעהטיג דאס עסען אויף די ערטער, דאן איז דאס עהם נישט פארווערט. אויך דארף זיך דער תלמיד חכם צו היטען ער זאל נישט עסען ביי קיין עם הארץ, און נישט ביי אזעלכע טישען וואס ווערט נישט גידענקט ביים עסען קיין דברי תורה, נאר בלויז ליצנות מיט דברים בטלים. און אפילו מיט חכמים זאל ער אויך נישט צופיעל געפונען זיך אויף אלע ערטער ווי ס'איז נאר א סעודה. דעסט גלייכען אויף אזעלכע סעודות ווי ס'געפינט זיך א גרויסער עולם מענשען (וואס זענען עהם נישט בעקאנט) זאל ער דארט נישט עסען. ער זאל נאר געהן אויף אזעלכע סעודות וואס ווערען אנגערופען סעודת מצוה, דהיינו תנאים אדער א חתונה וואס א תלמיד חכם נעמט א בת תלמיד חכם, און נאך אזוי שטייגער. די צדיקים און די חסידים פון פערצייטענס האבען זיך געפיהרט אז זיי האבען קיינמאל נישט גיגעסען ערגעץ אנדערשט פון קיין שום פרעמדע סעודה:

ווען

(ג) כשהחכם שותה יין אינו שותה אלא כדי לשרות אכילה שבמעיו. וכל המשתכר הרי זה חוטא ומגונה ומפסיד חכמתו. ואם נשתכר בפני עמי הארץ הרי זה חילל את השם. ואסור לשתות יין בצהרים ואפילו מעט אלא אם היה בכלל האכילה. שהשתיה שהיא בכלל האכילה אינה משכרת. ואין נזהרין אלא מיין שלאחר המזון:

(ד) אף על פי שאשתו של אדם מותרת לו תמיד. ראוי לו לתלמיד חכם שינהיג עצמו בקדושה ולא יהא מצוי אצל אשתו כתרנגול אלא כלילי שבת ללילי שבת אם יש בו כח. וכשהוא מספר עמה לא יספר בתחלת הלילה כשהוא שבע ובמנו מלא. ולא בסוף הלילה כשהוא רעב. אלא באמצע הלילה כשיתעכל המזון שבמעיו. ולא יקל בראשו ביותר. ולא ינבל את פיו בדברי הבאי ואפילו בינו לבינה. הרי הוא אומר בקבלה, מגיד לאדם מה שיחו. אמרו חכמים אפילו שיחה קלה שבין אדם לאשתו עתיד ליתן עליה את הדין. ולא יהיו שניהם לא שיכורים ולא עצלנים ולא עצבנים

(ג) ווען דער חכם טרינקט וויין זאל ער נאר טרינקען כדי דאס עסען אין מאגען זאל דערווייקט ווערען. דער חכם וואס שיכור'ט זיך אהן, הייסט א חוטא א מגונה'דיגער מענש. און ער פערליהרט זיין חכמה. און אויב דער חכם שיכור'ט זיך אהן פאר אן עם הארץ איז נאך אויך דא דערביי א חילול השם. א חכם טאהר נישט טרינקען קיין וויין אין מיטען טאג, אפילו ווייניג אויך נישט, אויסער אויב ער טרינקט דאמאלס דאס ביסעל וויין ביים עסען, שאדט נישט. ווארען דער וויין וואס מען טרינקט עהם ביים עסען, מאכט נישט שיכור. מען דארף נאר זיין געווארענט פון דעם וויין וואס מען טרינקט ווען ס'איז שוין אין גאנצען נאך די סעודה:

(ד) כאטש די ווייב פון יעדען מענש איז מותר צו איהר מאן אין די ריינע טעג שטענדיג, פון דעסט וועגען איז גלייך אז א תלמיד חכם זאל זיך פיהרען בקדושה, און ער זאל זיך נישט געפונען צופיעל ביי זיין ווייב אזוי ווי א האהן. נאר אלע ליל שבת, אויב ער האט כח. און דאס צוזאמען זיין זאל נישט זיין תחלת הלילה, ווען ער איז גוט זאט און דער בויך איז זעהר פול. און נישט סוף נאכט, ווען ער איז הונגעריג. נאר אין דער מיט נאכט, ווען דאס עסען ווערט פערדייעט אין די גידער־רים. אויך זאל ער דאס נישט טוהן מיט צופיל קלות ראש, און זאל נישט פעראומרייניגען זיין מויל מיט מיאוסע און געמיינע רייד. מען דארף גידענקען וואס שטעהט אין פסוק "מגיד לאדם מה שיחו" מען זאגט אין הימעל דעם מענש וואס זיין שמיס איז געוועזען. האבען די חכמים אויף דעם געזאגט, אז אפילו אויף די געמיינע און מיאוסע רייד, וואס זענען צווישען מאן און ווייב, ווערט אויך דער מענש נ'משפט אויף יענער וועלט. אויך דארפען ביידע דאמאלס נישט צו זיין קיין

עצבנים ולא אחד מהן. ולא תהיה ישנה. ולא יאנוס אותה והיא אינה רוצה. אלא ברצון שניהם ובשמחתם. יספר וישחק מעט עמה כדי שתתישב נפשה. ויבעול בבושה ולא בעזות. ויפרוש מיד:

(ה) כל הנוהג מנהג זה. לא די לו שקדש נפשו וטהר עצמו ותקן דעותיו. אלא שאם היו לו בנים יהיו נאים וביישנים ראוין לחכמה ולחסידות. וכל הנוהג במנהגות שאר העם ההולכים בחשך יהיו לו בנים כמו אותו העם:

(ו) צניעות גדולה נוהגים תלמידי חכמים בעצמן. לא יתבזו ולא יתגלו ראשן ולא גופן. ואפילו בשעה שיכנס לבית הכסא יהא צנוע ולא יגלה בגדיו עד שישב. ולא יקנח בימין. ויתרחק מכל אדם. ויכנס חדר לפנים מחדר. מערה לפנים מן המערה ונפנה. ואם נפנה אחורי הגדר יתרחק כדי שלא ישמע חבירו קולו אם נתעטש. ואם נפנה בבקעה ירחיק כדי שלא יראה חבירו פירועו. ולא ידבר כשהוא נפנה. אפילו לצורך גדול. וכדרך שנוהג צניעות ביום בבית הכסא. כך נוהג בלילה. ולעולם ילמד

קײן שיכורים, ניט קײן פוילע, און ניט קײן טרויריגע, ניט ווען זי שלאפט, און ניט ווען זי וויל ניט. נאר עס דארף זײן מיט דעם רצון פון בײדע און זאלען בײדע זײן בשמחה. דעפויר זאל ער מיט איהר ווענען דעם רײדען עהדעלע ווערטער און זאל זי מאכען פרײלעך, כדי זי זאל באשטעהן. דאן זאל ער זי בועל זײן מיט בושה און ניט מיט קײן עזות, און זאל זיך דערנאך באלד פורש זײן:

(ה) דער וואס פיהרט זיך מיט אזא מנהג. איז ניט גענוג וואס ער איז זיך מקדש ומטהר זײן נפש און פאררעכט זײנע דעות, נאר דאס אויך אז די קינדער וואס ער וועט ניבארען וועלען זײן שעהן און שעמעוודיג, חכמים און חסידים. אבער דער וואס פיהרט זיך מיט דעם מנהג פון נידריגען און פינסטערן פאלק, וועט געבארען אזעלכע קינדער אזוי ווי דאס נידריגע פאלק איז:

(ו) דער תלמיד חכם דארף זיך פיהרען מיט א מנהג פון גרוים צניעות, אזוי אז ער זאל זיך אלײן ניט מבזה זײן. ער זאל ניט זיצען בגילוי ראש, אדער מיט אן אויפגידעקט לײב. און אפילו ווען ער געהט ארײן אין בית הכסא זאל ער זיך אויך פיהרען בצניעות און זאל זיך ניט אויפדעקען זײן לײב ביז ער זעצט זיך אנידער. ער זאל זיך ניט מקנח זײן מיט דער רעכטער האנד און אויב ער האט נקיות אויף א פעלד, זאל ער זעהן ווי ווײט מעגליך איז צו בעהאלטען זיך און צו דערווײטערען זיך פון מענשען. אזוי אז קײן אנדערער מענש זאל ניט קאנען הערען ווען ער ברויך נקיות, און קײנער זאל ניט קאנען זעהן זײן אויפגידעקט לײב. בשעת ווען ער ברויך נקיות זאל ער נאר ניט רײדען צו קײן שום מענש. מיט אזא צניעות זאל

ילמד אדם עצמו להפנות שחרית וערבית בלבד כדי שלא יתרחק:
(ז) תלמיד חכם לא יהא צועק וצווח בשעת דיבורו כבהמות וחיות. ולא יגביה קולו ביותר. אלא דבורו בנחת עם כל הבריות. וכשידבר בנחת יזהר שלא יתרחק עד שיראה כדברי גסי הרוח. ומקדים שלום לכל האדם. כדי שתהא רוחן נוחה הימנו. ודן את כל האדם לכף זכות. מספר בשבח חבירו ולא בגנותו כלל. אוהב שלום ורודף שלום. אם רואה שדבריו מועילים ונשמעים אומר. ואם לאו שותק. כיצד. לא ירצה חבירו בשעת כעסו. ולא ישאל לו על נדרו בשעה שנדר. עד שתתקרר דעתו וינוח. ולא ינחמנו בשעה שמתו מוטל לפניו. מפני שהוא בהול עד שיקברהו. וכן כיוצא באלו. ולא יראה לחבירו בשעת קלקלתו. אלא יעלים עיניו ממנו. ולא ישנה בדבורו. ולא יוסיף ולא יגרע אלא בדברי שלום. וכיוצא בהן. כללו של דבר אינו מדבר אלא בדברי חכמה או בגמילות חסדים. וכיוצא בהן. ולא יספר עם אשה בשוק. ואפילו היא אשתו או אחותו או בתו:

לא

זאָל ער זיך פיהרען סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט:

(ז) דער תלמיד חכם בשעת ווען ער רעדט מיט אַ מענש זאָל ער נישט קוויטשען, שרייען, אַזוי ווי בהמות און חיות, און אפילו נאָר בלויז צו הויך ריידען זאָל ער אויך נישט, נאָר ער זאָל ריידען פּאַמעלעך, געלאַסענט, און אויך נישט צופיעל פּאַמעלעך, אַזוי ווי די בעלי גאוה האָבען ליעב צו ריידען, נאָר מיטעלמעסיג. ער זאָל זיך פֿעדערען צו בעגריסען יעדען מענש, כדי ער זאָל זיין ביי יעדען געליבט, און ער זאָל דן זיין יעדען מענש לכף זכות. ער זאָל נאָר דערצעהלען דעם שבח פון זיין חבר, אָבער נישט זיין שאַנדע. ער זאָל ליב האָבען שלום און זאָל זיין אַ רודף שלום, ער זאָל נישט ריידען קיין אומזיסטע רייד, נאָר אויב ער זעהט אַז ער וועט פּועל זיין מיט זיינע רייד און מען וועט עהם פאָלגען, דאַן זאָל ער ריידען, און אויב נישט, זאָל ער בעסער שטיל שווייגען. דהיינו ער זאָל נישט איבערבעטען זיין חבר בשעת ווען ער איז אין כעס. ער זאָל נישט וועלען מתיר נדר זיין צו אַ מענש באַלד בשעת ווען ער האָט דעם נדר געטוהן, נאָר ער זאָל וואַרטען ביז יענעמס דעה וועט קיהלער ווערען. ער זאָל נישט מנחם אבל זיין בשעת ווען דער מת ליגט נאָך פאַר עהם, און אַזוי דאָס זעלבע ביי אַנדערע ענינים. ער זאָל נישט אָנקוקען זיין חבר׳ס פנים באַלד נאָך דעם וואָס זיין חבר האָט געזינדיגט, כדי ער זאָל עהם נישט מבייש זיין. אויך זאָל ער זיין געוואָרענט קיינמאָל נישט משנה צו זיין זיינע דיבורים, און אויך נישט מוסיף צו זיין אָדער צו מינערען פון יענעמס דיבורים, אויסער אויב ער טהוט דאָס צוליעב שלום וועגען, שאַט נישט. דער כלל פון דער זאַך איז אַז

דער

(ח) לא ילך תלמיד חכם בקומה זקופה וגרון נטוי. כענין שנאמר ותלכנה נטיות גרון ומשקרות עינים. ולא יהלך עקב בצד גודל בנחת. כמו הנשים וגסי הרוח. כענין שנאמר הלוך וטפוף תלכנה וברגליהם תעכסנה. ולא ירוץ ברשות הרבים כמנהג משוגעים. ולא יכפוף קומתו כבעלי חטוטרת. אלא מסתכל למטה כמו שהוא עומד בתפלה. ומהלך בשוק כאדם שהוא טרוד בעסקיו; גם ממהלכו של אדם ניכר אם חכם ובעל דעה הוא. או שוטה וסכל. וכן אמר שלמה בחכמתו. וגם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר ואמר לכל סכל הוא. הוא מודיע לכל על עצמו שהוא סכל:

(ט) מלבוש תלמיד חכם מלבוש נאה ונקי. ואסור לו שימצא בבגדו כתם או שמנונית וכיוצא בהן. ולא ילבש לא מלבוש מלכים. כגון בגדי זהב וארגמן שהכל מסתכלין בהן. ולא מלבוש עניים שהוא מבזה את לובשיו. אלא בגדים בינונים נאים. ולא יהא בשרו נראה מתחת מדיו.

כמו

דער תלמיד חכם זאָל ניִשט רייִדען קיין דברים בטלים, נאָר ער זאָל שטענדיג ריידען אָדער דברי חכמה אָדער וועגען גמילות חסדים און נאָך אזא שטייגער. מיט קיין אשה זאָל ער ניִשט רייִדען אין גאס, אפילו זי איז זיין ווייב אָדער זיין שוועסטער אָדער זיין טאָכטער:

(ח) דער תלמיד חכם זאָל ניִשט געהן שטאָלציג צופיעל מיט'ן קאָפּ ארויף. און זאָל ניִשט געהן צופיעל פאמעלעך טריט פאַר טריט, אזוי ווי די שטאָלציגע פרויען שפּאַצירען איבער די גאס, און אויך זאָל ער ניִשט געהן צו געך און לויפען איבער די גאס אזוי ווי א משוגע־נער, און ניִשט צופיעל איינגעבויגען מיט'ן קאָפּ אראָב, פערהויקערט, נאָר ער זאָל זיך האלטען מיט'ן קערפּער גלייך, און די אויגען זאָלען זיין אראָבגעלאָזט, אזוי ווי ער שטעהט ביים דאווענען, און דער גאנג זאָל זיין אזוי ווי פון א מענש וואס איז פערנומען מיט געשעפטען. וואָרען אויך פון דעם מענשס גאנג קאָן מען דערקענען צו איז ער א חכם און א בעל דעה. אָדער א שוטה און א פערדומטער מענש. אויף דעם האָט שלמה המלך געזאָגט מיט זיין חכמה דעם פסוק „וגם בדרך כשהסכל הולך לבו חסר ואמר לכל סכל הוא". אויך אויפ'ן וועג ווי דער שוטה געהט, איז ער אזוי ווי אָן א הארץ, און ער זאָגט צו אלע אז ער איז א שוטה. דאָס מיינט מען אז א נאר דארף קיין מסור ניִשט. וואָרען מיט זיין בלויסען גאנג איז ער אויך שוין מודיע צו אלע, אז ער איז א שוטה:

(ט) דער תלמיד חכם דארף געהן געקליי־דעט אין שעהנע רייִנע מלבושים, עס טאָהר זיך ניִשט געפינען אויף זיין מלבוש קיין שום פלעק. ער זאָל ניִשט געהן געקליידעט אין צו טייערע מלבושים אזוי ווי בגדי מלכות באדעקט מיט גאָלד, וואס אלע האָבען ליעב אויף דעם צו קוקען. און אויך זאָל ער ניִשט אָנטוהן זיך קיין צו געמיינע מלבושים אזוי ווי די אָרימעלייט געהן. וואס די מלבושים

זענען

כמו בגדי הפשתן הקלים ביותר שעושים במצרים. ולא יהיו בגדיו סחובין על הארץ כמו בגדי גסי הרוח. אלא עד עקבו. ובית יד שלו עד ראשי אצבעותיו. ולא ישלשל טליתו מפני שנראה כגסות הרוח. אלא בשבת בלבד אם אין לו להחליף. ולא ינעל מנעלים מטולאים טלאי על גבי טלאי בימות החמה. אבל בימות הגשמים מותר אם היה עני. לא יצא מבושם לשוק ולא בבגדים מבושמים. ולא ישים בושם בשערו. אבל אם משח בשרו בבושם כדי להעביר את הזוהמא מותר. וכן לא יצא יחידי בלילה. אלא א"כ היה לו זמן קבוע לצאת בו לתלמודו. כל אלו מפני החשד:

(י) תלמיד חכם מכלכל דבריו במשפט. אוכל ושותה וזן את אנשי ביתו כפי ממונו והצלחתו. ולא יטריח על עצמו יותר מדאי. צוו חכמים

בדרך

זײַנען מבזה דעם מענש, נאָר ער זאָל גײן געקלײדעט אין שײנע מיטעלע מלבושים. די מלבושים זאָלען נישט זײַן פון זעהר דינעם שטאָף, וואָס מען זעהט אדורך דאָס לײַב פון מענש. די מלבושים זאָלען ניכט זײַן צו לאַנגע, וואָס שלעפען זיך נאָך אויף די ערד, אַזוי ווי די שטאָלצינע מענשען גײען, נאָר זאָלען גרײַכען ביז נאָך די קנעכלעך פון די פיס, און די אַרבעל זאָלען גרײַכען ביז דעם אָרט וואָס די פינגער הויבען אָהן אַרויס צו וואַקסען. דאָס אויבערשטע מלבוש, וואָס ער הילט זיך דערמיט אַרום אויף די מלבושים, זאָל נישט זײַן אַראָבגעלאָזט ביז צו די ערד, וואָרען עס זעהט אויס ווי אַ גרויסקײט. אויסער שבת אויב ער האָט נישט איבער צו טוישען די הינטערשטע מלבושים, מעג ער אַראָבלאָזען דאָס אויסענווענינסטע מלבוש, וועלכעס דינט פאַר אַן אומהילע, כדי מען זאָל נישט אַרויסזעהן אַז ער גײט שבת אין די זעלבע מלבושים וואָס אין די וואָכען. זומער צײַט זאָל דער תלמיד חכם נישט גײן אָנגעטוהן אין געלאַטעטע שיך, אַ לאַטע אויף לאַטע, נאָר ווינטער צײַט אויב ער איז אַן אָרימאַן מעג ער גײן אין אַזעלכע געלאַטשעטע שיך. דער תלמיד חכם זאָל זיך נישט שמירען מיט קײן בשמים, דעסט גלײַכען זאָל ער נישט אַרויסגעהן געקלײדעט אין אַזעלכע מלבושים וואָס זענען מיט בשמים. אויב ער שמירט זיך אויס מיט דעם וואָס האָט אַ גוטען געשמאַק נאָר כדי עס זאָל פון עהם אַראָבנעמען דעם ברוד פון לײַב, מעג ער. בײַנאַכט זאָל דער תלמיד חכם נישט אַרויסגעהן אַלײן, אויסער אויב ער האָט אַלע נאַכט אַן אויסגעזעצטע שעה וואָס ער גײט לערנען מיט זײַנע תלמידים, מעג ער. דאָס אַלץ איז כדי מען זאָל עהם נישט חושד זײַן אַז ער גײט ערגיץ אַן עבירה טוהן:

(י) דער תלמיד חכם דאַרף לעבען שפּאָרזאַם, נישט צו פיהרען זיך צו ברײט, נאָר ער זאָל מפרנס זײַן דאָס בני בית לויט זײַן פאַרמעג און לויט זײַנע פערדינסטען, אַזוי אַז ער זאָל נישט

בדרך ארץ שלא יאכל אדם בשר אלא לתיאבון. שנאמר כי תאוה נפשך לאכול בשר. דיו לבריא לאכול בשר מערב שבת לערב שבת. ואם היה עשיר כדי לאכול בשר בכל יום. אוכל. צוו חכמים ואמרו. לעולם יאכל אדם פחות מן הראוי לו לפי ממונו. וילבש כראוי לו. ויכבד אשתו ובניו יותר מן הראוי לו.

דרך

נישט נעמען אויף זיך קיין צו גרויסען עול. די חכמים האבען אונז געלערענט דרך-ארץ, אז נאר א עושר מעג זיך פערגינען צו עסען אלע טאג פלייש, אבער דער וואס איז קיין עושר נישט, אויב ער איז נאר געזונד און איז א בעל כח, איז גלייכער ער זאל זיך באגעהן אין די וואכענס-טעג אהן פלייש, און נאר משבת לשבת זאל ער עסען פלייש. נאך האבען אונז די חכמים געלערענט דרך-ארץ, אז עסען זאל דער מענש ווייניגער ווי לויט זיין פארמעגען איז. קליידען זאל מען זיך לויט דעם פארמעגען. אבער די ווייב און קינדער זאל מען מכבד זיין מעהר ווי לויט זיין פער-מעגען:

(ביי דעם סימן איז כדאי זיך אבצושטעלען און צו בעשיירען דעם רמב"ם מיינונג, פאר וואס ער האט אזוי באגרעניצט די תלמידי חכמים מיט ווייניג עסען. אויסער אנדערע בעהאלטענע טעמים איז נאך דא א וויכטיגע אורזאכע צו דעם בעגרענעצקייט, כדי די תלמידי חכמים זאלען נישט קראנק ווערען אויף דיקקייט. ווארען צוליעב דעם וואס זיי האבען ווייניג באוועגונג נאר זיי זיצען שטענדיג אויף איין ארט, אלזא אויב זיי וועלען נאך דערצו פיעל עסען אין אויך גוטע און פעטע שפייזען איז גאנץ לייכט זיי זאלען קראנק ווערען אויף דיקקייט. די קראנקהייט איז דאס וואס די שמאלץ אונטער די הויט איז צופיעל ענטוויקעלט, און עס נעפינט זיך דארט שמאלץ אין אזעלכע ערטער וואס ביי געוועהנליכע בעדינגונגען וואלט זי דארט נישט נעדארפט זיין.

סבות, וועלכע רופען ארוים דיקקייט איז דא פיעל. זיי קאן מען איינ-טיילען אין צוויי ערליי: ארגאנישע און צופעליגע. צווישען די ארגאנישע סבות איז דאס ערשטע „ירושה". דאס הייסט א פאמיליען-נאטירליכקייט. נאכהער איז די עלטער. אין די צופעליגע סבות זענען: אונמעסיגקייט אין עסען, צופיעל טרינקען ספירט-משקאות, און ווייניג קערפערליכע בעוועגונגען. דער מענש וואס עסט צופיעל און בעוועגט זיך ווייניג, דער קאן דיק ווערען אפילו אויב ער האט נישט אין זיך די דערמאנטע ארגאנישע אורזאכען.

ביי דיקע מענשען קומט פאר די מארך-ארבייט זעהר לאנגזאם, וועלכעס ברענגט דעם קערפער צוקראכענהייט און פוילקייט, און על פי רוב איז דער מענש שלעפעריג. דאס אלעס קאן גאנץ לייכט ארויסרופען פערשידענע קראנק-הייטען. דאס אהטעמען ווערט שווער און אפטער, איבערהויפט בשעת ער בעוועגט זיך. עס ליידען אויך גלייכצייטיג דאס הארץ און די ארגאנען פון בלוט-פערקעהר. עס קומט פאר אפט א שטארק הארץ-קלאפענג און א דריקונג אין הארצען.

(יא) דרך בעלי דעה שיקבע לו לאדם מלאכה המפרנסת אותו תחילה. ואחר כך יקנה בית דירה. ואחר כך ישא אשה. שנאמר מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו. מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו. מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה. אבל הטפשין מתחילין לישא אשה. ואחר כך אם תמצא ידו יקנה בית. ואחר כך בסוף ימיו יחזור לבקש אומנות

בנוגע צום אויסהיילען די קראַנקהייט קאָן מען זאָגען, אַז אין יענע פאַלען וואָס די דיקקייט איז געקומען פון צו גרויס לעבען און ווייניג קערפּער־ליכע בעוועגונגען, קאָן מען זיך גרינג אויסהיילען. דאַרט אָבער ווי דאָס איז געקומען בירושה, איז שוין נישט אַזוי גרינג צו ערוואַרטען אַ פערבעסערונג.

איבערגעהענדיג איצט צו די מיטלען, וועלכע מען דאַרף אָננעמען מאָגע־רער צו ווערען, דאַרפען מיר אָנווייזען אויף רעגולירען דאָס עסען אַלס איינס פון די נויטיגסטע און וויכטיגסטע מיטלען, אַזוי ווי דער־רמב״ם האָט אין דעם סימן געשריבען. ווען עס קומט דער אַפּעטיט, זאָל מען אויסטרינקען אַ גלאָז טהע אָדער קאַפע, דערמיט ווערט דער אָרגאַניזם אַביסעל זאַט ווערען און דער אַפּעטיט צו עסען ווערט אָוועקגעהן, און דורך דעם ווערט שוין דער קערפּער זיך צופרידען שטעלען מיט אַ קלענערע פּאָרציע שפּייז. שיטערע שפּיי־זען איז פאַר דיקע מענשען מעהר צוועקמעסיג ווי האַרטע און שווערע שפּיי־זען. קאַקאַאָ, שאָקאָלאַד און אַלע אַלכּאָהאָל־געטראַנקען איז שעדליך פאַר דיקע מענשען. מעסיגע גימנאַסטיק אָדער אַנדערע קערפּערליכע בעוועגונגען, שפּאַ־צירען אויף די לופט, קאַלטע וואַנעס און דושען (פּרישניצעס) דאָס אַלץ נעמט אַראָב דאָס דיקקייט פון קערפּער.

פּראָפעסאָר „ערמעל" האָט פאָרגעלעגט אַ מעטאָדע, וועלכע הייסט איי־בערהויפּט געהן אַ סך אויף אַ גלייכען אָרט אָדער קריכען אויף בערג און ווייניג טרינקען. פּראָפעסאָר הירשפעלד הייסט איבערהויפּט עסען מאָגערע פליישען, נישט קיין פעטען קעז. אייער און גרינוואַרג איז יאָ גוט, ווייל זיי מאַכען זאַט מיט קליינע פּאָרציעס. ברויט הייסט ער ווייניג עסען. מילך, שמאַלץ, צוקער, ביער פערזאָגט ער לחלוטין. אַ גוט היילונגס־מיטעל זענען אויך מינעראַל־וואַססערען. אַזוי ווי מאַריענבאַד, קאַרלסבאַד. קיסינגען און עסענטוקי אויף קאַוקאַז.

(יא) דער דרך פון קלוגע מענשען דאַרף אַזוי זיין. אַז דיפויר זאָל מען זיך איינזעהן אַ קוועלע פון וואַנעט צו ציהן פרנסה. אָבער אַ מלאכה אָדער אַ משא ומתן. דערנאָך זאָל מען זעהן צו האָבען אַ דירה, און דאַן זאָל מען חתונה האָבען. אַזוי ווי דער פּסוק רעכענט אויס בסדר דיפויר „מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו. מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו". דערנאָך שטעהט הערשט „מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה". אָבער די נאַראָנעס טהון פאַרקערט. קודם האָבען זיי חתונה, דערנאָך הויבען זיי הערשט אָהן צו זוכען אַ שטעלע אויף פרנסה. און אויב זיי זענען נישט מצליח און פערלירען זייער ביסעל געלד, דאַן הויבען

אומנות או יתפרנס מן הצדקה. וכן הוא אומר בקללות. אשה תארש. בית תבנה. כרם תטע. כלומר יהיו מעשיך הפוכין כדי שלא תצליח את דרכיך. ובברכה הוא אומר ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו:

ואסור

הויבען זיי זיך הערשט אהן צו לערנען א מלאכה, אדער זיי פערלענגען זיך מפרנס צו זיין זיך פון צדקה. אט דאס איז די קללה פון די תוכחה וואס דארט שטעהט דיפויר „אשה תארש" און דערנאך שטעהט „בית תבנה, כרם תטע". דאס איז א רמז אויף א בעזונדערע קללה, אז דורך די זינד ווילען די מענשען פערלירען דעם גלייבען שכל, און זיי ווילען זיך פיהרען פונקט פארקערט ווי א מענש דארף זיך פיהרען, דורך וועלכען זיי ווילען נישט מצליח זיין און ווילען האבען כל ימיהם פערדרייטע קעפ. אבער ביי דוד המלך שטעהט אזא ברכה, „ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו". אז אלע וועגען וואס דוד המלך איז געגאנגען טהון, האט ער דיפויר מיט שכל גוט איבערגערעכענט צו קאן זיין אזוי אויסהאלטעפדונג, און דורך דעם איז דער אויבערשטער געוועזען שטענדיג מיט עהם:

(דא זעהט מען בולט אז דער רמב"ם האט נאך מיט זיבען הונדערט יאהר צוריק געזעהן דעם גרויסען חורבן פון די אידען אין גלות, וועלכער שטאמט ארויס פון דעם נארישען מנהג חתונה צו מאכען די זיהן אין די יונגע יאהרען, וועלכעס איז כמעט די גרעסטע אורזאכע פון מיזוענדער עניים ואביונים, אין פון מיזוענדיגער פאמיליעס וואס זייער לעבען איז צושטערט אין צוברעקעלט און פערביטערט כל ימיהם. לאז מען נאר ווארפען א בליק אויף דעם לעבען פון דער פראווינץ, ווי דער משוגענער מנהג האלט זיך' שטארקער ווי אין די גרויסע שטעדט, וואס פאר א חורבן און אומגליקען דאס ברענגט. ראשית איז נאך דער יונגערמאן אזוי ווי א יונגעל מיט וועניג פערשטאנד, ער האט נאך נישט קיין שום בעגריף, וואס מען מיינט עול פרנסה. ביי דעם ווערט געבארען עטליכע קינדערלעך ביז ער דארף שטעהן צום פריזיוו. און פאר דעם פריזיוו קאן מען דאך נישט מאכען זיך קיין פעסטען האנדעל, מוז דער יונגערמאן דערוויילע עסען „נהמא דכסופא" וועלכעס רופט זיך „קעסט". ער מוז דערוויילע רייסען אין צופען אביסעל פון טאטען, אביסעל פון שווער. און ווי געוועהנליך קיין מחליקת'ן פעהלט נישט ביי דעם רייסען און ציפען. ריקט אן דער פריזיוו, אויב דער יונגערמאן פאלט אריין פאר א זעלנער, בלייבט אין דערהיים איבער א ווייב מיט דריי אדער פיער קליינע קינדערלעך, זינדיגע נשמה'לעך, פון וועלכע ס'ווערט א תל.

אז דער יונגערמאן קומט אהיים פון די זעלנער. האט ער זיך נישט צו וואס צו נעמען. דא ליגט שוין אויף זיינע פלייצעס א שוואך ווייב מיט אויסגעדארטע שוואכע קינדער, קוים וואס זיי לעבען. דער יונגער מאן קאן נישט צו קוקען זייערע צרות, בעוויל ער האט נישט פון וואס זיי מפרנס צו זיין. און ווי געוועהנליך ביי די זעלנער איז דער יונגער מאן אביסעל פרייער געוואָרען. איז ער זיך מישב, וואס ווער דא זיין דער תכלית זיינער אין דעם קליי-

נעם

נעם שמערטעל, פערקויפט ער כל אשר לו. עטליכע רובעל לאזט ער איבער פאר די ווייב און קינדער, זאלען חאטש האבען אין וואך איבער צולעבען. דערוויילע איז איבער דערצייט, ווי געוועהנליך, צו נעקומען נאך א קליין קינד נאך א זינדיג נשמה'לע, וועלכעס האט נאך פארגרעסערט די צרות פון דער פאמיליע. דער טאטע גיזעגענט זיך נעבעך מיט טרערען, און אמאל גיזעגנט ער זיך אפילו גאר נישט, ער פאהרט אוועק אין א גרויסע שטאדט זוכען ברויט.

דארט הויבט ער זיך הערשט אהן צו לערנען א מלאכה. נעהט אוועק א לאנגע צייט איידער ער קאן פערדינען א רובעל. דאס ווייב מיט די קינדער שטארבען דערווייל אין דערהיים פאר הונגער. די יונגלעך ווערען שוין אלט צוועלף, דרייצעהן יאהר, אויפגעוואקסען אהן תורה, אהן חכמה, אהן מלאכה, זייערע דעות זענען הפקר, פריי. מען פערשטעהט שוין אליין וואס קאן ווערען פון אזעלכע דורות. דערווייל מאכט זיך נאר א נייע צרה. דער טאטע באקענט זיך אין די גרויסע שטאדט מיט גוטע ברודער און גוטע שוועסטער. ער ווערט נאך מעהר פריינגעזאנגען, און מאכט זיך גאר איגנאנצען פארגעסען פון זיין ארימע הויזגעזונד. די נייע חברים מיט די חבר'טעס רעדען עהם איין ער זאל בעסער נאך אויסלאנד פאהרען. דארט, פערשטעהט זיך, ווערט ער גאר אן אנדערער מענש, א רעסטאקראט הייסט עס. אז ער איז א גוטער שיקט ער דעם ווייב א גט, און אויב נישט, בלייבט זי אן אייביגע עגונה, און די קינדער לעבעדיגע יתומים.

אט אזעלכע פאקטען איז מעשים בכל יום, און דאס איז שוין גאר נישט קיין אויסנאם. ווען מען וואלט אבער געפאלגט די הייליגע און קליגע ווערטער פון רמב"ם, וואלט מען דאך צו אזעלכע צרות נישט געקומען. די צרות טרעפען זיך אמטייסטענס אין די פוילישע קליינע שטעדטלעך, ווי די אידען גידענקען נאך פון פערצייטענס מיט הונדערט יאהר צוריק, באשר אז זייערע עלטערן האבען זיך אזוי געפיהרט, חתונה צו מאכען די זוהן יונגערהייט. אבער ווי פערנארט זענען זיי מיט די מיינונג, זיי רעכענען גאר נישט איבער, אז מיט הונדערט יאהר צוריק, ווען פוילען איז גיוועזען פאר זיך א בעזונדער קיניגרייך, די פריצים האבען מושל גיוועזען אין גאנצען לאנד. די ארונים האבען ליעב געהאט צו הולטייען, זייערע גישעפטען האבען זיך נאר געפיהרט דורך דעם ביסעל אידלעך, וואס אין זייערע הענד איז איינגעשטאנען דער גאנצער האנדעל. ווער ס'האט נישט געהאנדעלט איז גיוועזען א „פאקטאר" (מעקלער), קיין פרנסה האט נישט גיפעהלט, צו דעם פערצייטישען האנדעל האט מען נישט געדארפט זיין קיין גרויסער חכם. איז אלזא דאמאלס קעסט צו געבען א פאר פאלק ניט גיוועען קיין שווער עסק. פון קיין פריזיה האבען זיי אויך דאמאלס נישט געוויסט. דאדורך איז אין יענע יאהרען גאנץ גלייך און גאנץ אידיש גיוועזען חתונה צו מאכען די זוהן יונגעהייט. און אפילו היינט ביי די גרויסע רייכע פאמעליעס איז אזא מנהג נישט אויסטערליש. אבער עס זאל היינט עקזיסטירען אזא מנהג נישט ביי קיין גרויסע רייכע פאמיליעס, איז עס ארייך משוגעת און א קוועללע פון פערשידענע צרות. עס איז פארקעהרט ווי די תורה שרייבט, און פארקעהרט ווי דער שכל הישר איז. דאס איז נישט אנדערש נאר אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט דא, אז דאס איז א קללה פון די

תוכחה

(יב) ואסור לו לאדם להפקיר או להקדיש כל נכסיו ויטריח על הצבור. ולא ימכור שדה ויקנה בית. ולא בית ויקנה מטלטלין או יעשה סחורה בדמי ביתו. אבל מוכר הוא מטלטלין וקונה שדה. כללו של דבר ישים מגמתו להצליח נכסיו ולהחליף הכלה בקיים. ולא תהיה כוונתו ליהנות מעט לפי שעה. או לידהנות מעט ויפסיד הרבה:

(יג) משאו ומתנו של תלמיד חכם באמת ובאמונה. אומר על לאו לאו ועל הן הן. מדקדק על עצמו בחשבון. ונותן ומוותר לאחרים כשיקח מהם ולא ידקדק עליהם. ונותן דמי המקח לאלתר. ואינו נעשה לא ערב ולא קבלן. ולא יבוא בהרשאה. (אינו) מחייב עצמו בדברי מקח וממכר במקום שלא חייבה אותו התורה. כדי שיעמוד בדבורו ולא ישנהו. ואם נתחייבו לו אחרים בדין מאריך ומוחל להם ומלוה וחונן. ולא ירד לתוך אומנות חבירו. ולא יצר לאדם לעולם בחייו. כללו של דבר יהיה

מן

תוכחה. עס איז אָבער שוין צייט די אויגען זאָלען גיעפענט ווערען, און מען זאָל נישט בויען קיין שווערע בנינים אויף א פונדאמענט פון שפינוועבען.

(יב) דער מענש טאָר נישט מפקיר זיין אָדער מקדיש זיין דאָס גאַנצע פאַרמעגען און זאָל זיך פאַרלעגען אויף מענשען. מען זאָל נישט פערקויפען קיין פעלד, צו קויפען דעפאַר א הויז. דעסט גלייכען זאָל מען נישט פערקויפען קיין הויז, צו קויפען דעפאַר חפצים אָדער סחורה. אָבער פאַרקעהרט דאַרף מען יאָ טהון, צו פערקויפען חפצים און צו קויפען פאַר זיי א פעלד אָדער א הויז. דאָס איז דער כלל, מען זאָל שטענדיג אויסטוישען דאָס וואָס האָט נישט קיין לאַנגען קיום אויף אזא זאך וואָס האָט יאָ א לאַנגען קיום. מען זאָל נישט צו ציהן זיך צו א הנאה וואָס איז נאָר לפי שעה, דורך וועלכען מען קאָן דערנאָך פיעל היזק האָבען:

(יג) דער משא ומתן פון תלמיד חכם דאַרף זיין שטרענג ערליך. דאָס וואָס ער זאָגט יאָ, זאָל זיין באמת יאָ. און דאָס וואָס ער זאָגט אז נישט, זאָל זיין באמת נישט. ער דאַרף אויף זיך גאַנץ מדקדק צו זיין אין יעדען חשבון. אז ער קויפט עפּעס ביי עמעצען, זאָל ער זיך נישט צופיעל דינגען, נאָר ער זאָל געבען יענעם צו פערדינען. פאַר דעם מקח וואָס ער קויפט זאָל ער באַלד בעצאָלען. ער זאָל אויסמיידען נישט צו זיין קיין ערב, נישט קיין קבלן, נישט קיין מורשה. ער דאַרף זיך אין משא ומתן מחייב צו זיין עפּעס מעהר ווי עס קומט פון עהם על פי דין תורה, אבער כדי ער זאָל נישט משנה זיין דאָס וואָרט וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אויב אנדערע זענען עם שולדיג על פי דין, זאָל ער פון דעסטוועגען דאך מיט זיי מיטיב זיין וואָס נאָר מעגליך איז. ער זאָל נישט אריין קריכען אין יענעמס געשעפט אריין, און ער זאָל קיין מענש נישט קוועהלען ביי זיין לעבען. דער כלל איז ער זאָל

בעסער

מן הנרדפים ולא מן הרודפים. מן הנעלבים ולא מן העולבים. ואדם שעושה כל המעשים האלו וכיוצא בהן. עליו הכתוב אומר. ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר:

פרק ששי

פרק הששי והשביעי ילמדו דרך ארץ לכל אדם איך להתנהג בעניני התחברות עם אנשים.

(א) דרך ברייתו של אדם להיות נמשך בדעותיו ובמעשיו אחר ריעיו וחביריו ונוהג כמנהג אנשי מדינתו. לפיכך צריך אדם להתחבר לצדיקים ולישב אצל החכמים תמיד כדי שילמוד ממעשיהם. ויתרחק מן הרשעים ההולכים בחשך כדי שלא ילמוד ממעשיהם. הוא ששלמה אומר הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע. ואומר אשרי האיש אשר לא הלך

בעסער זײַן פון די נרדפים, אײדער פון די רודפים. פון די וואס ווערען פארשעהמט, אײדער ער זאל אנדערע פארשעהמען. דער מענש וואס פיהרט זיך אזוי, זאגט אויף עם דער פסוק „ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר". דער אויבערשטער זאגט אויף עהם, די ביזט מײַן קנעכט, און די ביזט אוזא איד וואס איך בארימם זיך מיט דיר:

פרק ששי

דער זעקסטער און זיבענטער פרק לערענט דרך ארץ יעדען מענש ווי אזוי ער דארף זיך פיהרען וועגען געזעלשאפט.

(א) דרך ברייתו של אדם. די טבע פון יעדען מענש איז, ער זאל ווערען צו געצויגען מיט זײַנע דעות און מיט זײַנע מעשים נאך זײַנע חברים און גוטע פרײַנד, ער זאל זיך פיהרען מיט דעם זעלבען מנהג אזוי ווי די מענשען פון דער מדינה פיהרען זיך, אלזא דארף דער מענש זיך מתחבר זײַן צו צדיקים און זיצען עפטער נעבען חכמים, כדי ער זאל זיך אפ לערנען פון זײַערע מעשים. אבער פון רשעים וואס געהן אין פינצטערניש דארף מען זיך שטארק דערווײַטערען, כדי מען זאל זיך נישט אפ לערנען פון זײַערע שלעכטע מעשים. אזוי ווי שלמה המלך האט געזאגט „הולך את חכמים יחכם. ורועה כסילים ירוע". דער וואס

הלך בעצת רשעים וגו'. וכן אם היה במדינה שמנהגותיה רעים ואין אנשיה הולכים בדרך ישרה. ילך למקום שאנשיה צדיקים ונוהגים בדרך טובים. ואם היו כל המדינות שהוא יודעם ושומע שמיעתן נוהגים בדרך לא טובה כמו בזמנינו. או שאינו יכול ללכת למדינה שמנהגותיה טובים מפני הגייסות או מפני החולי. ישב לבדו יחידי. כענין שנאמר ישב בדד וידום. ואם היו רעים וחטאים שאין מניחים אותו לישב במדינה אלא אם כן נתערב עמהן ונוהג במנהגם הרע. יצא למערות ולחוחים ולמדברות. ואל ינהיג עצמו בדרך חטאים. כענין שנאמר מי יתנני במדבר מלון אורחים:

(ב) מצות עשה להדבק בחכמים ותלמידיהם כדי ללמוד ממעשיהם. כענין שנאמר ובו תדבק. וכי אפשר לאדם להדבק בשכינה. אלא כך אמרו חכמים בפירוש מצוה זו. הדבק בחכמים ותלמידיהם. לפיכך צריך אדם להשתדל שישא בת תלמיד חכם. וישיא בתו לתלמיד חכם. ולאכול ולשתות עם תלמידי חכמים. ולעשות פרקמטיא לתלמיד חכם. ולהתחבר להם

וואָס געהט מיט חכמים ווערט קלוג. און ווער עס חבר'ת זיך מיט שלעכטע מענשען ווערט אליין צוּבראָכען. און דאָס ערשטע קאפיטעל תהלים „אשרי האיש" איז אויך נאָר אויף דעם געשטעלט געוואָרען. אלזאָ אויב דער מענש וואָהנט אין אזאַ מדינה וואָס דאָרט איז דאָ שלעכטע מנהגים און די מענשען פיהרען זיך נישט בדרך הישר, דאַרף ער איבער צו געהן אויף אזאַ אָרט ווי עס וואָהנען אָרענטליכע גוטע מענשען וואָס פיהרען זיך בדרך הישר. און אויב ער וואָהנט אין אזאַ אָרט וואָס דער גאַנצער געגענד ארום איז פערדאָרבען, און אוועק צו ציהן זיך גאַנץ ווייט איז ער נישט אינשטאַנד, זאָל ער זיך אָבזונדערען פון די שלעכטע מענשען ווי ווייט מעגליך איז ערגיץ אונטער די שטאָדט, אזוי אז ער זאָל גאָר נישט זיין אויסגעמישט מיט די שטאָרטס מענשען:

(ב) ס'איז אַ מצות עשה צו באַהעפטען זיך מיט די חכמים און מיט זייערע תלמידים, כדי אָנצולערנען זיך פון זייערע גוטע מעשים, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ובו תדבק" די זאָלסט דיך באהעפטען מיט'ן אויבערשטען. נו איז דען מעגליך דאָס אז אַ מענש זאָל זיך באַהעפטען מיט די שכינה. אָבער די חכמים האָבען אזוי מפורש געווען דעם פסוק. דאָס מיינט מען אז ס'איז אַ מצוה צו באַהעפטען זיך מיט די חכמים און מיט זייערע תלמידים. אַלזאָ דאַרף דער מענש זיך משתדל זיין ער זאָל נעמען אַ בת תלמיד חכם פאַר אַ ווייב, און זיין טאָכטער זאָל ער געבען אַ מאַן אַ תלמיד חכם, ער זאָל עסען און טרינקען צוזאַמען מיט די תלמידי חכמים, ער זאָל מאַכען האַנדעלס-געשעפטען און צונעמען אַ תלמיד חכם פאַר אַ שיתוף. און דעסט גלייכען מיט אַנדערע זאַכען וואָס נאָר מעגליך איז זאָל ער

להם בכל מיני חבור. שנאמר ולדבקה בו. וכן צוו חכמים ואמרו והוי מתאבק בעפר רגליהם ושותה בצמא את דבריהם:

(ג) מצוה על כל אדם לאהוב את כל אחד ואחד מישראל כגופו. שנאמר ואהבת לרעך כמוך. לפיכך צריך לספר בשבחו ולחוס על ממונו. כאשר הוא חס על ממון עצמו, ורוצה בכבוד עצמו. והמתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעולם הבא:

(ד) אהבת הגר שבא ונכנס תחת כנפי השכינה שתי מצות עשה. אחת מפני שהוא בכלל ריעים. ואחת מפני שהוא גר. והתורה אמרה ואהבתם את הגר. צוה על אהבת הגר כמו שצוה על אהבת עצמו. שנאמר ואהבת את ה' אלהיך. הקב"ה עצמו אוהב גרים. שנאמר ואוהב גר:

(ה) כל השונא אחד מישראל בלבו עובר בלא תעשה. שנאמר לא תשנא את אחיך בלבבך. ואין לוקין על לאו זה. לפי שאין בו מעשה. ולא הזהירה תורה אלא על שנאה שבלב. אבל המכה את חבירו

והמחרפו

ער זיך מדבק זיין מיט תלמידי חכמים, אזוי ווי אונזערע חכמים האבען געוואָ־דענט. „הוי מתאבק בעפר רגליהם ושותה בצמא את דבריהם". די זאלסט נאָכגעהן נאָך די טריט פון זייערע פיס און זאָלסט טרינקען מיט דאָרשט זייערע רייד:

(ג) ס'איז א מצוה אז יעדער איד זאָל ליעב האָבען דעם אנדערען איד אזוי ווי זיך זעלבסט, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ואהבת לרעך כמוך". אלזאָ דאַרף ביי יעדען מענש צו זיין טייער דעם צווייטענס כבוד מען זאָל נאָר דערצעהלען דעם שבח פון צווייטען, דעסט גלייכען דאַרף זיין ביי יעדען טייער אויך דעם צווייטענס געלד פונקט אזוי ווי ער שוינט זיין איינענעם כבוד מיט זיין אייגען געלד. און דער וואָס פערשאַפט זיך כבוד דורך זיין חבר'ס שאנדע, דער האָט נישט קיין חלק עולם הבא:

(ד) מיט דעם ליבשאַפט וואָס מען בע־דאַרף צו א גר, וואָס איינער פון אנדערע אומות האָט זיך מגייר געווען און איז געוואָרען אן ערליכער איד, איז מען מקיים צוויי מצות עשה. איינמאָל איז מען מקיים די מצות עשה פון „ואהבת לרעך כמוך", בעוויַיל ער הייסט דאָך שוין א אידישער חבר. צווייטענס איז מען מקיים די מצות עשה פון „ואהבתם את הגר". און אזוי ווי דער אויבערשטער האָט געוואָרענט מען זאָל נאָט ליעב האָבען, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ואהבת את ה' אלהיך". אזוי נוט האָט ער געוואָרענט מען זאָל א גר ליעב האָבען. און דער אויבערשטער אליין ווערט מיט דעם בערימט אז ער האָט ליעב גרים. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ואוהב גר":

(ה) אז איין איד האָט פיינט דעם אנ־דערען איד אין האַרץ, איז ער עובר אויף א לא תעשה וואָס שטעהט אין

פסוק

והמחרפו. אע"פ שאינו רשאי. אינו עובר משום לא תשנא

(ו) כשיחטא איש לאיש לא ישטמנו וישתוק. כמו שנאמר ברשעים. ולא דבר אבשלום את אמנון מאומה למרע ועד טוב כי שנא אבשלום את אמנון. אלא מצוה עליו להודיעו ולומר לו למה עשית לי כך וכך. ולמה חטאת לי בדבר פלוני. שנאמר הוכח תוכיח את עמיתך. ואם חזר ובקש ממנו למחול לו צריך למחול. ולא יהא המוחל אכזרי שנאמר ויתפלל אברהם אל האלהים:

(ז) הרואה חבירו שחטא או שהלך בדרך לא טובה מצוה להחזירו למוטב. ולהודיעו שהוא חוטא על עצמו במעשיו הרעים. שנאמר הוכח תוכיח את עמיתך. המוכיח את חבירו בין בדברים שבינו לבינו. בין בדברים שבינו לבין המקום. צריך להוכיחו בינו לבין עצמו. וידבר לו בנחת ובלשון רכה. ויודיעו שאינו אומר לו אלא לטובתו להביאו לחיי העולם

פסוק „לא תשנא את אחיך בלבבך". זאלסט ניט פיינט האבען דיין ברודער אין הארץ:

(ו) אז איין מענש זינדיגט קעגען צוויי. מען זאל ניט דער צווייטער פער־האסען דעם ערשטען אין הארץ און זאל נאר שטיל שווייגען. דאס טויג ניט אזוי, דער דרך ווערט געברענגט אין פסוק אז רשעים פלעגען זיך אזוי פירען. אזוי ווי עס שטעהט. ולא דבר אבשלום את אמנון מאומה למרע ועד טוב כי שנא אבשלום את אמנון". בעווייל אבשלום איז געווען אמנון'ס א שונא, האט ער צו עם קיין איין ווארט ניט גירעדט. אבער יודישלעך איז נאר אנ־דערש, עס איז א מצוה יענעם מודיע צו זיין און פורצוהאלטען עם, פאר וואס האסטו מיר אזוי און אזוי געטוהן, פאר וואס האסטו קעגען מיר געזינדיגט ווענען די אין די זאך. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „הוכח תוכיח את עמיתך". זאלסט האבען א ויכוח מיט דיין חבר און זאלסט עהם אבשטראפען. אויב יענער פערענטפערט זיך און פער־לאנגט זאלסט עהם מוחל זיין, דארף מען ניט זיין קיין אכזר. נאר עס יא מוחל צו זיין, אזוי ווי עס שטעהט ביי אברהם אבינו, אז ווען אבימלך האט עם איבערגיבעטען, האט ער עם מוחל גיוועזן, און האט נאך מתפלל גיוועזן פאר זיין געזינד:

(ז) דער וואס זעהט אז זיין חבר האט געזינדיגט, אדער אז ער פירט זיך אין א שלעכטען וועג איז א מצוה עם אנצושטראפען און צו פארלענגען א כח ער זאל בעסער ווערען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „הוכח תוכיח את עמיתך". דער וואס וויל שטראפען זיין חבר ווענען וואס פאר אן ענין ס'איז, דארף ער עם שטראפען ניט פאר מענ־שען נאר בינו לבין עצמו. און דאס שטראפען זאל זיין בנחת מיט ווייכע רייד, ער זאל יענעם מודיע זיין אז ער מיינט נאר זיין טובה כדי ער זאל עהם ברענגען

העולם הבא. אם קיבל ממנו מוטב ואם לאו יוכיחנו פעם שניה ושלישית. וכן תמיד חייב אדם להוכיחו עד שיכהו החוטא ויאמר לו איני שומע. וכל שאפשר בידו למחות ואינו מוחה. הוא נתפש בעון אלו. כיון שאפשר לו למחות בהם:

(ח) המוכיח את חבירו תחלה לא ידבר לו קשות עד שיכלימנו. שנאמר ולא תשא עליו חטא. כך אמרו חכמים. יכול אתה מוכיחו ופניו משתנות. ת"ל ולא תשא עליו חטא. מכאן שאסור לאדם להכלים את ישראל. וכל שכן ברבים. אע"פ שהמכלים את חבירו אינו לוקה עליו. עון גדול הוא. כך אמרו חכמים המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא. לפיכך צריך אדם להזהר שלא לבייש חבירו ברבים בין קטן בין גדול. ולא יקרא לו בשם שהוא בוש ממנו. ולא יספר לפניו דבר שהוא בוש ממנו. במה דברים אמורים בדברים שבין אדם לחבירו. אבל בדברי שמים. אם לא חזר בו בסתר מכלימין אותו ברבים ומפרסמים חטאו. ומחרפים אותו בפניו ומבזין ומקללין אותו עד שיחזור למוטב כמו שעשו כל הנביאים בישראל:

מי

ברענגען צו חיי עולם הבא. אויב יענער האט עהם געפאלגט באלד נאכ'ן ערשטען מאל שטראפען, הרי טוב. און אויב נישט זאל ער עהם ווייטער אזוי שטראפען דאס צווייטע מאל און א דריט מאל און זא ווייטער, אזוי לאנג ביז דער חוטא האפט זיך צו שלאגען דעם שטראפער און זאגט צו עם איך וויל דיך נישט פאלגען. דער וואס קאן פארווערען אנדערע זיי זאלען נישט זינדיגען, און וויל נישט פארווערען, ווערט ער געשטראפט פאר יענעמס זינד:

(ח) דער וואס נעמט זיך צו שטראפען זיין חבר, זאל נישט באלד ארויס אויף עם מיט הארטע רייד אזוי, אז יענער זאל פארשעמט ווערען. ווארען צו פארשעמען א יוד איז א גרויסע עבירה. מכל שכן נאך צו פארשעמען יענעם ברבים טאר מען א דאי נישט. אונזערע חכמים האבען אזוי געזאגט, אז דער וואס פארשעמט זיין חבר ברבים, האט נישט קיין חלק עולם הבא. אלזא דארף מען זיין שטארק געווארענט נישט מבייש צו זיין קיינעם ברבים, און נישט צו רופען יענעם מיט אזא נאמען וואס יענער שעמט זיך דערפון, און נישט צו דערצעהלען פאר יענעם אזא זאך וואס יענער ועט דערדורך פארשעמט ווערען. דאס איז אבער נאר אז דאס שטראפען איז וועגען א זינד, וואס יענער האט געזינדיגט קעגען זיין חבר, אבער אויב דא נעהט אין דעם וואס יענער זינדיגט קעגען אויבער־שטען, איז אז אויב יענער וויל נישט בשום אופן תשובה טוהן, זאל מען עהם יא מבייש זיין ברבים, און מען זאל מפרסם זיין די עבירה. מען זאל עם מבזה זיין און שעלטען ביז ער וועט תשובה טוהן, אזוי ווי מיר זעהן אז די

נביאים

(ט) מי שחטא עליו חבירו ולא רצה להוכיחו ולא לדבר לו כלום מפני שהיה החוטא הדיוט ביותר. או שהיתה דעתו משובשת ומחל לו בלבו ולא שטמו ולא הוכיחו הרי זו מדת חסידות. לא הקפידה תורה אלא על המשטמה:

(י) חייב אדם להזהר ביתומים ואלמנות. מפני שנפשן שפלה ביותר ורוחם נמוכה. אע״פ שהן בעלי ממון. ואפילו אלמנתו של מלך ויתומיו מוזהרים אנו עליהן שנאמר כל אלמנה ויתום לא תענון. והיאך נוהגין עמהן. לא ידבר אליהם אלא רכות. ולא ינהוג בהן אלא מנהג כבוד. ולא יכאיב גופם בעבודה. ולבם בדברים קשים. ויחוס על ממונם יותר מממון עצמו. כל המקניטן או מכעיסן או הכאיב להן או רדה בהן או אבד ממונן הרי זה עובר בלא תעשה. וכל שכן המכה אותם או המקללן. ולאו זה אע״פ שאין לוקין עליו הרי עונשו מפורש בתורה. והרה אפי והרגתי אתכם בחרב. ברית כרת להן מי שאמר והיה העולם שכל

זמן

נביאים האָבען אויך אזוי נאָך געשטראָפט די אידען:

(ט) דער וואָס זיין חבר האָט קעגען עם געזינדיגט און ער וויל נישט עם שטראָפען און אפילו נישט פויר־האלטען אויך, בעווייל יענער איז זעהר א גראָבער מענש, אָדער בעווייל יענער איז איינגעטוהן אין שלעכטע דעות. און דאדורך פערשטעהט ער אז זיינע רייד וועלען זיין גאָר אומזיסטע, איז ער עם אליזא אליין מוחל די עולה אין הארץ, און ער וויל נישט קאלי מאכען קיין רייד יענעם צו שטראָפען, און וויל אויך נישט יענעם האסען אין הארץ. דאָס איז גאנץ גלייך, און עס הייסט א מדת חסידות, וואָרען דער עיקר האָט נאָר די תורה מקפיד גיוועזן נישט צו האסען יענעם אין הארץ:

(י) דער מענש דארף זיין געוואָרענט נישט מצער צו זיין יתומים און אלמנות, וואָרען זיי זענען נידריג און געפאלען ביי זיך. אפילו אויב זיי זענען רייך און אפילו אן אלמנה און יתומים פון א מלך האָט אויך די תורה וועגען זיי געוואָרענט און האָט געזאָגט „כל אלמנה ויתום לא תענון" קיין שום אלמנה און יתום זאָל מען נישט אָהן טוהן קיין עגמת נפש. נאָר מען דארף זיך מיט זיי צו פיהרען גאנץ עהדעל, מען זאָל נאָר ריידען מיט זיי ווייכע רייד, און מען זאָל אין זיי נוהג כבוד זיין. נישט מצער צו זיין זייער גוף מיט א שווערע ארבייט און נישט מצער צו זיין זייערע הערצער מיט שלעכטע רייד, און מען זאָל חס האָבען אויף זייער געלד מעהר ווי אויף אונזער אייגען געלד. ווער עס דערצערענט זיי, ווער עס איז זיי מצער מיט וואָס עס איז, אָדער ווער עס איז גורם זיי זאָלען היזק האָבען געלד, איז עובר אויף א לא תעשה, מכל שכן נאָך ווער עס שלאָגט זיי אָדער שעלט זיי. דער עונש פון די עבירה איז מפורש אין די תורה, אז דער

אויבערשטער

זמן שהם צועקים מחמס הב נענים. שנאמר כי אם צעק יצעק אלי שמוע אשמע צעקתו. במה דברים אמורים בזמן שעינה אותם לצורך עצמו. אבל עינה אותם הרב כדי ללמדן תורה או אומנות. או להוליכן בדרך ישרה. הרי זה מותר. ואע"פ כן לא ינהוג בהן מנהג כל אדם. אלא יעשה להם הפרש וינהלם בנחת וברחמים גדולים וכבוד. שנאמר כי ה' יריב ריבם. אחד יתום מאב. אחד יתום מאם. ועד אימתי נקראים יתומים לענין זה. עד שלא יהיו צריכין לאדם גדול להסמיך עליו ולאמנן ולהטפל בהן. אלא יהיה עושה כל צרכי עצמו לעצמו כשאר כל הגדולים:

המרגל

אויבערשטער זאָגט „וחרה אפי והרגתי אתכם בחרב". מיך וועט די זאך פערדריסען און איך וועל איך הרג'נען מיט דער שווערד. אין דער אויבערשטער האָט מיט זיי כורת ברית געווען, אז ווען נאָר זיי וועלען שרייען צו איהם וועגען אן עולה וואס א מענש טהוט זיי, וועט ער זיך פאר זיי באלד אננעמען. אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק. „כי אם צעק יצעק אלי שמוע אשמע צעקתו". אויב ער וועט נאָר שרייען צו מיר וועל איך באלד צו הערען זיין געשריי. דאָס איז נאָר אויב איינער פייניגט זיי צוליעב זיין טובה וועגען. אָבער אויב איינער פייניגט דעם יתום כדי עס צו לערנען תורה, אָדער א מלאכה, אָדער כדי ער זאָל זיך פיהרען בדרך הישר, דאָס מעג מען. פון דעסט וועגען אפילו ביי אזעלכע ענינים זאָל מען זיך נישט פיהרען מיט זיי אזוי שטרענג ווי מיט אנדערע, נאָר אלץ זאָל זיין מיט רחמים גדולים און בדרך כבוד. און ס'איז ביי דעם קיין חילוק נישט צו א יתום פון א פאָטער צו א יתום פון א מוטער, איז אלץ איינס. און ביז ווי לאנג הייסען זיי יתומים קעגען דעם ענין? ביז זיי דארפען שוין נישט קיין הילף פון א גרויסען מענש זאָלען זיך אויף עהם פערלאָזען ער זאָל זיי מגדל זיין און בעמיהן זיך מיט זיי, נאָר זיי קאָנען זיך שוין אליין פאר זיך טוהן אלע זייערע בעדארפעניסען, אזוי ווי אלע גרויסע מענשען:

פרק שביעי

(א) המרגל בחבירו עובר בלא תעשה. שנאמר לא תלך רכיל בעמיך: ואע"פ שאין לוקין על דבר זה עון גדול הוא וגורם להרוג נפשות רבות מישראל. לכך נסמך לו ולא תעמוד על דם רעך. צא ולמד מה אירע לדואג האדומי:

(ב) איזהו רכיל. זה שטוען דברים והולך מזה לזה ואומר כך אמר פלוני. כך וכך שמעתי על פלוני. אע"פ שהוא אמת הרי זה מחריב את העולם. יש עון גדול מזה עד מאד. והוא בכלל לאו זה.
והוא

פרק שביעי

(א) המרגל בחבירו. דער וואס שפיאָנירט נאָך זיין חבר, ער זאָל געוואר ווערען זיינע מעשים, זיין בעשטאנד, זיין ארויסשטאמענג, כדי ער זאָל האָבען וואס צו דערצעהלען פאר אנדערע מענשען, און דורך די רייד קאָן אמאָל יענעם ארויסקומען א רעה, דער מענש ווערט אָנגערופען אויף גמרא לשון א „מרגל", דאָס הייסט א שפּיאָן, און אין די תורה ווערט ער אָנגערופען א „הולך רכיל". אויף יעדער שמיעה וואס ער טראָגט אָב פון איינעם צום אנדערען איז ער עובר אויף א בעזונדערע לא תעשה וואס שטעהט אין פסוק „לא תלך רכיל בעמך". דאָס איז זעהר א גרויסע עבירה, און דער מענש איז גורם עס זאָל אומגעבּרענגט ווערען פיעל יודישע נפשות, און ער מאכט מיט זיין מרפה'נע צונג חרוב די וועלט. און איבער דעם האָט די תורה באלד נאָך דעם פסוק „לא תלך רכיל בעמך" צו געשטעלט דעם פסוק „ולא תעמוד על דם ריעך" זאָלסט נישט שטעהן צוקוקען ווי דיין חבר'ס בלוט ווערט פערגאָסען. ס'איז גענוג צו נעמען זיך א ביישפיל פון דעם חורבן וואס דואג האדומי האָט אנגעמאכט מיט זיין רכילות זאָגען אויף דוד און אחימלך פאר שאול המלך:

(ב) דער לאו פון „לא תלך רכיל" איז כולל דריי מינים ריידעכץ. איינס וואס איינער דערצעהלט פאר עמיצען א שמיעה אויף זיין חבר, אז ער האָט ניהערט אז דער חבר האָט אזוי און אזוי געטוהן, און דאָס איז טאקי אמת, און נאָך דערצו איז די מעשה גאָר נישט קיין שלעכטץ און עס איז גאָר נישט פאר יענעם קיין בזיון די מע־ה. אָבער בעווייל דער מענש איז זיך מתכוין אז דורך די שמיעה וואס ער דערצעהלט זאָל צו זיין חבר ארויסקומען א רעה, דאָס הייסט רכילות. דאָס צווייטע מין רכילות איז, וואס איינער דערצעהלט פאר עמעצען א שלעכטע שמיעה אויף זיין חבר, אָדער אויף זיין חבר'ס עלטערן, אויך נישט קיין ליגענט נאָר טאקי אן אמת. אז דער חבר האָט געטוהן עפּעס א מעשה רע, אָדער
אז

והוא לשון הרע. והוא המספר בגנות חבירו אע״פ שאומר אמת. אבל האומר שקר נקרא מוציא שם רע על חבירו. אבל בעל לשון הרע זה שיושב ואומר כך וכך עשה פלוני. כך וכך היו אבותיו. וכך וכך שמעתי עליו. ואמר דברים של גנאי. על זה אמר הכתוב יכרת ה׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות:

(ג) אמרו חכמים שלש עבירות נפרעין מן האדם בעולם הזה ואין לו חלק לעולם הבא. עבודת כוכבים גילוי עריות ושפיכות דמים ולשון הרע כנגד כלם. ועוד אמרו חכמים כל המספר בלשון הרע כאלו כופר בעיקר, שנאמר אשר אמרו ללשוננו נגביר שפתינו אתנו מי אדון לנו. ועוד אמרו

אז זיינע עלטערן האבען געטוהן מעשים רעים, אדער אנדערע מיני בזיונות וואס דורך דעם ווערט יענער מבוזה. דאס מין רכילות ווערט אנגערופען „לשון־הרע״. דאס דריטע מין רכילות איז וואס איינער טראכט זיך אוים צו דערצעהלען פאר מענשען מעשים רעים אדער אנדערע מיני בזיונות אויף זיין חבר צו אויפ׳ן חבר׳ס עלטערן כדי מבזה צו זיין דעם חבר. און די שלעכטע מעשים צו די בזיונות וואס ער דערצעהלט זענען נאר ליגענט, און דעם מין רכילות שטעקט שוין אויך לשון־הרע און שקר און מוציא־שם־רע אויף זיין חבר. סיי ווי אויף די אלע מיני רכילות האט דוד המלך געזאגט אין תהלים „יכרת ה׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות״ גאט זאל פערשניי־דען אלע גלאטיגע לעפצען און די צינג וואס רעדט מיט גרויסקייט שלעכטץ אויף יענעם:

(מען דארף זעהר נויטיג אויפמערקזאם צו מאכען די פרימע אידלעך, וואס זאגען תהלים גאנץ ערענצט, און רכילות, לשון־הרע, שקר, ליצנות איז ביי זיי גאר קיין עבירה נישט, אז זיי זאלען זיין געווארענט נישט צו זאגען די קאפיטלעך תהלים אדער די פסוקים וואס דוד המלך האט אין זיי פער־שאלטען די געשליפענע צינגלעך, ווארען נאך וואס זאלען זיי זיך נאך אליין שעלטען. — ווען עס זאל זיין א מוכר ספרים וואס זאל לאזען אבדריקען אזעלכע תהלים׳לעך, אז די קאפיטלעך מיט די פסוקים וואס פארשעלטען די בעלי לשון־הרע זאלען זיין געדריקט מיט קלענערע אותיות פאר א סימן, אז דאס איז נישט פאר יעדען צו זאגען, דאכט זיך מיר אז דער מוכר ספרים וואלט געמאכט א גליקלעך געשעפט.)

(ג) די חכמים האבען געזאגט, אז אויף דריי עבירות נעמט מען געצאהלט פון מענש אויף דער וועלט און ההוץ דעם פערליהרט ער דאס חלק עולם הבא. דאס זענען די דריי עבירות. עבודה זרה. גילוי עריות. שפיכות דמים. און אויף די עבירה פון לשון־הרע ווערט מען נאך מעהר געשטראפט ווי אויף די דריי גרויסע עבירות. נאך האבען די חכמים געזאגט, אז דער וואס דערצעהלט לשון־הרע איז אזוי גיט גלייך ער וואלט געוועזן א כופר בעיקר. אזוי ווי ס׳שטעהט אין

פסוק

אמרו חכמים: שלשה לשון הרע הורגת. האומרו והמקבלו וזה שנאמר עליו. והמקבלו יותר מן האומרו;

(ד) ויש דברים שהן אבק לשון הרע. כיצד. מי יאמר לפלוני שיהיה כמות שהוא עתה. או שיאמר שתקו מפלוני איני רוצה להודיע מה אירע ומה היה. וכיוצא בדברים האלו. וכל המספר בטובת חבירו בפני שונאיו. הרי זה אבק לשון הרע. שזה גורם להם שיספרו בגנותו. ועל זה הענין אמר שלמה מברך רעהו בקול גדול בבקר השכם קללה תחשב לו. שמתוך טובתו בא לידי רעתו. וכן המספר בלשון הרע דרך שחוק ודרך קלות ראש. כלומר שאינו מדבר בשנאה. הוא ששלמה אמר בחכמתו. כמתלהלה היורה זקים חצים ומות ואמר הלא משחק אני. וכן המספר לשון הרע דרך רמאות. והוא שיספר לתומו. כאילו אינו יודע שדבר זה שדיבר

פסוק „אשר אמרו ללשוננו נגביר. שפתינו אתנו, מי אדון לנו", די רשעים רײדען זיך אזוי אײן. מיר וועלען זיך שטארקען מיט אונזערע צינגען, מיר האבען גוטע גלאטיקע לעפצען צום רײדען, ווער איז דען אונזער אויבער־הער וואס מען זאל פאר עהם מורא האבען. נאך האבען די חכמים געזאגט, אז די לשון־הרע הרג'ת אוועק דרײ מענשען. דעם וואס דערצעהלט די לשון־הרע, דעם וואס נעמט צו די לשון־הרע, און דעם וואס מען דערצעהלט אויף עהם די לשון־הרע. דער וואס ער נעמט צו די לשון־הרע דעם שאדעט עס נאך מעהר, ווי דעם וואס ער דערצעהלט די לשון־הרע;

(ד) ס'איז פערהאנען אזעלכע רײד וואס זענען נישט קײן עכט לשון־הרע, נאר אזוי ווי שטויב פון לשון־הרע. דהיינו אז אײנער דערצעהלט אויפ'ן אנדערען אז יענער איז שוין היינט צופיעל אין גרויסען, און ער זאגט אויף יענעם בזה הלשון, ווען וואלט דאס אמאל אנגעפאלען צו זאגען אז דער מענש וועט אמאל זײן אזוי אין גרויסען ווי ער איז היינט. אדער אז אײנער זאגט אויפ'ן אנדערען פאר מענשען בזה הלשון. שווײגט בעסער און רעדט גאר נישט פון יהם, איך וויל ענק גאר נישט דערצעהלען וואס מיט עהם האט זיך פאסירט, וכדומה נאך אזעלכע רײד, דאס הײסט אלץ שטויב פון לשון־הרע. דעסט גלײכען אז אײנער ריהמט זײן חבר פאר'ן חבר'ס שונאים, הײסט עס אויך שטויב פון לשון־הרע, ווארען ער ברענגט דערצו אז די שונאים זאלען אנהויבען רײדען אויף יענעם שלעכטץ, אלזא קומט פון זײן טובה ארויס יענעם א רעה. טײל קליגע לשון־הרעניקעס רײדען לשון הרע בדרך גילעכטער פערפיצט מיט קליגע ווערטלעך און מיט קלות ראש, גאר נישט מיט קײן שנאה כדי מען זאל עם נישט פארווארפען אז ער רעדט לשון־הרע. טײל ווײטער פערקלײדען די לשון הרע און פערפיטצען זי מיט גלאט א מעשה דערצעהלען אין די וועלט ארײן. מען זאל גאר נישט פערשטעהן אז ער מײנט יענעמען. אבער דער אויבערשטער פארשטעהט

שדיבר לשון הרע הוא. אלא כשממהין בו אומר איני יודע שדבר זה לשון הרע או שאלו מעשיו של פלוני:

(ה) אחד המספר בלשון הרע בפני חבירו או שלא בפניו. והמספר דברים שגורמים אם נשמעו איש מפי איש להזיק לחבירו בגופו או בממונו. ואפילו להצר לו או להפחידו. הרי זה לשון הרע. ואם נאמרו דברים אלו בפני שלשה. כבר נשמע הדבר ונודע. ואם סיפר הדבר אחד מן השלשה פעם אחרת. אין בו משום לשון הרע. והוא שלא יתכוין להעביר הקול ולגלותו יותר:

(ו) כל אלו הם בעלי לשון הרע שאסור לדור בשכונתם. וכל שכן לישב עמהם ולשמוע דבריהם. ולא נחתם גזר דין על אבותינו במדבר אלא על לשון הרע לבד:

(ז) הנוקם מחבירו עובר בלא תעשה. שנאמר לא תקום. ואע"פ שאינו לוקה עליו. דעה רעה היא עד מאד. אלא ראוי לו לאדם להיות מעביר על מדותיו על כל דברי [זה] העולם. שהכל אצל המבינים דברי הבל

והבאי

פאַרשטעהט גאַנץ גוט זיין מיינונג און וועט עם שטראָפען דערפאַר בגלוי ובפרסום וועט זיין מעהנסטעל וועט דער־פילט ווערען:

(ה) לשון־הרע איז נישט קיין חילוק צו מען דערצעהלט עם פאַר יענעם אין די אויגען, צו אונטער די אויגען. אויב מען דערצעהלט נאָר אזעלכע רייד וואָס אויב זיי וועלען מפורסם ווערען איי־נעם פון אנדערען וועלען די רייד גורם זיין יענעם אַ היזק, אָבער אין גוף, אָבער אין פאַרמעהגען, אָדער יענער קאָן קומען דורך דעם צו אַ צער, צו אַ בזיון, צו אַ פחד, הייסט אַלץ לשון־הרע. די רייד וואָס זענען איינמאָל געזאָגט געוואָרען פאַר דריי מענשען, און אַז איינער פון די דריי מענשען דערצעהלט פאַר וועמען די רייד, הייסט עם נישט קיין לשון־הרע. און אויך נאָר אַז דער דערצעהלער זאָל זיך נישט מתכוין זיין די זאַך מעהר מפורסם צו מאַכען:

(ו) די אַלע מינים לשון־הרע'ניקעס וואָס ווערען אויבען אויסגערעכענט, טאָר מען מיט זיי נישט וואָהנען צוזאַמען אין שכינות, און ווער שטיקט נאָך צו זיצען מיט זיי צוזאַמען און אויסצוהאָרכען זייערע רייד, טאָר מען געוויס נישט. די גזירה וואָס איז נגזר געוואָרען אויף אונזערע עלטערן אין די מדבר זעקס מאָל הונדערט טויזענד מאַן, זיי זאָלען נישט אַריין קומען קיין ארץ ישראל, נאָר זאָלען אַלע אויסשטאַרבען אין דער מדבר, איז געוועזען איבער'ן לשון־הרע פון די מרגלים:

(ז) אַז אַ איד איז זיך נוקם פון זיין חבר איז ער עובר אויף אַ לא תעשה וואָס שטעהט אין פסוק „לא תקום". די זאָלסט דיך נישט נוקם זיין. דער מענש דאַרף זיין אַ „מעביר על מדותיו" דאָס הייסט צו פאַר־געסען די עולה וואָס יענער האָט עם אַמאָל געטוהן. נוקם זיין הייסט אַז ראובן

זאָגט

והבאי ואינן כדאי לנקום עליהם. כיצד היא הנקימה. אמר לו חבירו השאילני קרדומך. אמר לו איני משאילך. למחר צריך לשאול ממנו. אמר לו חבירו השאילני קרדומך. אמר לו איני משאילך כדרך שלא השאלתני כששאלתי ממך. הרי זה נוקם. אלא כשיבוא לו לשאול יתן בלב שלם. ולא יגמל לו כאשר גמלו. וכן כל כיוצא באלו. וכן אמר דוד בדעותיו הטובות. אם גמלתי שולמי רע ואחלצה צוררי ריקם:

(ח) וכן כל הנוטר לאחד מישראל עובר בלא תעשה. שנאמר ולא תטור את בני עמך. כיצד היא הנטירה. ראובן שאמר לשמעון השכיר לי בית זה או השאילני שור זה. ולא רצה שמעון. לימים בא שמעון לראובן לשאול ממנו או לשכור ממנו. ואמר לו ראובן. הא לך הריני משאילך. ואיני כמותך. לא אשלם לך כמעשיך. העושה כזה עובר בלא תטור. אלא ימחה הדבר מלבו ולא יטרנו. שכל זמן שהוא נוטר את הדבר וזוכרו. שמא יבא לנקום. לפיכך הקפידה תורה על הנטירה עד שימחה העון מלבו ולא יזכרנו כלל. וזו היא הדעה הנכונה שאפשר שיתקיים בה יישוב הארץ ומשאם ומתנם של בני אדם זה עם זה:

זאָגט צו שמעונ'ן. באָרג מיר דיין האק. זאָגט שמעון איך וויל דיר נישט באָרגען. צומאָרגענס זאָגט שמעון צו ראובנ'ן, באָרג מיר דיין זעהג. זאָגט ראובן איך וויל נישט דיר באָרגען מיין זעהג אַזוי ווי דו האָסט מיר נישט געוואָלט באָרגען דיין האק, דאָס הייסט נוקם געוועזען זיך. איין איד אין אנדערען טאָר זיך נישט נוקם זיין, נאָר מען דארף יענעם טוהן א טובה חאָטש יענער האָט דיר נישט געוואָלט טוהן קיין טובה:

(ח) צוליעב דעם וואָס מען טאָר זיך נישט נוקם זיין, האָט שוין אויך די תורה פערבאָטען אז איין איד צום אנדערען זאָל נישט נוטר שנאה זיין. אַזוי ווי עס שטעהט אין פסוק „ולא תטור", די זאָלסט נישט צו דיין חבר נוטר שנאה זיין. ווי אַזוי הייסט נוטר שנאה? אז ראובן פערלאַנגט פון שמעונ'ן א טובה. „באָרג מיר דיין אָקס". וויל שמעון נישט. און א צייט אַרום פערלאַנגט ווייטער שמעון פון ראובנ'ן א טובה. „באָרג מיר דיין פערד". ענטפערט ראובן, „יאָ גוט, איך וועל דיר באָרגען, איך בין נישט אַזוי ווי דו, וואָס דו האָסט מיר נישט געוואָלט באָרגען". דאָס הייסט נוטר שנאה געוועזען. מען דארף די שנאה פון הארץ אונגאַנצען אָב צו מעקען, וואָרען כל זמן ער וועט אין זינען האָבען די שנאה איז גאָר גרינג ער זאָל זיך וועלען אין יענעם נוקם זיין, איבער דעם האָט די תורה דאָס פערבאָטען און האָט אָנגעזאָגט „ולא תטור". נאָר זאָלסט יענעם עולה פון דיין הארץ אינגאַנצען אָבמעקען. דאָס איז א גוטע דעה און א גוטע עהדעלע מדה, וואָס דורך דעם קאָן דער יישוב פון די וועלט מיט דעם משא ומתן א קיום האָבען, און דאָס גיט פריינדשאַפט פון איינעם צום אנדערען קאָן אלע מאָל מעהר געשטאַרקט ווערען

זיין לעבענס בעשרייבונג.

זיינע ספרים און זיין ווירקונג
ב 3

אויף דעם אידישען נאציאן.

חלק שני

איבערגעזעצט פון זיבערע קוועלען
על ידי הרב המפורסם ר' יודל ראזענבערג

דער טארלער רב וואס וואהנט היינט אין לאדז

די געבורטהייט פון רמב"ם — דעם רמב"ם'ס יוגענד.— אויסוואונדערונג אין אפריקא פירושים אויף דער גמרא און משניות.—„מאמר העבור" און „אגרת השמד".— דאס אנטלויפען פון אפריקא.— ארץ ישראל און מצרים.

רבנו משה בן מיימון איז געבארען אין „קארדאווא". 14 טאג אין חדש ניסן, 895 יאהר אין אלף החמישי לבריאת העולם. זיין פאטער רב מיימון האט געשטאמט פון גרויסען יחוס: זיינע עלטערען און עלטער־עלטערן, ביז אכט דורות, זיינען געוועזען רבנים און דיינים אין קארדאווא, און זייער יחוס האט זיך געצויגען ביז „רבינו הקדוש", דער מחבר פון משניות, — רב מיימון איז אויך געוועזען רב אין קארדאווא, און אויסער זיין למדנות איז ער געוועזען זעהר געבילדעט, געקענט גוט מאטעמאטיק, געהאט א שטארקע ידיעה און אסטראנאמיע (תבונה). און האט געשריבען פיעל טייערע ספרים. ער האט זיין זוהן ערצויגען אויף זיין שטייגער, געלערנט איהם תנ"ך, גמרא און וועלטליכע קענטניס; און דער פעהיגער זוהן האט אלעס געשלונגען מיט גרויס חשק. א חוץ דעם האט ער געלערנט נאך ביי אנדערע לעהרער פונ'ם פאטער. ביי אראבישע געבילדעטע לייט, און שטודירט נאטור־וויסענשאפט, (חכמת הטבע). דאקטאריע און אראבישע פילאזאפיע; און אלס וואס ער האט געלערנט האט ער געקענט ביז אין תוך אריין, הגם ער איז געוועזען זעהר יונג; א יונגעל פון א בר־מצוה, נישט מעהר. די נאטור האט איהם געשענקט וואונדערליכע פעהיגקייט, אלע האבען איהם בעוואונדערט, אלע האבען געזאגט, אז פון דעם יונגעל וועט ארויס וואקסען א גאון־עולם — און אזוי איז טאקע געוועזען:

די מעשה איז בעוואוסט און זי ווערט געברענגט אין די פערציטישע ספרים, אז רב מיימון דעם רמב"ם'ס פאטער האט ברעה געהאט נישט חתונה צו האבען. ווען ער איז שוין געוועזען אין די מיטעל יאהרען איז עהם געקומען עפעס אן אלטער יוד צו חלום, אז ער זאל חתונה

האבען

האָבען מיט אַ קצב׳ס אַ טאָכטער, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ שטעדטעל נעבען קאָרדאָוואַ. רב מיימון האָט זיך פון דעם חלום נאָר אויסגעלאַכט און האָט אויף עם גאָר נישט געקוקט. אָבער דער אַלטער יוד וואָס איז עם געקומען צו חלום האָט עם נישט אָבגעלאָזט, נאָר ער איז אַלע מאָל מעהר און עפטער עם געקומען זאָגען דעם חלום. ביז רב מיימון האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז נישט קיין נאַרישקייט, האָט ער זיך מיישב געווען און איז געפאָהרען אין דעם שטעדטעל אַריין, ווי דער קצב האָט געוואוינט און האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער. זי איז באַלד פון עהם טראָגען געוואָרען, און ווען זי האָט געבאָהרען דעם רמב״ם איז זי געווען אַ מקשה לילד, און נאָכ׳ן האָבען דאָס קינד איז זי געשטאָרבען.
רב מיימון האָט נישט געקריגען אַזוי גיך קיין אידישע אם צו זייגען דאָס קינד, האָט ער דערוויַיל צו גענומען אַן אם פון אַנ׳אַנדער פאָלק. דאָס קינד האָט געזויגען ביי די אם ביז צום מל זיין, דערנאָך האָט שוין דאָס קינד נישט געוואָלט זייגען ביי דער אם, האָט מען צוגענומען צו דעם קינד אַ אידישער אם.

רב מיימון האָט דערנאָך חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ ווייב אַ גרויסע מיוחסת, מיט וועלכע ער האָט געהאַט עטליכע קינדער. אַז דער רמב״ם מיט די קינדער וואָס רב מיימון האָט געהאַט פון אַנדערען ווייב זענען גרויס געוואָרען, האָט זיך אַרויס געוויזען אַז דער רמב״ם האָט געהאַט זעהר אַ פערשטאָפּטען קאָפּ, און ער האָט בשום אופן גאָר נישט געקאָנט מקבל זיין וואָס מען האָט מיט עם געלערענט. דער פאָטער מיט די ברידערלעך האָבען עם פיינד געהאַט, פלעגען עם שלאָגען און שרייען אויף עהם „קצב-יונג״. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַז דער רמב״ם האָט זיך די זאַך זעהר צום האַרצען גענומען, איז ער ברוגז געוואָרען און האָט זיך באַהאַלטען אויף דער ווייבערשע שוהל און ער האָט דאָרט זעהר געוויינט אויף זיינע צרות און אויף זיין גרויסע בושה, ביז ער איז פון געוויין אַנטשלאָפען געוואָרען. האָט זיך עם געחלומ׳ט אַז עפּעס אַן אַלטער גרייז-גראָהער יוד איז צו עם געקומען, און האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ האַרץ, האָט דער גרייז-גראָהער יוד צום רמב״ם אַזוי געזאָגט: „זעה מיין קינד! דיינע טרערען זענען אָנגענומען געוואָרען פאַר גאָט ברוך הוא, בין איך געשיקט געוואָרען צו דיר אַרויסצונעמען פון דיר דעם לב האבן דאָס שטיינערען האַרץ, און אַריין צו זעצען אין דיר דאָס האַרץ, וואָס איז אַ לב בשר״. ווען דער רמב״ם איז אויפגעקומען

פון

פון שלאָף האָט ער שוין זיך געשפּירט אז ער איז אן אנדערער מענש. נאָך דעם איז באלד דער רמב"ם ענטלאָפען פון זיין פאָטער אין דער שטאָדט אריין, ווי עס האָט געוואָהנט דער גרויסער גאון הרב ר' יוסף ן' מיגאש, וועלכער האָט דעם רמב"ם זעהר שטארק מקרב געווען און האָט מיט עם גילערענט תורה אלאנגע ציים. דערנאָך איז דער רמב"ם צוריק געקומען קיין קאָרדאָווא, אָבער ער איז ניש באלד אריין צו זיין פאָטער, נאָר שבת האָט דער רמב"ם געזאָגט א דרשה אין שוהל. אויף דער דרשה האָבען זיך אלע לומדים שטארק געווינדערט. מען איז באלד געוואָהר געוואָרען ווער דאָס ווינדערליכע יונגעל איז, ראן זענען דער פאָטער רב מיימון מיט די אנדערע קינדער אויף עם ארויפגעפאלען און האָבען עם געקושט. ביי וועלכען זיי האָבען עם שטארק מפייס געווען און האָבען עם אהיים געפיהרט צו זיך בכבוד גדול און מיט גרויס ליבשאַפט.

די יונגע יאָהרען איז דער גן-עדן פון אונזער לעבען: דאָס יונגע קינד לעבט פריי פון זאָרגען, שוועבט ווי א פרייער פויגעל אין גאַנץ ליכטיגער וועלט, און פיהלט ניט די צרות פוג'ם לעבען. די שלעכטקייט. די פערדאָרבענהייט פון די מענשען. רבנו משה האָט פון דעם גן-עדן ניט פארזוכט; ער האָט שוין גאנץ פריה דערקענט דאָס לעבען מיט די מענשען, און האָט געטרונקען פון דעם בעבער וואָס זיין גאנץ פאָלק טרינקט שוין טויזענדער יאָהר. א קינד פון דרייצעהן יאָהר און האָט שוין געמוזט שלעפען אויף זיינע פּלייצעס דאָס שווערע פּעקעל פון צרות פאר דער אמונה, רדיפות — פאר'ן יודישקייט!

דיזע צייט האָט אָנגעהויבען אינ'ם יאָהר 4908 דאַמאָלס זענען די אראבער „אלמאָהאדען“ בעפאלען און איינגענומען די שטאָדט קאָרדאָווא און גוזר געווען אויף אלע איינוואָהנער, יודען און קריסטען, זיי זאָלען אָנגעהמען דעם איסלאם, אדער ארויסוואנדער'ן פון דאָרט, אז ניט — דער טויט! דאָס גרעסטע טהייל פון דער יודישער קהלה איז ארויס פון קאָרדאָווא און זיך געלאָזט געהן וואוהין די אויגען טראָגען. צווישען די וואנדערער האָט זיך געפונען רב מיימון מיט זיין דרייצעהן-יאָהריגען זוהן רבנו משה. און הונגער און נויט זיינען זיי אָנגעקומען אין דער שטאָדט אלמעריא ביי'ם ים, וואָס דאָרט האָבען געהערשט קריסטען; אָבער ניט לאַנג האָבען זיי דאָרט געקענט בלייבען אינ'ם יאָהר 4911 האָבען די אלמאָהאדען אנגעשפאַרט ביז אהין אין דער פאנאטישער סולטאן אבו-ל-מומען האָט די יודען ניט געלאָזט בלייבען ביי זייער רעליגיע. רב מיימון

האָט ווייטער געמוזט געהמען דעם שטעקען אין האַנד און געהן וואַנדערן מיט דער גאַנצער פאַמיליע, זיין הויז געזונר, לעבען און צרות און שרעק און ניט געפונען ערגעץ קיין מנוחה. דאָס ביטערע לעבען האָט דאָך רבנו משה'ן ניט געשטערט ער זאָל זיך ווייטער לערנען און בילדען. ער האָט געזוכט יעדע זאַך, גרונדליך אויספאָרשען און פאַרשטעהען. סיי וואָס ער זעהט מיט די אויגען, און סיי וואָס ער בעגרייפט נור מיט'ן שכל. ער האָט ניט געקענט ליידען קיין סודות, פאַרבאָרגעניש, ער האָט געשטרעבט, זיך אַלעם העל און דייטליך צו דערקלעהרען. זיין לאָגישער פערשטאַנד האָט ליעב געהאַט אַ סדר, אַנ'אָרדנונג אין אַלעם. און ווען ער האָט זיך פאַרטיעפט אין די שווערסטע חקירות האָט איהם זיין לויטערער שכל ניט געלאָזט פערבלאָנדזען. און ער האָט בעלייכט אַלע פינסטערע ווינקעלעך.

אין דעם רמב"ם האָבען זיך פעראייניגט פיעל וויסענשאַפט, לויטערע פערשטאַנד, ישוב הדעת און ענערגיע. פרום איז ער געווען ווי דער גרעסטער צדיק, פון אַזעלכעם וואָס זעהט אוים ווי נאַרישקייטען, האָט ער נישט געהאַלטען, נישט געגלויבט בלינד, נאָר אַלעם בעטראַכט מיט אָפענע אויגען, אַלעם זיך ערקלערט לויטער, העל און שעהן. מיט זיין פרומקייט האָט זיך געפּאָערט זעלטענע גוטסקייט: זיינע מדות טובות, זיין זעלע האָט געשטרעבט נור צום גוטען, צו אַלעם וואָס איז שעהן און ערעל און מאַכט דעם מענשען עהנליך מיט זיין פיהרערכץ צו די מדות וואָס דער אויבערשטער ווערט מיט זיי בעריהמט. גרעסטע פרומקייט, העכסטע חכמה און שעהנסטע מדות האָבען זיך אין איהם ווי צונויפגעשמאָלצען, אין פילאָזאָפיע איז ער געווען איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט; אין פרומקייט און זיטליכקייט האָט ער געהאַט וועניג זיין גלייכען, און מיט זיין כאַראַקטער האָט ער אַלע איבער געשטיגען;

דער רמב"ם האָט געהאַט זעהר איין ערנסטע כאַראַקטער: דאָס לעבען האָט ער נישט בעטראַכט פאַר אַ געלעגענהייט צו געניסען פון וועלטליכע פאַרגנוגען, נאָר צו טהון ערעלע מעשים, און אויסווייזען, אַז דער מענש איז גאָטס עבענבילד (בצלם אלהים), ער האָט פיינד געהאַט אַלעם וואָס נידריג, וואָס פאַרשטעלט, וואָס בלישצעט אָהן אַ אינערליכען ווערטה; דאַרום פלעגט ער זיך נישט פאַרנעמען מיט פּאָעזיע, און זי האָט אין זיינע אויגען קיין שום ווערטה געהאַט, ווייל זי איז געבויעט אויף פוסטע פאַנטאַזיע, אויף ליגען, ווי מען פלעגט דאַמאָלס זאָגען: „דאָס בעסטע פון אַ שיר איז — ליגען" (מיטב השיר כזבו) צו וואָס זאָל מען

פארברענגען

פאַרבראַנגען די טײַערע צײַט אויף אַ זאַך וואָס האָט קיין ווערטה נישט? —

און ווי גוט, ווי זאַנפט, ווי קליין איז ער געווען בײַ זיך! פון זײַן מויל האָט זיך קיין מאָל נישט אַרויסגעכאַפּט אַ האַרב וואָרט געגען די וואָס האָבען אויף איהם געקריגט. ער האָט קריטיקירט די פאַלשע דעות, קרומע געדאַנקען און פאַלשע ווערטער; אָבער די מענשען וואָס האָבען אַרויסגעזאָגט יענע דעות און געדאַנקען האָט ער בעהאַנדעלט ערעל און פײַן, אפילו ווען זיי האָבען איהם שטאַרק אָנגעריהרט אָדער בעליידיגט. ער איז געווען אַ זעלטענער ענו, און זײַן גאָלדען מויל האָט גאָר נישט געקענט אַרויסרעדען אַ שלעכט וואָרט אפילו אויף דעם קלענסטען מענשען און דעם גרעסטען שונא.

צו די אַלע זעלטענע מעלות איז צוגעקומען זײַן ענערגיע, זײַן שטאַרקער ווילען צו אויספיהרען און אויסווייזען אַלעס וואָס ער האָט אויסגעפאָרשט און ערקענט, אַז דאָס איז גוט און אמת. צרות, יסורים און אַלערליי פאַרדריסליכקייטען האָבען איהם נישט געקאָנט אָראָבפיהרען פון דעם וועג, אויף וועלכען ער איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט צו זײַן ציעל. און זײַן ציעל איז געווען: אויסקשאַפען פון יודען אַלע אָבערגלויבערייען, אַלע נאַרישקייטען, און שטעלען דאָס גאַנצע יודישקייט, די גאַנצע יודישע רעליגיע. אַלע מצות פון דער ביבעל (תנ"ך) און פון גמרא, אַלע יודישע מנהגים און די יסודות (פונדאַמענטען) פון דער יודישער אמונה, דאָס אַלעס שטעלען אין אַזאַ ליכט, אַז די גאַנצע וועלט און די גרעסטע חכמים זאָלען זעהען ווי אמת און ריכטיג זיי זײַנען! —

מיר האָבען אויבען בעמערקט, אַז רבנו משה האָט געלערענט אַלע וויסענשאַפטען פון זײַן צײַט; נאָר בעזונדער האָט ער זיך איבערגעגעבען פיער זאַכען: אויספאָרשען גרונדליך די ביבעל און די תלמודישע ליטעראַטור, שטודירען פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע (שטערען-זעהעריי) און דאָקטאָריע. נאָך אין זײַן פריהסטער יוגענד האָט ער געשריבען פירושים אויף ש"ס, פון זיי איז אונז געבליבען זײַן פירוש אויף דער גמרא „ראש השנה"; די איבריגע זענען פאַרלאָרען געוואָרען.

אַז ער איז אַלט געווען דריי און צוואַנציג יאָהר האָט איהם איינער פון די געבילדעטע לייט געבעטען, ער זאָל איהם שרייבען אַ ס:ר ווי אַזוי מען רעכענט די חדשים, און ווי מען קען וויסען ווען צו מאַכען אַן עבור יאָהר. רבנו משה האָט איהם אויפגעשריבען אַ קליין ווערקעל „מאמר העבור"

העבור" אינ'ם יאָהר 4918. דאָס ספר'ל איז קליין, פיעל נייעס איז איך איהם ניט דאָ, יעדאָך זעהט מען אין איהם ווי אין אַ שפּיגעל וואָס פאַר אַ ליכטיגען קאָפּ דער רמב"ם האָט שוין דאַמאָלס געהאַט, ווי טיעף און גרונדליך ער פאַרשטעהט יעדע זאַך, ווי לאָגיש ער דענקט און וואָס פאַר אַ שטאַרקען כח ער האָט צו מסביר זיין דעם צווייטען זיינע געדאַנקען.

אין דעם זעלבען יאָהר האָט ער אָנגעהויבען שרייבען אַ ריזען ווערק. זיין פּירוש אויף משניות, אַזאַ ערנסטע, אַזאַ שווערע אַרבייט פאַר אַ יונגען מאַן פון 23 יאָהר! — די יאָהרען ווען יונגע לייט לערנען נאָך אין די שולע אָדער זיי געניסען פונ'ם לעבען — און צו דעם איז ער שטענדיג געווען געפּלאָגט פון צרות און נויט, געווען נע-ונד, וואו געטאָגט ניט גענעכטיגט, און ספרים צו דער אַרבייט האָט ער אויך ניט געהאַט. זיין גאַנצע הילף איז געווען דער זכרון, אין וועלכען זענען געלעגען ווי אין אַ אוצר ספרים פון אַלע גאונים.

אין יענער צייט האָט זיין פאָטער. רב מיימון איינגעזעהען, אַז אין שפּאַניען וועט ער קיין רוה ניט געפינען, מען יאָגט דאָרט די יודען אָהן אויפהער, האָט ער זיך מישב געווען און איז מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אַוועק אין אַפריקאַ, אין דער שטאָדט פעץ. דאָס איז געווען בערך אינ'ם יאָהר 4919. וואָס איז איהם דוקא געפעלען אַפריקאַ, וואו יודען האָבען דאַמאָלס אויך געלעבט אין גרויסער נויט? — נאָר זיין נסיעה אַהין האָט געהאַט זעהר אַ גרויסען ציעל; ער איז בכיון געפאָהרען אַ הין, צו טהון עטוואָס פאַר דער יודישער רעליגיע, וואָס האָט דאָרט געהאַלטען זעהר שמאָל. דער כליף (הערשער) אַבדולמומען האָט גוזר געווען, אַז אַלע יודען פון צפון אַפריקאַ זאָלען אָננעהמען דעם איסלאַם. גלייך ווי די שפּאַנישע יודען, זיי זאָלען גלויבען, אַז מחמד איז געווען אַ נביא און געהען בעטען אין די מאָשעען (מוסולימאַנישע געבעט הייזער). דורך דער גזרה זיינען אַלע יודישע שוהלען אין מאַראָקאָ געוואָרען פאַרשלאָסען, אַלע ישיבות — וויסט. דאָך זענען די יודען געבליבען פאַרבאָרגען געטריי זייער רעליגיע, און האָבען אָפּגעהיט אַלע מנהגים און מצות ווען קיינער האָט ניט געזעהען. אַזוי האָט געדויערט אַ יאָהר צעהן, ביז דער המון-עם האָט זיך צוגעוואָהנט צו דעם איסלאַם און אָנגעהויבען זיין מסופק אין זייער יודישער רעליגיע; עס האָט ניט פיעל געפעהלט זיי זאָלען פאַרגעסען די גאַנצע יודישע אמונה און בלייבען אין איסלאַם. רב מיימון האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך פאַרגענומען, העלפען יענע אָרימע אַראָפּ-

נעפאַלענע

געפאַלענע ברידער. שטאַרקען זייער בטחון און אונטערפרישען זייער האָפ־
נונג; דאַרום איז ער אהין געגאַנגען. און דאָרט האָט ער באַלד אַרויסגע־
געבען אַ „טרייסט בריף״ (אגרת הנחמה) צו די אפריקאַנער יודען אינ׳ם
יאָהר 4920. ער האָט דעם בריף געשריבען אַראַביש, און האָט צושיקט
קאָפּיען אין אַלע יודישע שטעדט, כדי יעדער יוד זאָל לעזען און פאַר־
שטעהען און בלייבען פעסט ביי זיין רעליגיע.

אויך רבנו משה זיין זוהן האָט באַלד נעהאַט די געלעגענהייט, אַרויסטרעטען צום ערשטען מאָ׳ אויף דעם קריעג־פלאַטץ און אַרויסווייזען זיין גבורה אין תורה, זיין ליעבשאַפט צו יודישקייט און זיין בליק אין אמונה.

אַ יודישער למדן, וואָס איז געווען זעהר פאַנאַטיש (ווי ער הייסט ווייסען מיר נישט). האָט דאַמאָלס אַרויסגעגעבען אַ ספר, אין וועלכען ער שרייבט, אַז די יודען וואָס האַלטען דעם איסלאַם זיינען על פי דין גלייך צו געצענדינער. דער יוד וואָס זאָגט אָפען, אַז מחמד איז אַ נביא, הגם שטילערהייט היט ער אָפּ די גאַנצע יודישקייט — איז נישט קיין יוד און איז פסול לעדות פאַר אַ בית־דין; ווער עס נעהמט אין אַ מחמדניש געבעט־הויז לייקענט אין גאָט, און אַז ער קומט נאָכדעם אַ היים און דאַווענט — טהוט ער נאָך אַ צווייטע עבירה — נאָך זיין מיינונג, דאַרף דער יוד מיט זיין גאַנצער פאַמיליע זיך לאָזען אומברענגען, מוסר נפש זיין און נישט אָננעהמען דעם איסלאַם, אפילו נאָר לפנים; ווייל די מחמדנישע רעליגיע איז געצענדינסט, און אויסער דעם דאַרף דער יוד נישט גלויבען אין מחמד, וועלכער האָט אויסגעהרג׳ט 25 טויזענד יודען אין אַראַביען און אויסגעלאָשען זייער לעצט ליכטעל.

דיזע פייעריגע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען געדרודער ביי די אפריקאַנישע יודען: די פרומע האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען — „זיי זיינען גאָר געצענדינער, האָבען קיין חלק לעולם הבא!״ און דער המון, וואָס איז ממילא נישט געווען שטאַרק צוגעבונדען צו דעם יודישקייט איז נאָך מעהר שוואַך געוואָרען אין זיין אמונה און האָבען געטראַכט: „אַזוי צו אַזוי זיינען מיר שוין נישט קיין יודען, לאָמיר שוין גאָר אין גאַנצען ווערען מחמדנער!״ —

רבנו משה האָט געזעהן וויפיעל דיים יודישקייט קען ליידען דורך יענעם פאַנאַטיקער, איז ער אַרויס געגען איהם מיט אַ ספר׳ל „אגרת השמד״, געשריבען אין אַראַביש. דער רמב״ם איז דאַמאָלס אַלט געווען

25 יאָהר

25 יאָהר, דאָרט האָט ער אויפגעוויזען פון גמרא און פיעל ספרים, אַז די יודען וואָס זײַנען גענײט צו טראָגען די מחמדאַנישע מאַסקע הערען נישט אויף צו זײַן יודען, ווען אין האַרצען גלויבען זײ אין גאָט און תורת משה; אַ יוד ווען ער זינדיגט אפילו נעגען יודישקײט איז נאָך אַלץ אַ יוד, און בפרט ווען ער איז געצוואונגען צו דעם. די יודען וואָס האָבען נקידינס אָבגעטער אין דער צײַט פון די נביאים, האָבען זיך אַלץ גערעכענט ווי גלידער פון גאָטס פאָלק, מיר אָבער — זאָגט דער רמב״ם — מיר זײַנען קײן געצענדינער, מיר דערמאַנען מחמר'ן נור אום ניצול צו ווערען פון די רדיפות פון דעם פאַנאַטישען כליף. די מחמדאַנער בכלל זײַנען נישט קײן געצענדינער: זײ גלויבען אין אַײנציגען גאָט, זײ פערלאַנגען נור פון אונז, מיר זאָלען זאָגען, אַז מחמד איז געוועזען אַ נביא; ווײַטער קאָנען מיר זיך אויפפיהרען ווי יודען, פאַר דעם דאַרפען מיר זיך נישט מוסר נפש זײַן”, א. ז. וו.

עס רמבם'ס ווערטער זײַנען געוועזען ווי באַלזאַם אויף די פאַרוואונדעטע הערצער פון זײַנע אָרימע ברידער. און נישט מיט דער פעדער אַלײן, נאָר מיט ווערטער און מיט אַלע מעגליכקײט האָט ער זיך בעמיהט צו שטאַרקען די יודען און זײ אויפמונטערען, זיך האַלטען פעסט אין זײער רעליגיע. דורך דעם איז ער אַרײַנגעפאַלען אין אַ גרויסער סכנה: די רעגירונג האָט איהם געוואָלט אומברענגען.

די פאַמיליע מיימון האָט געזעהען זיך צו ראַטעווען, און אין אַ פינסטערע נאַכט זײַנען זײ אַלע אַנטלאָפען פון אַפריקאַ אין'ם יאָהר 4925 האָבען זיך געזעצט אין אַ שיף צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל.

זעקס טאָג זײַנען זײ געפאָהרען בשלום. נאָר אויפ'ן זיבעטען טאָג איז געוואָרען אַ שטורעמווינד, און די שיף האָט געהאַלטען פיעל מאָל בײַ'ם אונטערגעהן. רבנו משה האָט אַ נדר געטהון, אַז ווען גאָט וועט איהם מציל זײַן וועט ער פאַסטען אַלע יאָהר אין דעם 4־טען און 10־טען אייר. און גאָט האָט זײ גערעטעט. דעם 3־טען סיון זײַנען זײ געקומען בשלום צום ברעג עכו, און דעם טאָג האָבען זײ געמאַכט אויף שטענדיג פאַר אַ יום טוב.

אַ האַלב יאָהר זײַנען זײ געזעסען אין עכו, און אין'ם 4־טען חשון 926 אין אלף החמישי זײַנען זײ אוועק אין ירושלים. דרײַ טעג זײַנען זײ אַרומגעגאַנגען אויף די אַלע הײליגע ערטער, זיך אויסגעווײנט אויף די

הײליגע

הײליגע קברים. נאָכדעם איז רבנו משה אװעקגעפאָהרען מיט דער פאַמיליע אין מצרים.

ב.

רב מיימון און רב דוד׳ס טויט — דער רמב״ם װערט דאָקטאָר. — ענדיגט זײן פירוש אויף משניות. — „אגרת תימן״. — „יד החזקה״. — ספר המצות. — זײן שטאַנד און װירקונג ביז דעם יאָהר 4918.

קומענדיג אין מצרים האָט זיך די פאַמיליע מיימון בעזעצט אין דער שטאָדט „אַלט־קאַירא״ (פאָסטאַט). עטליכע חדשים שפּעטער איז רב מיימון געשטאָרבען (אנפאַנג 4927) און פיעל יודישע קהלות פון שפּאַניען און אַפריקאַ האָבען געשיקט רבנו משה׳ן טראָסט בריף אין זײן אומגליק.

טרויעריג אָבער רוהיג האָט נאָכדעם געלעבט די פאַמיליע: זי האָט געהאַנדעלט מיט טײַערע שטײנער, בריליאַנטען, דאָס געשעפט האָט געפיהרט דער יונגערער ברודער ר׳ דוד, און פלעגט מאַכען נסיעות ביז אינדיען, און רבנו משה איז געזעסען אין דער היים און זיך פאַרטיעפט אין תורה און װיסענשאַפט. נאָר ניט לאַנג האָט ער געקענט אַזוי אָבגעזונדערט לעבען: נײַע צרות און זאָרגען האָבען איהם אַרויסגעריסען פון זײן שטילער װעלט, און פאַרשטערט זײן רוה: דער ברודער ר׳ דוד איז דערטרונקען געװאָרען אויף דעם אינדישען ים, און מיט איהם איז אַרײַן אין הים זײער בײדענס פאַרמעגען. און אויך פרעמד געלט, װאָס מ׳האָט איהם געגעבען פוהרען דאָס געשעפט. װי אַ דונער האָט דאָס געטראָפען דעם רמב״ם, פון גרויס האַרצװעהטיג איז ער קראַנק געװאָרען און איז אַ קײַלעכדיג יאָהר געװען אוים מענש.

און אײן צרה רופט די אַנדערע. אין דער אײנענער צײַט האָט ער אויף זיך געהאַט גרויסע מסירות. אַז ער רעדט אָפּ די יודען פון דער מחמדאַנישער רעליגיע, און ניט פיעל האָט געפעהלט מען זאָל איהם אומברענגען, — און צו דעם האָט ער געהאַט ראגת פרנסה: פאַר זיך, און פאַר דעם ברודערס אלמנה מיט אַ יתומה — אין אַ פרעמד לאַנד?

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, אין וועלכער לאגע דער רמב״ם היאָט זיך דענסטמאָל געפונען.

נאָר זיין שטאַרקער בטחון אויף גאָט האָט איהם ניט געלאָזט ווערען אָבהענגיג, באַלד האָט זיך אין איהם אויפגעוועקט זיין ענערגיע, און ער האָט געגומען אַרומזוכען, ווי צו קריגען פרנסה. א ציגר איז איהם צו נוטץ געקומען די דאָקטאָריע וואָס ער האָט געקענט. ער האָט אָנגעהויבען היילען קראַנקע און האָט געהאַט פון דעם זיין חיונה בצמצום, וויל ער איז נאָך ניט געווען בעקאַנט און האָט זעהר ווענ̇יג פראַקטיק געהאַט.

ער האָט זיך אָבער געלאָזט בעגוגען מיט ווענ̇יג, און זיין גאַנצען כח האָט ער דאמאָלס אַריינגעלעגט אין זיין פירוש אויף משניות וועלכען ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָהר. יעצט האָט ער אין איהם פלייסיג געאַרבייט, און אין׳ם יאָהר 4930 האָט ער איהם געענדיגט.

דער פירוש איז געשריבען אין דער אַראַבישער שפּראַכע. וויל דאָס רוב יודען אין שפּאַניען, מצרים. און גאַנץ אפריקא האָבען דאמאָלס גערעדט אַראַביש, און ער האָט געוואָלט, אַז יעדער יוד זאָל פאַרשטעהן אפילו דער־וואָס קען קיין גמרא.

זיין פירוש הייסט „אַל־סיראַג״, ד. ה. דער בעלייכטער, און ער בעלייכט טאַקע די אויגען פון די וואָס לערנען אין איהם. ערשטענס ערקלערט ער יעדע משנה קורץ און דייטליך, לאָגיש און מיט א סדר, אַזוי ווי ער האָט ליעב. צווייטענס פיהרט ער אויס נאָך יעדער משנה דאָס רעזולטאַט: דעם דין וואָס שטאַמט פון איהר אַרויס. דריטענס מאַכט ער לייכטער צו פאַרשטעהען די גמרא. וועלכע איז דאָך אויך נור א פירוש אויף דער משנה.

פיערטענס בעשטרעבט ער אין יעדען אָרט, צו מאַכען אויפמערקזאַם אויף מאוסע מדות און פאַלשע געדאַנקען, וואָס ער האָט געזעהן ביי זיינע ברידער. למשל: אין איין אָרט זאָגט ער, אַז די מענשען וואָס גלויבען אין קמיעות און סגולות זיינען משוגעים, אין אַנ׳אַנדער אָרט קריטיקירט ער די טיטלען וואָס מען שרייבט אויף מענשען. דאָס קלענסטע רבי׳לע אָדער א פראָסטער מלמד האָט א טיטול „גאון״! נאָך אין אַנ׳אָרט שטראָפט ער די, וואָס מאַכען די תורה פאַר א פרנסה, אָדער זיי זאָגען: „איך בין א שעהנער יוד, האַלט מיך אויס!״.

דער רמב״ם ערקלערט די משנה פיעל מאָהל מיט היילף פון וועלטליכע

חכמות

חכמות, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פֿיזיק, אַנאַטאָמיע. באָטאַניק, עטהיק (חכמת המוסר) און פֿילאָזאָפֿיק.

אין׳ם יאָהר 4932 איז דער גוטער סאַלאַדין געוואָרען רעגירער אין מצרים, צו איהם האָט געקערט אַ טהייל פּלשתינא, סוריא, בגדד מיט אַללע לענדער ביז׳ן טייך פּרת. יודען האָבען ביי איהם שפּעטער געהאַט רוה, גור אָנפאַנגס זיינען אויף טהייל ערטער געווען מרידות, ווי למשל: אין דרום אַראַביען (תימן, יעמען). צווייא מוזעלמאַנער האָבען דאָרט רעגירט און האָבען געצוואונגען די יודען אָדער מחמדאַנער אָדער געטייטעט צו ווערען. זיי האָבען געטהון דאָס זעלבע וואָס אין אַפֿריקא און דרום שפּאַניען; זיי האָבען לפנים געגלייבט אין מחמד, און בסוד געבליבען יודען.

עס זענען אָבער פֿיעל עם־הארצים געוועזען, און זיי איז זעהר לייכט געווען צו פֿערגעסען דאָס יודישקייט. פֿון וועלכען זיי האָבען אַ גאַנץ קליינעם בעגריף, בפרט אַז עס האָט זיך נאָך געפֿונען איינער, וואָס איז ארומגעגאַנגען און געדרשה׳ט פֿאַר זיי, אַז מחמד איז טאַקע איין אמת׳ר נביא, ער שטעהט דערמאַנט אין דער תּורה. און גאָט האָט איהם געשיקט איבערבייטען די רעליגיע פֿון באַרג סיני אויף דער רעליגיע פֿון מעקקא.— דערצו איז אַ משוגענער, צו אַ בעטריגער, ארומגעפֿאָהרען, און געזאָגט אַז גאָט האָט איהם געשיקט אָנזאָגען, אַז באַלד קומט דער גואל, אַז די צרות זענען חבלי משיח, זאָל יעדער צוטהיילען זיין פֿאַרמעגען אָרימע לייט און זיין בערייט מקבל־פּנים זיין משיח׳ן. די געבילדעטע לייט האָבען איינגעזעהן, אַז דורך דעם פֿאַלשען נביא קענען יודען אַריינפֿאַלען אין אַ גרויס אומגליק, האָבען זיי געשיקט אַ בריף צום רמב״ם, ער זאָל זיי אַן עצה געבען ווי צו העלפֿען זיך. דער רמב״ם האָט זיי געענטפֿערט מיט זיין בעריהמטען בריף „אגרת תימן״. ערשטענס טרייסט ער זיי, אַז ניט וויַיל גאָט האָט זיי אוועק געוואָרפֿען שיקט ער אויף זיי אַזעלכע צרות, נור פֿאַרקעהרט, וויַיל ער ליעבט זיי. ווייטער זאָגט ער: די פֿעלקער וועלכע האַססען און דריקען אונז, טהוען עס ניט וויַיל מיר זיינען פֿערדאָרבענע מענשען; זיי קענען גאַנץ גוט אונזערע מעלות, אונזער עהרליכקייט און מדות, נור זיי זיינען אונז מקנא, וויַיל מיר זענען קלוג, און פֿעהיג, וויַיל מיר האָבען אַזאַ ריינע רעליגיע און טראָגען די אידעע פֿון אמת, ווייטער מיה איז אָבער אומזאָנסט: גאָט וועט זיין פֿאָלק ניט פֿאַרלאָזען, צייט מיר האָבען מקבל געווען די תּורה שטעהען אויף אויף אונז שונאים,

די מיט'ן שווערט, די מיט דער פעדער, מיט גזרות — זיי ווילען אונז אונטערדריקען, ערטטיקען. נור גאט לאכט פון זיי, ער רעטעט זיין פאָלק צו אלע צייטען. —

די אלע צרות וואס מיר ליידען האבען פאר־אויס געזעהען אונזערע נביאים, און זיי האבען געזאגט, אז עס וועט קומען א צייט ווען די אמת וועט מנצח זיין און יודען וועלען געהאלפען ווערען! —

ווייטער רעדט דער רמב"ם איבער אונזער אמונה און די וועלט רעליגיאנען בכלל. דער נאך ווייזט ער אויס מיט ראיות ברורות, אז דער נביא איז א פאלשער, אז קיינער קען נישט וויסען בעשטימט ווען משיח דארף קומען; אז אפילו די נביאים האבען דאס נישט געוואוסט, אז שטענדיג ווען עס האט זיך אין גלות געוויזען א פאלשער משיח האט ער יודען געבראכט נאר צרות און אומגליק. צום סוף בעט ער די יודען פון תימן, זיי זאלען זיך היטען, די מוזעלמאנער זאלען זיך נישט דערוויסען פון דעם בריף עס זאל דורך דעם נישט ארויסקומען קיין בזיון, „איך אליין, איך שרייב דען בריף מיט מורא, נאר וואו עס גייט וועגען כלל ישראל דארף מען נישט קוקען אויף אייגענער סכנה".

דעם רמבם'ס ווערטער האבען ערקוויקט די פארוואונדעטע הערצער פון די יודען אין תימן, געעפענט זיי די אויגען און אריינגעגעבען בטחון און האפנונג. שפעטער, ווען דער רמב"ם איז געווארען בעריהמט און א קרוב למלכות, האט ער זיך פאר זיי אנגענומען ביי דעם סולטאן סאלאדין און זיי ארויסגענומען פון דער ביטערע לאגע. און זיי האבען איהם געליעבט און געשעצט און געבעטען גאט פאר זיין לעבען אינ'ם דאווענען, פריה און אויף דער נאכט; אינ'ם קדיש האבען זיי געזאגט: בחייכון וביומיכון ובחיי דמרנא משה וכו'.

אין 4936 יאהר איז דער רמב"ם שוין געוועזען בעריהמט פאר א גאון אין אלע לענדער, אלע גרעסטע לייט האבען זיך צו איהם געווענדעט מיט שאלות, ער האט יעדען געענטפערט, קורץ, טרעפליך, לאגיש און בנעימות.

צוויי יאהר שפעטער איז ער געווארען רב הכולל אין קאירא, דאס האט איהם געגעבען מעגליכקייט, ער זאל איינפיהרען אין שטאדט פיעל גוטע זאכען, אוועקשאפען אלע שאנדליכע מנהגים, איינפיהרען ארדנונג אין די שולען, און בכלל אויסבעסערען דעם מאראלישען שטאנד פון דער גרויסער קהלה. ער האט פערוועהרט דאס ארויסלויפען און געשעפטען

מאכען

מאכען אין שוהלען, ער האט איינגעפיהרט, אז דער חזן זאל זאגען די תפלה הויך אויף א קול און אלע זאלען איהם צוהערען, און נישט מאכען די שוהל ווי א מארק צום האנדלען און פלוידערין.

דער רמב"ם האט אויך געגרינדעט א גרויסע ישיבה, און געלערנט מיט תלמידים תורה און חכמה. די שילער האבען איהם געליעבט. און געשעצט ווי א פאטער, און ער האט זיי ווי קינדער געהאלטען. אויסער דעם פלעגט ער אלע שבת דרשה'נען פאר'ן המון־עם מוסר און תורה, און אלס אומזיסט.

פרנסה האט ער געהאט פון דער מעדיצין. פראקטיק האט איהם שוין יעצט נישט געפעהלט, ער איז שוין געווארען בעקאנט פאר א גרויסען דאקטאר.

הגם ער איז געווען גאנצע טעג פארנומען מיט פסק'ן שאלות אויס־הערען דין־תורות, פיהרען די שטאדט, די ישיבה, היילען קראנקע, פילוסופיא, נאטורוויסענשאפט און נאך פיעל זאכען, האט ער נאך צו דעם אלעם געשריבען און געענדיגט דאמאלס (כסליו 940 פון אלף החמישי) א ווערק, וועלכעס איז דאס גרעסטע און דאס וויכטיגסטע פון אלע זיינע ספרים, דאס איז זיין „משנה־תורה" אדער „יד החזקה", צעהן יאהר האט ער ביי איהם געארבייט. אין דעם ספר האט דער רמב"ם כולל געוועזען דאס גאנצע יודישקייט, אלע דינים, אלע מדות דען גאנצען יודישען מוסר.

דער ספר הייבט זיך אן: „דער הויפט גרונד און די זייל פון אלע חכמות איז צו ערקענען, אז ס'איז דא איינער, וואס האט בעשאפען אלעם. דער איינער איז נישט קיין קערפער, איהם קען נישט טרעפען אזעלכעס וואס טרעפט א קערפער, און אונזער מחשבה קען איהם גאר נישט בע־גרייפען; און ענדיגט זיך מיט די ווערטער: עס וועט קומען א צייט, ווען די ערד פול ווערען מיט חכמה, ווי דאס וואסער בעדעקט דען ים" — אויפ'ן גאנצען ספר שוועבט א גייסט פון חכמה, ריינע אמונה און מוסר; אין דעם ספר ווייזט ער אויף, אז די אמונה אין כשוף, שדים, קמיעות. מזל, א. ד. ג. איז אסור ע"פ דין, און נאריש און פאלש.

אין דער פארדעדע זאגט דער רמב"ם די אורזאכע וואס האט איהם בעוועגט צו שרייבען דען ספר. ער האט געזעהען, אז די צייטען ווערען שלעכט, די צרות — גרויס, די פרנסה — שווער, דער קאפ איז דער־שלאגען — און די גמרא איז ווי אים מען קען אין איהר פארפאלען

ווערען

ווערען; אויף יעדען דין איז דא לאנגע און טיפע פלפולים, און זעלטען עמיץ האט נענוג קאפ און צייט אויסקלויבען פון דארט די אלע דינים, וועלכע זיינען נעטיג אין לעבען, און עס בלייבט נישט א פרייע שעה פאר חכמות, וואס אהן זיי קען קיין מענש נישט לעבען; דארום האט ער גע־שריבען זיין „משנה תורה", אין וועלכען עס געפינען זיך קלאר און ריטליך אלע מצות, אלע דינים, אלע מדות טובות און די גאנצע אמונה.

דער רב, וואס בעדארף יעדען טאג ענטפערען אויף אלערליי שאלות און דין־תורות; דער פרומער וואס וויל וויסען ווי מען בעדארף זיך אויפפיהרען פאר גאט און לייט: דער וויסבעגיריגער, וואס וויל וויסען וואס עס איז דער תוך פון דער גמרא — וועלען נישט בריכען זיך ארייגלאזען אין דעם גרויסען וואלד און קריכען צווישען די פארוויקעלטע צווייגען. אין זיין ספר וועלען זיי האבען אלעס פאר די אויגען, קלאר, דייטליך, און קורץ, און עס וועט זיי נאך גענוג צייט בלייבען צו לערנען אנדערע חכמות.

גרויס אויפמערקזאמקייט ציהט אויף זיך דער **הלכות דעות** וואס דער רמב"ם האט אנגעשריבען אין זיין ספר „משנה תורה", ווי אזוי דער מענש דארף זיך פיהרען מיט זיינע דעות, מיט זיינע מדות. און אויך ווי אזוי דער מענש זאל זיך פיהרען וועגען אלע זיינע קערפערליכע בעדארפענישען, עסען, טרינקען, שלאפען א. ג. וו., עס זאל אלץ זיין היגיעניש לויט חכמת הרפואה. דער „הלכות דעות" דערלייכט די אויגען פון אלע קלאסען מענשען. דאס האט נישט דער רמב"ם אנגעשריבען דוקא פאר לומדים, נאר פאר אלע מענשען, יין קליין ביז גרויס. בקיצור די ווערטער פון „הלכות דעות" זענען פאר יעדען מענש א **רפואת הנפש** און אויך א **רפואת הגוף**. דאס איז די ליכטיגקייט פון מענשהייט.

פריהער נאך האט ער געשריבען א קליין ספר מיט דעם נאמען „ספר המצות", אין וועלכען ער צעהלט אויס אלע תרי"ג מצות: עס איז פאר לומדים זעהר וויכטיג, אבער פאר'ן גאנצען פאלק איז דער „משנה תורה" וויכטיגער; ער האט מיט איהם געמאכט א נייע עפאכע ביי יודען. עס איז באלד ווי א בליץ דורך געפלויגען אלע לענדער און געבראכט ליכט און נייעם לעבען אינ'ם יודענטהום. מען האט איהם באלד איבערגעשריבען אין טויזענדער עקזעמפלארען און פארשפרייט אין אראביען, פלשתינא, גאנץ מארגענלאנד. אפריקא, שפאניען, פראנקרייך, איטאליא, און בבלל יואו עס האט זיך געפונען א יודישע קהילה, איבעראל האט מען איהם

געערנט

געלערנט און געהאלטען אלס פונדאמענט פון דער אמונה. איינער פון יענער צייט שילדערט דעם איינדרוק וואס דען רמב"ם'ס ספר האט געמאכט אין שפאניען: „איידער דער חבור איז אנגעקומען אין שפאניען איז דאס לערנען גמרא שווער געוועזען פאר די שפאנישע יודען, אז זיי האבען גענומען קוקען די רבנים אין מויל אריין און אפילו אין דער קלענסטער זאך האבען זיי זיך אליין נישט געקענט קיין עצה געבען. דעם רמב"ם'ס ווערק אבער מיט זיין לייכטער שפראכע און גוטען סדר, האט זיי די אויגען געעפענט יונג און אלט האבען זיך געוואמעלט לערנען פון איהם, שלינגען זיינע ווערטער, און יעצט געפינען זיך פיעל מענשען וואס וויסען ריכטיג דען דין, באנדרוזען נישט אין יודישקייט, עס איז איבעראל העל און ליכטיג".

דעם רמב"ם'ס כבוד האט געוואקסען פון טאג צו טאג. ער איז געווארען בעריהמט ביי אלע יודען אויף דער גאנצער וועלט. די גרעסטע רבנים האבען זיך געווענדעט צו איהם ווי תלמידים. זייערע בריף זענען געוועזען פול מיט דעם גרעסטען דרך ארץ מען האט איהם געשריבען: „דער איינציגער אין דעם גאנצען דור". „די קרוין פון די רבנים". „דער בעלייכטער פון יודישע אויגען", „דער גרויסער אדלער" א. ד. ג. זיין נאמען האט געקלונגען פון שפאניען ביז אינדיען, פון פרת ביז אראביען, ער איז געוועזען דער קאפ פון דער גאנצער אומה; זיינע ווערטער זענען הייליג געוועזען.

געוועהנליך, ווער עס איז אזוי גרויס האט אויך שונאים און נישט פערגינער; דעם רמב"ם האבען זיי אויך נישט געפעהלט: א סך רבנים זענען דורך דען רמב"ם'ס גלאנץ פארטונקעלט געווארען, און דאס האט זיי נישט געשמעקט. זיי האבען זיך דעריבער בעמיהט צו ווארפען א שאטען אויף איהם, אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז לערנען קען מען נאר אין דער ישיבה פון (בבל בגדד), און ווער עס האט נישט געשעפט פון יענע קוועלען קען מען זיך אויף איהם נישט פארלאזען.

דער הויפט פון די אלע נישט־פארגינער איז געוועזען ר' שמואל בן עלי, דער ראש ישיבה און „גאון" פון בגדד, דער כליף פון בגדד האט איהם געמאכט פאר „ראש גלותא" (דער אויבערהאר פון אלע פארטריבענע יודען), ער האט געלעבט ווי א קליינער פירשט, ארום גערינגעלט מיט קנעכט און דינער. ער האט זיך איינגערעדט, אז ביי יודען איז גאר נישט דא זיין גלייכען און האט דעריבער געגראבען אונטער דען רמב"ם ווי

ווייט ער האָט געקענט. — נאָך איין חולק איז געווען געגען רמב"ם, א דין ר' פנחס ברב משולם פון פראָוואַנס (פראַנקרייך), וועלכער האָט זיך בּעזעצט אין מצרים, ער האָט דעם רמב"ם אַריינגעשריבען אַ בריף, אַז אין זיין „משנה תורה" האָט ער געפונען עטליכע זאַכען וואָס געפעלען איהם נישט. ערשטענס: פאַר וואָס האָט ער נישט דערמאָנט די נעמען פון די תנאים און אמוראים: דורך דעם קענען די הייליגע נעמען זייערע פאַרגעסען ווערען, צווייטענס: פאַר וואָס זאָגט ער נישט פון וואַנען ער האָט גענומען די אַלע דינים, וואו געפינט זיך דאָס אין גמרא אָדער אין אַנדערע ספרים? דריטענס: דורך זיין ספר וועט די גמרא אין גאַנצען פערגעסען ווערען; און אַז ער האָט קיין תשובה נישט בעקומען האָט ער געשריבען אַ צווייטען בריף און שטאַרק צוגעשטאַנען צום רמב"ם ער זאָל איהם ענטפערן, נאָר דער רמב"ם איז זעהר קראַנק געוועזען, נור ווי באַלד ער איז געקומען צו זיך, האָט ער באַלד אָבגעשריבען, רוהיג, בנעימות פריהער פאַרענטפערט ער זיך וואָס ער האָט איהם נישט באַלד אָבגעשריבען: „איך האָב דאָס געטהון דורך מיין קראַנקהייט, אָבער נישט ווייל איך האָב געהערט דו רעדסט אויף מיר שלעכטס. רכילות און לשון הרע קען איך נישט צו הערען, און אפילו ווען איך הער מיט מיינע אייגענע אויערען, אַז איינער שענדעט מיך, מאַך איך זיך נישט הערענדיג און בין יענעם מוחל", נאָכדעם ערקלערט איהם דער רמב"ם, אַז ער האָט חלילה נישט געמיינט מיט זיין ספר אָבצושאַפען די גמרא, ער האָט נור געוואָלט בּרענגען נוצען די וואָס האָבען קיין צייט נישט זיך אַריינלאָזען אין דער גמרא; די וואָס זייער קאָפּ איז פאַריאָגט און פאַרטראָגען פון צרות אָדער פרנסה. ווייטער ווייזט ער איהם אוים, אַז ער האָט נישט קיין שום בעז געטהון מיט דעם וואָס ער דערמאַנט נישט די נעמען פון די תנאים און אמוראים; נאָר אויף דער דריטער זאַך שרייבט ער, טרויט איהם משקי וועה דאָס הארץ; פאַר וואָס האָט ער נישט געשריבען אין זיין ספר די קוועלען פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיינע ווערטער. „אַז גאָט וועט מיך אַ ביסעל בערוהיגען פון פיעל אַרבייט און דאגות וועל איך אויף דעם שרייבען אַ בעזונדער ווערק".

נאָר זיינע דאגות האָבען זיך נישט פאַרקלענערט; צייט ער איז געקומען אין מצרים האָט ער געהאַט אויף זיך פאַרשידענע אומגליקען, קראַנקהייט, זאָרגען פון זיך, פון קינדער, וועלכע זענען איהם אויסגעשטאָרבען, מסירות און אַנדערע צרות; שפּעטער האָט עס

לאַנג

לאנג געדויערט איידער דאס מזל האט איהם א פרייען מוטה געוויזען.

ג.

ר' יוסף עקנין זיין תלמיד. און זיין זוהן רב אברהם.— „פירשט" איבער אלע יודען אין מצרים און לייבארצט ביים סולטאן. „מורה נבוכים". איבריגע ספרים.— בריף.— זיין טויט. און דער איינדרוק אויף די יודען.—

בערך 4946 יאהר איז געקומען אין רמב"ם'ס ישיבה אריין א יונגער מאן ר' יוסף עקנין. דער רמב"ם האט איהם ליעב געקריגען ווי אן'אייגען קינד און מיט איהם געלערנט תורה און חכמה, נאך א יאהר איז עקנין אוועק אין דער שטאדט אלעפא און געווארען דאקטאר, און נישט אויפגעהערט צו קארעספאנדירען מיט'ן רמב"ם. דער רמב"ם האט איהם געהאלטען פאר א גוטען פריינד, דעם איינענעם יאהר איז דעם רמב"ם געבוירען געווארען זיין זוהן אברהם. ער שרייבט שפעטער וועגען איהם צום תלמיד מיט די ווערטער: „גאט האט געגעבען מיין קינד חן און געבענשט איהם ווי אברהם אבינו; ער איז זעהר בעשיידען, האט גוטע מדות, א שארפען פערשטאנד און א גוטען חאראקטער. ער וועט, מיט גאט'ס הילף, זיין א גרויסער מאן". זיין האפנונג האט איהם נישט גענארט; זיין זוהן ר' אברהם האט נישט פארשעמט דעם טאטען.

אין דער זעלבער צייט איז דעם רמב"ם'ס מאטעריעלער שטאנד אויך בעסער געווארען. ער איז געווארען לייבארצט ביי דעם סולטאנ'ס וויזיר אלפאדהעל, און בעקומען איין יאהרליך געהאלט, און פראקטע ביי אלע גרויסע לייט אין קאירא. ער איז געווארען בעריהמט ביי מחמדאנער און קריסטען. קראנקע פון אלע קלאסען, ארימע און רייכע, ארעליגע און פראסטע — האבען שטענדיג בעלעגערט זיין טהיר.

א גרויסען שם האבען איהם געמאכט זיינע מעדיצינישע ספרים, וואס ער האט געשריבען. ער איז אויך באלד לייב־דאקטאר געווארען ביי דעם סולטאן סאלאדין אליין, און איז נאך גרעסער געווארען אויף דער וועלט.

דער

דער רעמעלדיגער גרויסער מחמדאנישער דאקטאר און געלעהרטער, אבּידעלאטיף פון בגדד, און אויך אַ גרויסער חשוב בײַ'ם סולטאַן, איז עקסטרא געפאָהרען אין קאַירא צו קענען דרײַ מענשען, איינער פון זײַ, זאָגט ער, איז דער רמבּ״ם געװעזען.

אַראַבּישע דיכטער האָבען לכבוד הרמב״ם שירים געשריבּען. און זײַן נאָמען איז אַזוי גרויס געװען, אַז דער ענגלישער קעניג, ריכאַרד לעווענהאַרץ האָט איהם גערופען צו זיך אַלס לײַבּאַרצט; נור דער רמבּ״ם האָט אָבּגעזאָגט; ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזען דעם גוטען סולטאַן וואָס טהוט טובות מיט יודען און פאָהרען צו דעם אײַזערנעם קעניג, וואָס האָט געפיהרט די קרײַץ־ציגע וואָס האָבען יודיש בלוט ווי וואַסער פערגאָסען.

באַלד האָט איהם דער סולטאַן אויסגעצייכענט און געמאַכט פאַר דעם אָבּערהויפּט (נגיד, פיהרער אָדער פירשט) איבּער אַלע יודען אין מצרים. דער כּבוד איז איהם געבּליבּען אויף קינדער און קינדס־קינדער בּיז אין 14־טען יאָהר הונדערט. זײַן גדולה האָט דער רמבּ״ם בּענוצט צו טהון טובות זײַנע בּרידער. ער האָט דאַמאָלס אויסגעהאָלפען די געדריקטע יודען פון תימן. און אַז סאַלאַדין האָט ירושלים בײַ די קריסטען צוריק אָבּגענומען (אָקטאָבּער 1178), האָט ער בײַ איהם געפּועלט. מען זאָל יודען צוריק אַרײַנלאָזען. און „פון אַלע זײַטען האָבּען געשטראָמט די קינדער צו דער פערלאָזענער מוטער"

דער סולטאַן פון מצרים האָט געהאַט אַ גיזען, אַז אין עטליכע צײַטען פון יאָהר האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף זײַן גרויסע כּסא מלוכה, וועלכע האָט געהאַט בײַם אַרויפגאַנג זיבּען האַלברונדיגע שטאַפּלען. יעדער שטאַפּעל איז געוועזען ערפילט מיט טײַערע שטיהלען, אויף וועלכע עס זענען געזעסען פאַר'ן מלך די גרעסטע חכמים פון מצרים. זײַ האָבען זיך איינגעטײַלט אויף זיבּען קאַטעגאָריעס, לויט די שבע חכמות, איז אַלזאָ אויף יעדער שטאַפּעל געזעסען אַנדערע חכמים, וואָס זענען געוועזען גוט געלערענט אין זײַער חכמה, וועלכע איז געוועזען איינע פון די זיבּען בּעוואוסטע חכמות. דער סולטאַן האָט נישט געוויסט אויף וועלכע שטאַפּעל דעם רמבּ״ם צו זעצען, בּעוויַיל דער רמבּ״ם איז געוועזען גוט געלערענט אין אַלע שבע חכמות, נאָך מעהר ווי די אַלע חכמים וואָס זענען געזעסען פאַר'ן סולטאַן. אַז דער סולטאַן האָט געפרעגט דעם רמבּ״ם אויף וועלכע שטאַפּעל ער קלויבּט זיך אויס אַן אָרט צו זיצען, האָט דער רמבּ״ם

געענטפערט

געענטפערט. „אדוני המלך! איך ווייס אז איך בין נישט ווערט צו זיצען אויף קיין איין שטאפעל פון די אלע שטאפלען פון דיין כסא מלוכה, אלזא פערלאנג איך מען זאל מיר בעסער אבגעבען אן ארט צום זיצען נאר אונטען געבען דיין כסא מלוכה, דא ווי די שטאפלען הויבען זיך אהן". דאס האט אבער אויך נישט געהאלפען און די קנאה שנאה פון די חכמי מצרים און פון דירעשטע דאקטוירים איז געוואקסען אויפ'ן רמב"ם אלע טאג מעהר און שטארקער:

די וואונדערליכע מעשה ווערט געבראכט אין פיעל ספרים אז די קייזערליכע דאקטוירים האבען אנגעהויבען צו ריידען שלעכטס פאר'ן סולטאן פון מצרים אויפ'ן רמב"ם און זיי האבען עם מבזה געווען וועגען דע גאנג פון זיין דאקטאר-לעהרע, ביז עס איז אויסגעקומען אז דער רמב"ם מיט דירעשטע קייזערליכע דאקטוירים זאלען האבען א ויכוח פאר'ן סולטאן וועגען חכמת הרפואה. דער ויכוח האט זיך אזוי ווייט פערשארפט אז די קייזערליכע דאקטוירים האבען איינגעשטימט, אז זיי וועלען טרינקען דעם סם המות וואס דער רמב"ם וועט זיי געבען צו טרינקען, נאר באופן אז דער רמב"ם זאל צום ערשטען טרינקען דעם סם המות וואס זיי וועלען עם געבען צו טרינקען. דער רמב"ם האט אויף דעם בעווילינגט און מען האט די זאך אבגעלעגט אויף עטליכע טאג.

אז דער רמב"ם איז אהיים געקומען און האט דערצעהלט זיינע תלמידים וואס עס איז פארגעקומען ביים סולטאן, האבען זיך די תלמידים שטארק דערשראקען און זיי האבען אנגעהויבען וויינען פאר גרויס שרעק און ענמת נפש. אבער דער רמב"ם האט פון זיי געלאכט און ער האט געהייסען פארברייטען די מיטלען וואס ער וועט דארפען איין צונעמען דעפויר איידער ער וועט טרינקען דעם גיפט, און אויך אנדערע מיטלען וואס מען זאל עם איינגעבען באלד נאכ'ן טרינקען דעם גיפט.

ווען עס איז אנגעקומען דער טאג וואס דער רמב"ם האט געדארפט נעהן טרינקען דעם סם המות, האבען די תלמידים גוזר תענית געווען און האבען שטארק מתפלל געווען פאר'ן רמב"ם'ס לעבען. דער רמב"ם האט זיך צוגעשטעלט צו דער בעשטימטער צייט. די דאקטוירים האבען עם דערלאנגט א בעכער מיט א שטארקען גיפט. דער רמב"ם האט אויסגעטרינקען און האט זיך באלד צוריק געקערט אהיים. די תלמידים זיינע האבען עם געטוהן פינקטליך אלעס זא ווי דער רמב"ם האט זיי פאראויס

געלערענט

גֶעלֶערֶענט און אויפ׳ן דריטֶען טאָג איז דער רמב״ם שוין גֶעוועֶן פאָלקום גֶעזונד.

נאָכהער האָט זיךְ דער רמב״ם פאָרגֶעשטעֶלט פאַר׳ן סולטאַן און האָט מיט גֶעבראַכט זיין גיפט וואָס ער האָט אָנגֶעגריייט פאַר די דאָקטוירים זיי זאָלֶען טרינקֶען. די דאָקטוירים האָבֶען זיךְ זעֶהר שטאַרק פֶערוואונדערט אויפ׳ן רמב״ם ווי אַזוי ער איז ניצול גֶעוואָרֶען פון טוידט. אָבער עֶס האָט זיי גאָר קיין שום אויסרייד נישט גֶעהאָלפֶען און זיי האָבֶען גֶעמוזט טרינקֶען דעֶם גיפט וואָס דער רמב״ם האָט זיי גֶעגֶעבֶען, און זיי זענֶען אַלֶע באַלד אַנידערגֶעפאַלֶען טוידט פאַר׳ן סולטאַן. נאָךְ די מעשה איז דער רמב״ם נאָךְ גרעֶסער גֶעוואָרֶען און קיינער האָט זיךְ שוין נישט גֶעוואָלט איינשטעֶלֶען צו ריידֶען שלעֶכטץ אויפ׳ן רמב״ם.

נאָךְ אַ וואונדערליכֶע מעשה ווערט גֶעבראַכט אין ספרים וועֶגֶען רמב״ם אויף אַזוי אופן, אַזוי ווי דער רמב״ם איז גֶעוואָרֶען לייב-אַרצט ביים סולטאַן סאַלאַדין פון מצרים האָבֶען זיךְ דירֶעשט קייזערליכֶע דאָקטוירים אין עֶם שטאַרק מקנא גֶעוועֶן און האָבֶען נאָר שטעֶנדיג גֶעטראַכט עצות ווי אַזוי דעֶם רמב״ם פון פּלאַץ אַראָב צו רוימֶען, האָט זיךְ גֶעמאַכט אַמאָהל אַז דער סולטאַן איז קראַנק גֶעוואָרֶען אויף אַ לאַנגוויילִיגֶע קראַנקהייט, און דער רמב״ם זעֶלבסט האָט עֶם אַלֶע טאָג גֶעהיילט מיט פֶערשיידֶענֶע מעֶדיצינֶען. דורךְ דעֶם איז דירֶעשט דאָקטוירים גֶעלונגֶען אַריין צו טוהן גיפט אין אַ פלעֶשעֶל מעֶדיצין וואָס דער רמב״ם האָט אָנגֶעגרייט פאַר׳ן סולטאַן ער זאָל דערפון אָנהויבֶען איינצונעֶמען צומאָרגֶענס אין דער פריה. דערנאָךְ באַלד האָבֶען זיי זיךְ צוגעֶאייִלט און האָבֶען גֶעשיקט צום סולטאַן אַ דרינגֶענדֶען שליח, באשר אַז זיי האָבֶען זיךְ דערוויסט בסוד גדול אַז דער רמב״ם האָט גֶעמאַכט אַ יד אחת מיט׳ן סולטאַנס שונאים און זיי האָבֶען בעֶשטימט אַז דער רמב״ם זאָל דעֶם סולטאַן פֶערגיפטֶען. אַלזאָ זאָל דער סולטאַן פון היינט אָהן זיין שטאַרק גֶעוואָרֶענט נישט איינצונעֶמען קיין שום רפואה פון רמב״ם איידער מעֶן וועֶט די רפואה פּרובירען דורךְ אַ כלב צו עֶס איז נישט קיין גיפט.

דער סולטאַן האָט זיךְ פון דער נאָכריכט שטאַרק דערשראָקֶען, און אויף צומאָרגֶענס אין דער פריה ווען דער סולטאַן האָט גֶעדאַרפט אָנהויבֶען איינצונעֶמען די נייעֶ רפואה וואָס דער רמב״ם האָט פאַר עֶם אָנגֶעגרייט, האָט ער גֶעפּרובט צו גֶעבֶען פון דער רפואה אַ כלב צו פֶערזיכֶען, איז דער כלב באַלד גֶעבליבֶען ליגֶען טוידט. דער סולטאַן האָט זיךְ

שטאַרק

שטאַרק פֿערוווּנדערט אויף רי מעשה, אַז דער רמב"ם וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק געטריי אַ לאַנגע צייט, זאָל פּלוצלונג וועלען עס גאָר פֿערגיפֿטען! גיכער האָט דער סולטאַן גערעכענט אַז דאָס איז נאָר אַ אויסגעטראַכטע זאַך פֿון דער רמב"ם'ס שונאים. אָבער דאָך האָט דער סולטאַן געצווייפֿעלט אין דעם, וואָרען אויסווייזען די זאַך אויף זיכער איז געווען אוממעגליך.

ווען דער רמב"ם איז געקומען צוטראָגען צום סולטאַן, האָט דער סולטאַן עס פֿאַרגעהאַלטען אין דעם פֿערברעך. דאַן איז דער רמב"ם געבליבען שטאַרק דערשראָקען, אַזוי אַז ער האָט גאָר נישט קיין כח געהאַט שטאַרק צו פֿערטיידיגען זיך פֿאַר'ן סולטאַן און אויס צו ווייזען פֿאַר עם מיט ריכטיגע פֿאַקטען אַז דאָס איז נאָר אַ פֿאַלשער בלבול. דער רמב"ם האָט נישט מעהר געזאָגט פֿאַר'ן סולטאַן נאָר די קורצע און שאַרפֿע ווערטער: „אדוני המלך! אויב דו גלויבסט באמת אַז איך האָב דיך געוואָלט פֿערגיפֿטען, בין איך טאַקי אַ חייב מיתה". דאַן האָט דער סולטאַן צום רמב"ם אַזוי געזאָגט. „דאָס פֿערשטעהט דאָך יעדער, און דו ביזט דאָך אַליין אויך מודה, אַז לויט ווי די זאַך זעהט אויס בולט, ביזט דו געווים מחויב מיתה, וואָרען וואָס קאָן איך וויסען פֿון פֿערבאָרגענע סודות. אָבער דאָך בעוויייל דו האָסט מיך אַזוי לאַנג געטריי געדינט וועל איך דיר די טובה טוהן אַז דו מעגסט דיר זעלבסט אויסקלויבען וואָס פֿאַר אַ מיתה מען זאָל דיר טוהן".

דער רמב"ם האָט געבעטען אויף דעם ישוב דריי טעג צייט, און דער סולטאַן האָט דאָס עם צוליב געטוהן. ווען דער רמב"ם איז אַהיים געקומען מיט אַ פֿינצטער פנים און האָט דערצעהלט וואָס מיט עם האָט זיך פֿאַסירט ביים סולטאַן איז געוואָרען ביי עם אין הויז און צווישען זיינע תלמידים אַ גרויס געוויין. אָבער דער רמב"ם האָט זיי געטרייסט, און האָט צו זיי געזאָגט: „וויינט נישט. איך פֿערהאָף, אַז דער גאָט וואָס האָט מיך ביז היינט מציל געוועזן פֿון פֿיעל צרות און פֿון פֿיעל נויטען, דער וועט מיך בודאי היינט אויך פֿון די צרה מציל זיין, וואָרען גאָר ער וויסט דאָך דעם ריינעם אמת, אַז איך בין דאָ גאָר נישט שולדיג".

נאָך אַ גרויסען ישוב הדעת האָט דער רמב"ם בעשטימט, ער זאָל הייסען אַז די דאָקטוירים זאָלען עם עפֿענען אַלע בלוט־אָדערען, וועט דאָס גאַנצע בלוט פֿון עם אַרויסרינען, אַזוי נאָך וועט ער באַלד געטוידט ווערען. די תלמידים זיינע האָט ווייטער דער רמב"ם אַזוי אָנגעזאָגט, אַז זיי

זאָלען

זאָלען זײַן קערפּער באַלד אַהײם ברענגען, און ער האָט זײ געלערענט וואָס זײ זאָלען מיט זײַן קערפּער טוהן. וואָרען דער רמב״ם האָט זײ דערקלערט, אַז ער ווײסט זיכער אַז עס געפינט זיך אין מענש איין בלוט־אָדער וואָס די אַלע דאָקטוירים ווײסען פון עס נישט, און אויב דער בלוט־אָדער בלײַבט גאַנץ איז נאָך מעגליך צוריק צו מאַכען דעם קערפּער לעבעדיג דורך פערשידענע מיטלען.

דער רמב״ם האָט זיך צו געשטעלט צו דער צײַט, מען זאָל איבער עס אויספיהרען דעם טוידט־שטראָף אַזוי ווי ער האָט פאַרגעלעגט. די דאָקטוירים זײַנע שונאים האָבען זיך דערפרײַד מיט זײער קרבן און זײ האָבען די „מלאכה“ געטוהן מיט גרויס פערגעניגען. דער רמב״ם איז געבליבען ליגען אָהן מאַכט און די תּלמידים זײַנע האָבען באַלד צוגענומען זײַן קערפּער און האָבען עס אַהײם געטראָגען. זײ האָבען אַלץ פּונקטליך געטוהן אַזוי ווי דער רמב״ם האָט זײ דעפאָר געלערענט, און דער רמב״ם איז צוריק לעבעדיג געוואָרען.

די זאַך האָט מען אָבער געמוזט האַלטען אַ לאַנגע צײַט בסוד, כּדי די שונאים זאָלען פון דעם זיך נישט דערוויסען. און ווען דער רמב״ם האָט צוריק בעקומען זײַנע קרעפטען, איז ער אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ מערה אַ פערבאָרגענע הײל. דאָרט איז ער אָבגעזעסען צעהן יאָהר. די תּלמידים האָבען עס בסוד צוגעשטעלט זײַן בעדערפעניש, און דאָרט האָט דער רמב״ם מחבר געווען דאָס גרעסטע ספר זײַנס וואָס הײסט „משנה תורה“. נאָך דעם איז דער סולטאַן געשטאָרבען און עס איז געוואָרען אַ נײַער סולטאַן, איבער וואָס דער רמב״ם האָט שוין נישט קײן מורא געהאַט פאַר זײַן משפּט, דאַן איז ער אַרויס פון דער פערבאָרגענער הײל אויף דער פרײַ.

בערך 4950 יאָהר האָט דער רמב״ם געענדיגט זײַן בעריהמט פילאָזאָפיש ספר „מורה נבוכים“, וואָס איז געשריבען אַלס בריף צו זײַן תּלמיד ר׳ יוסף עקנין. אַלס תּשובות איהם אויף שאלות. ער ערקלערט איהם פילאָזאָפיש די השגה פון גאָט, אַז גאָט איז אַ רוחניות, נישט אַ געשטאַלט מיט גלידער, נישט אַ גוף וואָס קען זיצען, שטײן, ליגען, ווערען אין כעס, זיך איבערבעטען; ווײַטער רעדט ער וועגען אין סוף, וועגען נצחיות. וועגען מלאכים, און וואָס איז די נשמה און איהר תּכלית. ווי אַזוי בעווײַזט זיך גאָט צו מענשען, מיט וואָס איז משה־רבנו געווען גרעסער פון אַנדערע נביאים, דען תּכלית און די טעמים פון די מצות,

און

און פאר וואס זעהען מיר אמאל דעם רשע געהט זעהר גוט, און דער צדיק לעבט אין צרות. (צדיק ורע לו רשע וטוב לו).

דען ספר האט דער רמב"ם געשריבען פאר איינציגע אויסגעצייכענטע מענשען וואס וועלען איהם קענען פארשטעהן. ער בעהט די געבילדעטע לעזער, זיי זאלען נישט מגלה זיין זיינע מיינונגען דעם המון עם, זיי זאלען דען ספר איבער שרייבען נאר מיט יודישע אותיות, ער זאל ניט אריינפאלען אין מחמדאנישע הענד. דאך איז דער „מורה נבוכים" בעקאנט און בעריהמט געווארען אין אלע לענדער, און אלע געבילדעטע יודען און מחמדאנער, אויך טהייל קריסטליכע פילאזאפען האבען איהם שטודירט.

דען מורה נבוכים האט דער רמב"ם געשריבען אראביש. די יודישע געלעהרטע אין פראנקרייך, וואס האבען אראביש ניט פארשטאנען, האבען זיך געווענדט צום רמב"ם מיט א קשה־בריף ער זאל זיי שרייבען דען מורה נבוכים אויף לשון קודש, דער רמב"ם שרייבט צוריק, אז ער וואלט עם זייער גערן געטהון נאר עם פעהלט איהם צייט, און אויך איז ער שוין אלט און שוואך.

עם האט זיך אבער באלד איינער געפונען וואס האט גענומען אויף זיך די שווערע ארבייט, איבערזעצען דעם מורה נבוכים אויף לשון הקודש. דאס איז געוועזען דער בעריהמטער געלעהרטער ר' שמואל אבן תבון. ער האט אנגעשריבען דען רמב"ם, און געבעטען ערלויבעניש צו קומען, און לערנען ביי איהם תורה און חכמה. דער רמב"ם שרייבט, אז ער איז זעהר צופרידען מיט דעם וואס ער וויל איבערזעצען זיין ספר; שריפטליך איהם עצות געגעבען, נור ניט געראטען קומען. איך בין, שרייבט ער, אימער בעשעפטיגט, האב קיין פרייע מינוט צו פארברענגען מיט א פריינד אדער א בעקאנטען אין וויסענשאפטליכע זאכען. דער רמב"ם שילדערט זיין לעבען מיט די ווערטער:

„איך וואהן אין פאסטאט און דער סולטאן וואהנט אין אל־קריא, ווייט א דריטעל מייל לערך. מיין ארבייט ביים קעניג איז גרוים און שווער: יעדען טאג אין דער פריה דארף איך איהם זעהען, און אויב ער, אדער עמיץ פון זיינע זעהנען ניט בקוו הבריאה קען איך שוין ניט אוועקגעהן פון פאלאסט, און בלייב שוין אין אל־קריא נור

אפילו ווען אין קערפּער פּאַלאַסט איז שטיל, אַלע זײַנען געזונד און שטאַרק, קום איך אויף ערשט אַהײם נאָך מיטאָג מיעד און הונגעריג, נור איך געפין די פּאָרצימער פול מיט מענשען, טערקען קריסטען, יודען, גרויסע לײַט און פּראָסטע מענשען, גוטע פרײַנד און שונאים, וואָס היטען שוין אָב די צײַט און וואַרטען אויף מיר. איך קריך אַראָפּ פון פערד, וואַש די הענד, בעט איבער זייער כבוד זיי זאָלען מיך לאָזען איבערבײַסען (איין מאָל אין מעת לעת), דערנאָך גײ איך אַרויס צו זיי, שרײַב רעצעפּטען און פאַרטיג אַלע אָב, נור יעדע מינוט קומען פיעל נײַע קראַנקע, עס דויערט אַזוי ביז נאַכט, אין אָפטמאָל ביז 2 שעה אין דער נאַכט. איך ווער זייער מיעד, האָב קײַן כח צו שטעהן אָדער זיצען, איך מוז מיך ליגען און רעדען אַזוי מיט די קראַנקע, ביז איך ווער אָבגעשוואַכט און האָב קײַן כח ניט צו רעדען.

אין איינציגען טאָג האָב איך שבת, דעמאָלט קען מען רעדען מיט מיר, דעמאָלט קומט צו מיר די גאַנצע קהלה, אָדער דער רוב, באַלד נאָכן דאַוונען און איך זאָג זיי וואָס זיי האָבען צו טהון די גאַנצע וואָך, און לערען מיט זיי אַ שיעור ביז מיטאָג, עטליכע קומען נאָך צוריק נאָך מנחה און איך לערען מיט זיי ביז מעריב, דאָס איז מײַן לעבען, מײַן בעשעפטיגונג יעדען טאָג".

און דאָס שרײַבט ער, איז נאָר אַ קלײַן חלק פון מײַן אַרבײַט, און באמת וויפיעל בריף, האָט ער געהאַט צו שרײַבען יעדען טאָג, אין אַלע עקען פון דער וועלט! תשובות אויף שאלות פון רבנים און חכמים; ער האָט יעדען געענטפערט, קורץ, ווי זײַן שטײַגער, נור העל און דײַטליך.—

בײַ אַזוי פיעל אַרבײַט, מיהע, און לערנען, האָט דער רמב"ם ערײַכט אין עלטער פון זיבעציג יאָהר דורך זײַן קלוג און בעשײַדען לעבען. נור די לעצטע צײַטען האָט ער זיך זעהר בעקלאָגט, אַז די כוחות נעמען איהם אויס.

רמב״ם

אין יאָהר 4965 לבריאת העולם מאָנטאַג בײַ דער נאַכט, צוואַנציג טאָג אין טבת איז דער רמב״ם נפטר געוואָרען. זײַן טוידט האָט געטראָפען ווי אַ דונער אַלע יודען, אין יעדער שטאָדט האָט מען געטרויערט און געוויינט. אין פאָסטאַט האָבען יודען און מחמדאַנער איין עפענטליכען טרויער געמאַכט. אין ירושלים האָבען אַלע יודען געריסען קריעה און געפאַסט. אַזוי איז געווען אין אַלע שטעדט. די יודען פון מצרים האָבען געפיהרט זײַן גוף אין ירושלים, און איהם מקבר געווען אין טבריא,

דאָס פאָלק דערצעהלט אַ מעשה: בשעת מען האָט געטראָגען זײַן אָרון זענען אָנגעפאַלען דרײַסיג בערוואונען און האָבען איהם געוואָלט אַוועקרויבען; זײַ האָבען אָבער ניט געקענט דעם אָרון פון אָרט ריהרען, ווײַ האָבען אײַנגעזעהען אַז אין איהם מוז ליגען אַ הײַליגער מענש, האָבען זײַ מיט גרויס כבוד און מורא זיך צו געשלאָסען צו דער לויה און געפיהרט צוזאַמען מיט די יודען דעם הײַליגען אָרון ביז צום קבר.

אויף זײַן מצבה האָט מען אויסגעקריצט די ווערטער:

„פה טמון רבנו משה בן מיימון מבחר האנושי"

די בעדײַטונג איז אַזוי: „דאָ ליגט בעהאַלטען רבנו משה בן מיימון, דער בעסטער פון די מענשהײַט".

זײַן זכות זאָל מגין זײַן עלינו ועל כל ישראל אמן.

דעם רמב״ם ספרים.

1) אַ פירוש אויף דער גמרא, געשריבען יונגערהײַט, פאַר 23 יאָהר פון דעם פירוש איז אונז געבליבען נאָר אויף „ראש השנה".

2) דינים פון ירושלמי, דער ספר איז אויך צו אונז ניט אָנגעקומען.

3) אַ פירוש אויף משניות, ער האָט איהם געשריבען אויף אַראַביש צו 23 יאָהר, געענדיגט צעהן יאָהר שפעטער, מען האָט איהם אין גאַנצען איבערגעזעצט אויף לשון קודש,

4) „מאמר העבור" ווי צו רעכנען די מולדות און ווען מאַכען אַ עבור־יאָהר א. ד. ג.

5) „מאמר קדוש השם" אָדער „אגרת השמד". געשריבען אין אַפריקאַ.

6) „סדר עולם" כללים אין דער גמרא, דען ספר האָבען מיר נישט.

7) „משנה תורה" צעהן יאָהר געשריבען, געענדיגט אין זעכציגסטען יאָהר, אין איהם לערנען נאָך היינט אַלע רבנים, זיינע ווערטער זענען וויכטיג אין די תורה, פיעל פירושים, פיעל אויפטועכצען האָט מען ביז היינט געמאַכט אויף איהם. יעדער למדן געפינט אין איהם אַן אָרט צו וויזען זיין שאַרפען קאָפּ, זיינע חריפות.

8) „ספר המצות" געשריבען אַראַביש. מען האָט איהם איבערזעצט אויף לשון הקודש.

9) „אגרת התימן", אַראַביש. איבערזעצט אויף לשון קודש, דורך פערשיעדענע מענשען.

10) „מאמר תחית המתים", געשריבען אין 54־טען יאָהר.

11) „מלות ההגיון", לאָגיק, געשריבען אַראַביש, מיר האָבען איהם אין העברעאישער און דייטשער איבערזעצונג.

12) „מורה נבוכים" אַראַביש, איבערזעצט געוואָרען אין פיעל שפּראַכען מיט פיעל פירושים.

13) „פרקי משה", איבער מעדיצין.

14) אַ בריף צום סולטאַן, ווי ער זאָל זיך פיהרען ער זאָל זיין געזונד.

15) „תשובות", אַנטוואָרטען אויף פראַגען וואָס מען האָט ביי איהם געפרעגט און פיעל בריף צו זיינע פריינד, תלמידים און פרעמדע.

16) „ספר הרפואות", איבער די קראַנקהייטען און זייער היילונג.

17) „ספר הסבות", איבער די אורזאַכען פון די קראַנקהייטען.

18) „סם המות ותרופתם", איבער די קראַפט פון די גיפטען און ווי אַזוי מען דאַרף היילען דעם פערגיפטעטען מענש.

די צוואה פון רמב"ם צו זיינע קינדער . טו 29

1) מיינע טייערע קינדער! דער וואס האט אין זיין האנד מיין ענדע האט מיך אויפגעקלערט, און מיין ליעבע צו גאט ברוך הוא האט מיך ערוועקט, איך זאל אנזאגען מיינע קינדער, מיט וועלכע ער האט מיך בעשאנקען. זיי זאלען אבהיטען גאט'ס וועג און זאלען לערנען זיין הייליגע תורה, איך זאל זיי געבען די זעלבע ירושה וואס איך האב געירשענט, איידער ער רופט מיך אוועק פון דער וועלט און נעמט אויף אונטער זיין עהרע.

2) הערט מיך אוים מיינע ליעבע קינדער! געבענטשט זאלט איהר זיין פון גאט, וואס האט בעשאפען הימעל און ערד. זיין ברכה פון אויבען אין הימעל, און אויך די ברכה וואס ריהט אין תהום, די ברכה פון פרוכטבארקייט זאל אייך אומרינגלען. שטארקט אייך און זייט פרומע און גוטע מענשען. דיענט דעם גאט פון אייער פאטער, דעם גאט פון אברהם יצחק ויעקב מיט א ערליך הארץ. די מורא פאר גאט וועט אייך פיהרען דערצו איהר זאלט נישט זינדיגען, און די ליעבע צו גאט וועט אייך שטארקען מקיים צו זיין זיינע מצות. גידענקט אימער או איבער אלעמען וועט ער פון אייך אבנעמען דין וחשבון.

3) פיהרט זיך אנשטענדיג און מיידעט אוים די געזעלשאפט פון לייכטזיניגע, נאר געפינט אייך אימער אונטער דעם איינפלוס פון די עהרענהאפטע און קלוגע מענשען. ליעבט די וויסענשאפט, זוכט זי ווי מען זוכט אוצרות. האלט זיך אויף אין די הייזער פון חכמים. הערט גוט צו זייער מאראל און אויך זייערע וויסענשאפטליכע ערקלערענגען און ענטדעקענגען.

4) לערענט אין דער יוגענד, ווען אייער הארץ איז נאך פריי, איידער איהר ווערט אנגעפולט מיט זארג און אייער זכרון ווערט שוואך. ווייסט אז עס וועט קומען א צייט, ווען איהר וועט וועלען לערנען און איהר וועט אבער דאן שוין נים קאנען.

5) ווען איהר וועט געפונען א פסוק אין די הייליגע תורה, וואס איהר וועט נים פערשטעהן זיין סוד און זיין טעם, זאלט איהר זיך דורך דעם נים אבוועגדען פון די אמונה. נאר דאך זאלט איהר אייך האלטען פעסט ביי יעדעם ווארט פון די תורה און ביי די ליכטיקייט פון דער לויטערע יודישע אמונה. דאס וואס איהר וועט נישט פערשטעהן זאלט איהר אנהענגען אין אייער קליינעם פערשטאנד.

6) ליעבט די ווארהייט און גירעכטיקייט, אויבוואהל איהר קענט דערביי צו לעהנען, איז אלץ בעסער ווי צו פערדינען מיט פאלשקייט און אונרעכט. איהר זאלט קיינמאל נים נעניסען פון דעם וואס איז נים באמת אייער אייגענם.

7) זייט מקרב די ווייטע, בייגט אייך צו מיט א פרעהליך געזיכט צו די נידריגע. האט מיטלייד מיט ארעמע און אונגליקליכע. זייט מטיב מיט אייערע שונאים. האסט די הולטייסטווא און דערוויטערט אייך פון הולטייעס. נעניעסט דאס לעבען אין אייער געזעלשאפט, און נאר מיט דער פרוי פון אייער יוגענד. עהרט אייערע פרויען, דען זיי זענען אייער עהרע. נאר איהר זאלט זיי מאראליזירען און זיי נים לאזען הערשען איבער אייך.

8) דיענט אייערע פריינד מיט אייערע קערפער און קראפט, לויט ווי גאט האט איך בעשאנקען. אבער איהר זאלט זיי ניט דיענען מיט אייער זעעלע, וויל דאס איז די נעטליכע טהייל.

9) איך האב געזעהן די גרעסטע אונגליקען ענטשטעהן דורך מחלוקת. דערפאר זאלט איהר האסען מחלוקת. ענטלויפט דערפון און דערווייטערט איך פון אלע איהרע אנהענגער. זאגאר אייער בעסטער פריינד, ווען ער האט זיך ליעב ארום צו קריגען, זאלט איהר זיך פון איהם דערווייטערען.

10) ווייסט אז בעוויל גאט ליעבט דעם מענש מעהר פון אלע בדואים, דארום האט ער איהם בעשאנקען מיט דער מתנה פון כח הדבור. אלזא דארף דער מענש אממיינסטענס בעניצען דעם כח הדבור צו לויבען גאט, מתפלל זיין צו איהם און צום לערנען די הייליגע תורה. דאס וואס דער מענש דארף זיך בעניצען מיט'ן כח הדבור וועגען זיינע קערפערליכע בעדערפעניסען איז טאקי אויך נישט פארווערט. אבער ווי שענדליך איז פון מענש צו פערבייטען גוטעס אויף שלעכטס און אויס צו נוטצען גאטס מתנה צו דעם וואס ער האט אונז פארווערט, דהיינו צו רעדען געמיינהייטען: שקר, לשון הרע, רכילות און ליצנות. דאס איז א גרויסע עבירה און אויך א גרויסע העזה. אלזא וועגט איבער יעדעס ווארט אידער איהר לאזט עס ארויס פון מויל, וויל דערנאך וועט איהר עס ניט קאנען צוריק נעמען.

11) דערווייטערט איך פון פיעל עסען און טרינקען. גלויבט ניט אז פיעל עסען און טרינקען מאכט גרויס דעם קערפער און פערמעהרט דעם שכל. געגענטהייל, ווען איהר וועט ווייניג עסען וועט דער מאגען האבען די קראפט אלעס איבערצוקאכען און צו קרעפטיגען דעם קערפער. אבער אז איהר וועט צופיעל עסען, דאן קאן עס דער מאגען ניט פערדייען. דער קערפער ווערט מאגערער, דער שכל שוואכער און אין קעשענע בלייבט ווייניגער געלד. היעט זיך שטארק פון שיכורית דורך בעזויפענע געטראנקען. ווייסט אז ניט אומזיסט איז אנגעשריבען אין די תורה נח'ס שאנדע, זאנדערן זיך פון איהם א מוסר ארויס צו נעמען.

12) פיהרט זיך מיט אונטערטעניגקייט. דען דאס איז די לייטער וואס פיהרט ארויף הויך, דאס איז די גרעסטע ציהרונג פון דער מענשהייט. זעהט אז משה רבנו דער גרעסטער פון אלע נביאים ווערט ניט בערימט אין די תורה מיט אלע זיינע גוטע מדות, נאר מיט דער מדה פון זיין שטארק אונטערטעניגקייט.

13) איך בעהט איך מיינע טייערע און ליעבע קינדער! אנערקענט ווי ווייט די ליבטיקייט איז בעסער פון פינסטערניש. האסט דאס שלעכטע וואס איז דער טויט. ליעבט די גוטקייט וואס איז דאס לעבען. די ברירה ליעגט דאך ביי איך אין די הענד, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק ובחרת בחיים. אייער פאטער וואס פערלאנגט אייער הצלחה.

משה בר׳ מיימון זצ״ל הספרדי ושלום.

תולדות הרמב"ם ז"ל

אין דער שטאט קורטבא וואס אין מדינת ספרד, דארטין האט זיך דיא חכמה גימאכט אנעסט אין ניינטין יאהר הונדערט לאלף החמשי, אין דער שטאט האבין זיך באהעפט צוא זאמען תורה מיט חכמה, פון דארטין איז ארויס תורה אונ די קוועלע פון וויסענשאפט, אין דיזע שטאט אין דעם יאר ד"א תתצ"ה (דאס איז שוין זיבין הונדערט מיט נײן אונ פערציג יאר) אום שבת ערב פסח איז גיבארין גיווארין דער אויס דער ווײלטער פון דיא חכמים, דער שײן פון אידין וואס האט אויף ניחויבין דיא ליכטיקייט פון דער תורה אונ האט איר אן גיקרוינט אקרוין פון שיינקייט דאס איז (דער רמב"ם) רבינו משה דער זון פון רבינו מיימון הדיין הספרדי וואס קומט ארויס פון די פאמיליע פון דוד המע"ה. דיזער קינד האט זיך ערצויגין אויף דעם שויס פון אגרויסין מאן אפאטער, זייער גליקליך, דער פאטער האט זיך שטארק באמיט צוא לערנען אים תורה אונ וויסענשאפט, אונ ער האט זיך זייער שטארק גענומען צום לערנען אונ האט איבער געיאגט אלע זײנע חברים אין אלע למודיות, דען זיין קאפ וואר זייער טיף אונ שארף, קורץ גיזאגט אז אין זיין יונגשאפט האט מען אין אים דער קענט, אז ער וועט פרשיינען די וועלט מיט זיין תורה אונ חכמה. דער פאטער (האט אים גילערינט לשון ערבי וואס זיא איז דענסטמאל גיוועזען דיא שפראך פון וויסענשאפט אונ) האט אין אים גינאסין דיא טייכין האניג פון דער תורה וואס ער האט גישעפט פון קוואל פון זײנע רבים גדולי עולם, וויא שיין אונ צימליך איז עס צוא זעהען אז דער פאטער מיטין זון צו זאמען האבין גילערינט תורה פון דעם גרויסין גאון וואס האט ערלויכטין אידישע אויגין מיט זיין תורה הרב ר' יוסף הלוי מיגאש וואס דער רמב"ם האט אויף זיין רבין עדות גיזאגט אז זיין שכל אין תלמוד איז גיוועזען טורה'דיק, פון דעקט וועגין האט דער רמב"ם גילערינט בייא אים יונגערהייט,

פון

פון דעם איז צוא פאר שטיין די גרויסקייט פון רמב"ם, אונ דער רבי ר' יוסף האט זיך שטארק פאר וואונדערט אויף די גרויס פאר שטאנד פון דעם רמב"ם אונ האט גיזאגט פאר אלע קני תושיבה „איך זאלט וויסן אז דער קינד וועט זיין אגרויסער מאן, אונ וועט באלייכטין מיט זיין שיין כל ישראל".

בעת ההיא) אין יענע צייטין האבין זיך אן גיהייבין אין קארדובא פיל אנגסטין אויף אידין; די פאר בלאנדזשעטע שעפסעלע גענבאך איז גיווארין אפארצוקונג צוא די וועלף אונ טיגערין פון אינדיען וואס זייא האבין זיך פארשפרייט דענקסט מאל אין יענעם קאנט איין געמען די לאנד. אין אזא שווערע קריטישע לאגע האט גילעבט דער רבינו מיימון מיט זיין פאמיליע אין שטאט קורטבא, גיהאפט אונ גיווארט צוא גאטעס הילף, ביז וואנען זיי זיינען ערמידעט גיווארין צוא ערליידין, אונ מיט גאטעס הילף איז רבינו מיימון מיט זיינע צוויי זין מיט די הויז גיזינד אנטרונגען גיווארין פון דארטין אין די שטאט פאס, וואס דארטין איז גיוועזן דער גרויסער היילינגער גאון ר' יהודה הכהן, האט דארטין דער רמב"ם גילערינט ביי דעם ר' יהודה הכהן אונ דער פאטער מיטין ברודער ר' דוד האבין גיפירט גישעפטין אונ האבין גישפייזט דעם רמב"ם, אבער דארטין האט אויך זיי די זון אויך ניט גישיינט לאנג, די אידעשע פיינדע האבין דארטין אויך גיגרייכט אונ דר היילינגער גאון ר' יהודה איז אום גיקומען אויף קידוש השם אונ רבינו מיימון מיט זיין פאמיליע זיינען אנטרונגען גיווארין פון דארטין.

אין דעם יאר תתקכ"ה לאלף החמישי זונטאג ד' לחודש אייר זיינען זייא ארויף אויף אשיף רייזין נאך „עכו", די גאנצע וואך האט די שיף גיזעגילט רוהיג, ווייא עס איז גיקומען שבת איז געווארען אגרויסער שטורעם אפין ים אונ די שיף האט געהאלטי ביין אונטער גיין, עס איז גיווארין גרויסע געוויינן אונ לארעמס, האט זיך דער רמב"ם גישטעלט מתפלל זיין אונ האט זיך גיטאן א נדר אויב השי"ת וועט אויף זייא רחמנות האבין אונ זייא ראטעווע וועט זייא אים זיין שטענדיג די צוויי טעג (דער זונטיג דער אין

וואס ער איז ארויף אף דיא שיף און דער שבת יוד אייר) פלעגט ער
תענית אויף זיין גאנצען לעבין, ער און זיינע קינדער און קינדס
קינדער און געבין צדקה ויא וייט מעגליך, און דעם צעהענטין טאג
אייר זאל ער זיך שטענדיג נוהג זיין זיצין סגור ומסוגר און ניט אן
קוקען קיין מענטשען נור דאוונען און לערנען דעם גאנצען טאג
(ער שרייבט מיט דיזען לשון) „אזוי וויא אין דעם טאג האב איך ניט
געפונען קיין גוטען פריינד וואס זאל מיך באשטעהען פון טויט נור
הקב"ה אזוי זאל איך דעם טאג ניט זעהען און ניט ריידין מיט קיין
מענטשען נור מיט הקב"ה, תורה און עבודה", הקב"ה האט אן גינומען
זיין תפלה און דער ים איז געווארען רוהיג און זיינען גיקומען דעם
דריטין טאג לחודש סיון אין עכו, דארטין האבין זייא גיבענטשט גומל
און גילויבט השי"ת פיר אלע חסדים, און גימאכט דעם טאג יו"ט
און גיגעבין מתנות לאביונים און גינומען אויף זיך צו מאכין אזוי אלע
יאר. (דעם טאג וואס זייא זיינען ארויס פון ים לשלום).

ואחר נאך ימים טובים ד' חשון זיינען זייא ארויס פון עכו אויף
גיין קיין ירושלים אין קאמפאניא מיט הדיין ר' יפת ב"ר
אלי' אויס גיסין זייער ביטערע הארץ ביי דעם כותל מערבי, זייא
האבין גירייזט אין גרויס סכנה און שרעק פון די רויבער-באנדעס
וואס איז דענסט מאל גיוועהן אויף די וויסטע וועגין, זייא זיינען
גיקומען קיין ירושלים בשלום און האבין אויס גיגאסין זייערע ביטערע
הערצער און דיא הערצער פון כלל ישראל אויף דיא היילינגע
ערטער אין ירושלים און האבין זיך דארטין פאר זאמט ביז ט'
חשון, פון דארטין האבין זיי גירייזט נאך חברון מתפלל זיין אויף
מערת המכפלה (אויף די קברים פון די אבות אברהם יצחק ויעקב)
און די צווייא טעג ואו חשון וואס ער האט זוכה גיוועהן צו קומען
אין ירושלים און ט' חשון וואס ער האט זוכה גיוועהן צו קומען
אין חברון האט ער אויף זיך גינומען צו מאכין אזוי וויא יום טוב
לויבין השי"ת און פרייליך זיין און געבין מתנות צו אביונים און ביים
אוועק גיין פון ירושלים האט ער אזויא גיזאגט „השי"ת זאל מיר
העלפען ערפילין מיינע נדרים (אזוי שרייבט דער רמב"ם אין אבריף

און

און אזוי ווייא איך האב זוכה געוועזן מתפלל זיין אין דיא היילינגע שטעטער בעת חורבנם (אין זייער פאר ווייסטער צייט) אזוי זאל איך זעהן און כל ישראל בנחמתה במהרה אמן״:

אולם אבער צום אומגליק האבין זיי זיך אין חברון אויך ניט געקענט באזעצין פון גרויס יקרות און וויסטעניש — דיא האבין דער הערט אז אין מצרים איז עפעס אשטיקיל ישוב פון אידין און זייא לעבין זיך דארטין רוהיג איז זיי געפעלין אראפ פארין דארטין איבער קומען דיא שלעכטע צייט, דער אלטער פאטער איז פארבליבין אין ירושלים ענדיגין זיינע יארין, און דער רמב״ם מיטין ברודער ר׳ דוד מיט דיא הויז געזינד זיינען געקומען קיין מצרים און האבין געפונען דארטין אהיבשען ישוב פון אידין וואס לעבין זיך גאנץ רוהיג האבין זיי זיך דארטין באזעצט און גענומען האנדלען מיט דימענט-וואהרג ווייל זיי האבין געהאט אידיעה אין דעם מסחור פון לאנג, אין אקורצע צייט נאך זייער אפ רייזין פון ירושלים האט רבינו מיימון זייער פאטער גענומען אפ שייד פון דער וועלט און אוועק אין זיין רוהע און נקבר געווארין אפין היילינגן ארט, עס איז זייא אן געקומען טרייכטע בריף פון אסך שטעט ווארום זייער נאמען איז געוועזן גרויס און באוואוסט אין אלע עקין וועלט, און כל ישראל האט אויס געקוקט אויף זיי, זיי זאלין זייא דער לייכטין דיא אויגין מיט דיא ליכטיגקייט פון תורה און חכמה:

ימים רבים) אלאנגע צייט האבין זייא געפירט זייער מסחור פון דימענט וואהרג, ר׳ דוד האט געריי׳זט אויף אלע ירידין וועגין געשעפט און רבינו משה (רמב״ם) האט פאר היילינגט זיינע צייטין צו תורה און חכמה. עס איז ניט געוועזן קיין חכמה וואס ער האט איהר ניט ערגרייכט, אויך אין חכמת הרפואה (דאקטאר מידיצין) איז ער זייער גרויס געוועזן און זיין נאמען איז נתפרסם געווארין אין גאנצע לאנד מצרים:

ויתנחתן) ער האט זיך מתחתן געוועזן מיט אנגזיס אידישען מאן פון די גרויסע נכבדים, און האט דארטין געפירט דאס פאלג זעקסוואל אין די היילינגע יודין קענ. ער האט זייא אפ געשיידט פון דיא

דיא געמיינדע קראים (קאראימעס) אונ פון זייערע מנהגים האט איהן זיינען דענסט מאל פאר מישט געוואָרין מיט זייא אונ האבין זיך אפ געלערינט פון זייערע דרכים אונ מנהגים. אין פערלויף פון דער צייט, האט זייא יעצט דער רמב״ם אפ געשיידט פון די קראים אונ האט זייא איין געאָרדענט תקנות אונ גוטע מנהגים, ביז וואנען ער האט געשטעלט די תורה מיט אידעשקייט אויף אגוטע פוס. ער האט געלערינט תורה מיט אסך תלמידים:

ויהי היום) עס וואר איין טאג האט ר׳ דוד (דעם רמב״מ׳ס ברודער) געבייזט נאך מדינת „הודו״ איינקויפין דארטין דימענטווארג, אונ האט מיט זיך גינומען אסך געלט, אלע האבין געוארט אונ גיהאפט אויף זיין קומען לשלום פון יריד. פלוצלונג האט אפינצטערער וואלקין צו שטערט זייער שיין, דאס איז דיא פינסטערע נאכריכט וואס געמט אן אשוידער הערינדיג אז דיא שיף איז אונטער גיגאנגין אין ים הודו אונ ר׳ דוד מיט זייער גאנצין פערמעגין איז דער טרונקען געוואָרין. דינע טרויעריגע נאכריכט האט פאר-וויטאנט דיא הייליגע הארץ פון דעם רמב״ם, אונ פון גרויס שמערצין איז ער קראנק געוואָרין אונ האט גיקרענקט ארונדין יאר, ער האט זיך ניט גילאזט טרייסטין ווייל ער האט אים זייער ליב גיהאט אונ זיין נעלע איז געוועזן אן גיקויפט אן ר׳ דוד׳ס נעלע, ווייל דער רמב״ם איז געזעסין פאר זיין קאפ זייער רוהיג אונ האט גילערינט תורה טאג אונ נאכט אן אשום שטערונג, אונ יעצט איז צו שטערט זיין גאנצע רוהע, ווייל ער האר שוין גיצוואונגען צו זוכין אמיטל צו שפייזין דיא פאמיליע אום צוא ערפילין זיין ביינעם אונ אידעלן חאראקטער וואס ער האט ניט גיוואלט זיין צו לאסט אויף קיין פרעמדין אונ שפייזין זיך נאר מיגיע כפו:

אך ה׳ הטוב אליו חסד) השי״ת האט אן גינומען זיין צער אונ האט גינייגט צו אים זיין חסד, אונ האט גיגעבין זיין חן אין דיא אויגין פון מלך מצרים אז ער האט אים אויף גינומען פאר דעם קעניגליכין הויף דאקטער אונ האט שוין זיך גישפייזט מיט זיין פאמיליע מיט גרויס כבוד, אייגיטעליג אין קעניגליכין הויף האט

עֶר גְרוֹיס גוּטֶעס גִיטָאן אִידִין אוּנ הָאט פוּן זַייא אַרָאפּ גֶענוּמֶען דֶעם עוֹל הַגָלוּת , אוּנ אוֹיף דִיא אִידִין פוּן גַאנְץ מִצְרַיִם הָאט אָן גִיהוֹיבִּין דִיא זוּן צוּ שַׁיינֶען · דֶער רמב״ן (אִין אַיינֶע פוּן זַיינֶע בְּרִיף) נָאךְ דֶעם וִויא עֶר רֶיעט אַרוּם דִיא גְרוֹיסְקַייט פוּן רמב״ם אוּנ אִיז זַייעֶר מַאֲרִיךְ בְּשִׁבְחוֹ שְׁרַייבְּט עֶר מִיט דֶעם לָשׁוֹן : „מִיר גֶעמֶען אוֹיף זִיךְ פַאר עֵדוּת הִימֶל אוּנ עֶרד, פַאר מַיינֶע כְּבוֹתַי, אַז מִיר הָאבִּין גִיהֶערְט פוּן וַוארֶע עֶרְצֶיילֶער , אַז אִין גַאנְצִין קַאנְט פוּן מַלְכוּת תֵּימָן , אַסַךְ גִימַיינְדֶעס פוּן אִידִין זַיינֶען עוֹסֵק אִין תּוֹרָה אוּנ מִצְווֹת לִשְׁמָה (מִיט אַיין אֱמֶת גִיט פַאר פַארְבְּט) אוּנ פְלֶעגִין דֶער מָאנֶען מִיט עֶרְזֶעגְפוּרְבְּט דֶעם נָאמֶען פוּן רמב״ם אִין קַדִישׁ מִיט דִיזֶען לָשׁוֹן : „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון“ וָואס עֶר הָאט עֶר־לוֹיכְטִין זַייעֶרֶע אוֹיגִין אִין דֶער תּוֹרָה, אוּנ הָאט זַייא אַוֶועק גִישְׁטֶעלְט אִין אַלִיכְטִיגִין ווינְקִיל אוּנ הָאט פוּן זַייא מְבַטֵל גִיוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת אוּנ דֶעם לַאסְט פוּן דִיא גְרוֹיסֶע מַסִים (אָפּ־צָאלוּנְגֶען) אוּנ הָאט פַאר גְרִינְגֶערְט פוּן זַייא דֶעם שְׁוֶוערִין גָלוּת וָואס זַייא זַיינֶען גִיוֶועזְן פְרַייעֶר הֶפְקֵר אוּנ גִיט גִיאַכְט אַזוֹי וִויא לַיים אוּנ בְּלָאטֶע וָואס מֶען טְרֶעט אִין גַאס, אוּנ דוּרְךְ אִים הָאבִּין זַיי גִיקְרָאגִין מֶענְשִׁין רֶעכְט“.

וַיְהִי) אוּנ עֶס וַואר וִויא הַשי״ת הָאט אִים בַּארוּהִיגְט פוּן זַיין טִלְטוּל (פַארְוָואנְלוּנְג אוּנ אוּנְרוּהִיגְקַייט) הָאט עֶר פַאר קָאנְצֶעט זַיין פֵּירוּשׁ אוֹיף מִשְׁנָיוֹת וָואס עֶר הָאט אִים אָן גִיהוֹיבִּין צוּא שְׁרַייבִּין קֹשֶׁת עֶר אִיז אַלְט גִיוֶוען צְוַוייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאר, עֶר הָאט בַּאטְרַאכְט אַז דִיא וֶועלְט אִיז פוּסְט פוּן דִיא גְרוֹיסֶע יְשִׁיבוֹת וָואס אַמָאל פְלֶעגְט צוּ זַיין , אוּנ דִיא תּוֹרָה וֶוערְט פוּן טָאג צוּא טָאג וֶוינִיגֶער , הָאט עֶר זִיךְ עֶרְבַּארֶעמְט אוֹיף אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע צִירוּנְג עֶס זָאלִין אִיר נִיט פַאר פְלַייצִין דִיא וַואלִין פוּן דִיא סְטְרָאמִינְגֶע אוּנ רוֹיסִינְדֶע צַייט, דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִילַייגְט אוּנ גִימַאכְט אַפֵּירוּשׁ צוּ מִשְׁנָיוֹת אוֹיף לָשׁוֹן עַרְבִית וָואס זִיא אִיז דֶענְסְט מָאל גִיוֶוען מוּטֶער שְׁפְּרַאךְ אוּנ הָאט גִימַאכְט הַקְדָמוֹת אוּנ יְסוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט כּוֹלֵל גִיוֶוען מִיט זַיין גְרוֹיס פַאר שְׁטַאנְד אוֹיף יֶעדֶער מַסֶכְתָּא , אוּנ הָאט אָנְגֶעקְט דִיא לֶענְגֶער אוֹיף דִיא עִקָרִים (פוּנְדַאמֶענְטִין) פוּן

דִיא

דיא אמונה וואס זיינען באהאלטען אין פארשיידענע ערטער פון משניות און דאס איז ביי איהם געוועזען זייער טייער אז יעדער איד זאל דאס לערנען און קלאר זיין אוים ווייניג, *) ווארום ווען דער פונדאמענט איז שטארק האט אקיום דער בנין וואס איז געבויט אויף איהם, דאס גלייכען ווען ביין איהדן זיינען שטארק די עקרים פון דיא אמונה דאן האט ביי איהם אקיום דיא גאנצע יודעשקייט און דיא מצות.**) און האט פאר קאנצעט דעם פירוש אין מצרים אין דרייא און דרייסעגטען יאר פון זיין לעבען:

בהיותו) בעת ער איז אלט געווארען זיבען און דרייסיג יאר האט איהם זיין קלוגע און פרומע תארץ באוויליגט מחבר זיין דעם ספר „יד החזקה". צעהן יאר נאך אנאנד טאג און נאכט האט ער געארבעט דיזע גרויסע הייליגע ארבעט און האט איר פאר קאנצעט אין זיבען און פערציגסטען יאר צו זיין לעבען, עס האבען זיך פאר-וואונדערט דיא גרעסטע גאונים און דיא גרעסטע קעפ מענשען אויף דיא חכמה פון דיזין חבור וואס זינט נאך דיא בעלי התלמוד איז ניט געמאכט געווארען אזא חבור וויא דער יד החזקה איז:

בהיותו) אין דעם פופציגסטען יאר פון זיין לעבען איז צוא איהם געבארען געווארען זיין זון ר' אברהם, און נאך אין זיינע יונגע יאהרען איז שוין ערקענט געווארען אין איהם חכמה און פרומקייט,

און

*) ז"ל בפהמ"ש סוף ברכות יקר בעיני ללמוד עיקר מעיקרי הדת והאמונה מכל אשר אלמדהו. וכה' ממכתביו כ' כי זהו רצון התורה וחכמת המצות להתקין הנפש במדותיה ובאמונת הבורא יתברך וע"כ אמר הכתוב רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, ואין הדבר תלוי בתפלות ותפלה וצעקה בלי דעה ואמונה על האמת וכגון זה כ' קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותיהם, ועיקר הכל שאין שום דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא הבורא ית"ש (אחי אחי שים לבך לדבריו הקדושים אם בעל נפש אתה).

**) אויב דו מיין ליבער לעזער ווילסט וויסען דיא יסודי הדת ועקרי האמונה פון רמב"ם זאלסטו לערנען דעם ספר „לקח טוב" וואס האט מחבר געוועזן פאר בערך הונדערט יאר הגאון ר' אברהם יצ"ל אויף לשה"ק און מיר האבען איהם יעצט איבער זעצט אויף זארגאן (געדרוקט בווילנא שנת תרמ"ד).

און דֶער רמב"ם אַלֵיין הָאט אוֹיף אִים מֵעִיד גֶיוֶועֶן אַז עֶר אִיז אַנְלַייכֶער בַּעַל שֵׂכֶל אוּנ אַגוּטֶער כַאראַקְטֶער צוּ זַאמֶען מִיט גוּטֶע זִיטִין, — עֶר הָאט גֶיהָאפְט אַז דָאס וֶועט אַרוֹיס וַואקְסִין אַיינֶער פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע מֶענְשֶׁער אִין דֶער וֶועלְט, אוּנ השי"ת הָאט גֶיהָאלְפִין עֶס זָאל עֶרְפִילְט וֶוערִין זַיין ווּאוּנְשׁ אוּנ ר' אברהם אִיז אוֹיס גֶיוַואקְסִין אַגָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל אִין לֶערְנֶען אוּנ אִין פְרוּמְקַייט:

בעת ההיא) אִין יֶענֶער צַייט הָאט עֶר פַאר קָאנְצֶעט זַיין סֵפֶר „מורה נבוכים“, אִין עֶם אִיז צוּ זֶעהֶן זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אוּנ זַיין צִדְקוּת, עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶיגֶעבִּין אַז דִיא פִילָזָאפִישֶׁע סְפָרִים אִיז זֵייעֶר פַאר־שְׁפְּרֵייט אוּנ אָן גֶינוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ אַלֶע אִידִין הָאבִּין זִיךְ נָאךְ נִיצוֹיגִין נָאךְ זַייא, אוּנ אָפּ גֶישֵׁייד זִיךְ פוּן תּוֹרָה אוּנ פַאר הַאקְט אִיר, הָאט זִיךְ אִין אִים אָן גֶיצוּנְדִין דִיא קִנְאָה פַאר דֶעם שַׁאנְד פוּן דִיא הַיילִיגֶע תּוֹרָה אוּנ הָאט בַּאוִויזִין אִין דֶעם סֵפֶר אַז נָאר דִי פִילָאזָאפִיֶע אוּנ נָאר דִי חָכְמָה אוּנ נָאר דֶעם גוּטִין כַאראַקְטֶער אִיז צוּ זֶעהֶן אִין אוּנְזֶער הַיילִיגֶע תּוֹרָה*):

---

*) מִיר וֶועלִין דָא מַעְתִּיק זַיין אַמְקְצַת פוּן דֶעם בְּרִיף וָואס דֶער רמב"ם הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּא הַחָכָם ר' שמואל בֶּן הַחָכָם ר' יהודא אבן תבון, וֶוען דֶער ר' שמואל הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם רמב"ם אַבְּרִיף אִים אָן צוּ זָאגִין דָאס עֶר הָאט שׁוֹין מַעְתִּיק גֶיוֶועֶן דֶעם סֵפֶר „מורה נבוכים“ פוּן אַראַבִּישׁ שְׁפְּרַאךְ אִין לָשׁוֹן הַקֹדֶשׁ, אוּנ אוֹיךְ שְׁרַייבְּט אִים ר' שמואל אִין זַיין בְּרִיף דָאס עֶר וִויל קוּמֶען צוּ אִים, זִיךְ מְשַׁתַּעְשֵׁעַ זַיין דַאמִיט וָואס עֶר וֶועט בַּיי אִים פַארְבְּרֵיינְגִין אַיינִיגֶע צַייטֶען, הֶערִין זַיין גְרוֹיס חָכְמָה, דַארוֹיף שְׁרַייבְּט אִים אָפּ דֶער רמב"ם אוּנ דַאנְקְט אִים זֵייעֶר פִיר זַיין אִיבֶּער זֶעצִין זַיין סֵפֶר „מורה נבוכים“, אוּנ אוֹיף דֶעם וָואס ר' שמואל שְׁרַייבְּט אִים דָאס עֶר וִויל קוּמֶען צוּ אִים, שְׁרַייבְּט דֶער רמב"ם אִים אַזוֹי: „לִיבֶּער ר' שמואל, דָאס וָואס דוּא דֶער מָאנְסְט אִין דַיין בְּרִיף פוּן דַיין קוּמֶען צוּ מִיר. קוּם קוּם דוּא גִיבֶּענְשְׁטֶער פוּן גָאט, אוּנ אוֹיךְ דֶער גִיבֶּענְשְׁטֶער פוּן דִיא אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר

צו פרידען, אונ פערגעניגענט פון דיין ליבען קומען צו מיר אונ איך באנגער אונ געלוסט מיט מיין פולען הערצען צו דיין טייערע בעהעפטונג צו מיר, אונ איך בין זייער גערין צו זעהן דיין פנים דעם ליכטיגען דעם ציטליכען, אונ צו פרייען זיך נאך מעהר פיר דיין פרייליכקייט וואס דוא וועסט זיך פרייען ווען דוא וועסט זעהן מיין פנים, אבער וואהל עס טוט מיר זייער לייד דיין שווערע רייזע וואס דוא וועסט האבען קומענדיג צו מיר, דען דוא דארפסט דאך פארין איבערין ים, אונ נאך אזעלכע סכנות׳דיגע וועגין, נאר מיין פריידע צו זעהן זיך מיט דיר שטארקט דיא ליידען אריבער, נאר דיזעס מוז איך דיר צו וויסין געבין אונ איך ראטהע דיר אויך, אז ווען דיר איז שווער דיא רייזע צו מיר זאלסט דוא זיך ניט שטעלין אין סכנה, דען פון דיין קומען צו מיר וועסטו קיינע גרויסע נוצען האבין, נאר דיזעס וואס דוא וועסט זעהן מיין פנים, אונ דעם כבוד וואס איך וועל דיר טאן וויא ווייט איך וועל קענען, אבער דיר איז דאך בעוואוסט אז דאס איז קיינע נוצען. די נוצען פון דיין קומען צו מיר איז גאר דאס מיר זאלין זיך קענין זיין צו זאמען אין אייניזאמקייט צוויא אדער דרייא שעה אין טאג אונ צו פאר ברייגין אין חכמה, אין פילוסופיא, אונ דאס גלייכין, אבער דארויף זאלסטו זיך גאר ניט ריכטין דען די ביאגראפיע פון מיינע טאגליכע צייטין איז וויא איך וועל דיר דער ציילען.

„דאס איז דיר בעוואוסט דאס איך בין אין מצרים, אונ דער מלך פון מצרים איז אין אלקאירה אונ צווישין דיא ביידע שטעט איז איין גרויסע שטרעקע (צווייא תחומי שבת גאנג) מוז איך אלע טאג גאנץ פריא גיין צום מלך אונ מיין דינסט בייא אים איז זעהר שווער, דאן ווען אז עס מאכט זיך דאס דער מלך ווערט ניט גיזונד אדער איינער פון זיינע קינדער אדער איינע פון זיינע קעפס-ווייבער טאר איך ניט אוועקגיין פון אלקאירה, ביז אהיבשע צייט נאך האלבין טאג אונ דאצו מאכט זיך אויך דאס איינער אדער צווייא פון זיינע שרים ווערין ניט גיזונד אונ דאס מאכט זיך אפט, מוז איך זיך אפ האלטין צו ליב זייא אום צוא געבין

זייא רפואות, (מידעצינען), דער כלל איז איך בין זייער פערנומען
מיט מיין דינסט ביים מלכות. דען אלע טאג מוז איך בייא איהם
זיין ביז נאך האלבען טאג ווען אפילו אלע זיינען געזונד, אונ
פאר דיא צייט טאר איך ניט גיין אהיים אין מצרים, אונ אויך
הונגער איך אלע טאג ביז איך קום אהיים, אונ ווען איך קום שוין
אהיים געפין איך אין קאלידאר פון מיין הויז פילע מענשען
קראנקליבע וועלכע ערווארטען אויף מיין קומען, אונטער זייא
געפינען זיך אלע קלאסען מענשען. יהודים, אראבער, הויכארטיגע
מענשען אונ אויך נידער-קלאסיגע מענשען אויך ריכטער אונ
בעאמטע, איין פערזאמלונג פון אלע ארטען מענשען. איך גייא
אראפ פון מיין זאטעל, אונ וואש זיך ארום אונ גייא ארויס צו דיא
מענשען וועלכע ערווארטען מיר, אום צו בעטען פון זיי פערצייאונג
(מחילה) אויף זייער ערהרע וואס זייא ווארטען אזוי לאנג, אונ
איך בעט זייא, זייא זאלען מיר ערלויבען עטוואס צו געניסען אין
מיין מויל, אום צו קרעפטיגען זיך עטוואס, אונ דער עסען איז
בייא מיר נייערט איין מאל אין טאג, אונ איך גייא ארויס זייא
אלע צו היילען, אונ צו געבען זייא רעצעפטען אונ מעדיצין צוא
זייער קראנקהייט, אונ אזוי פלעגען ארויס גיין אונ אריין גיין קראנקע
ביז צו דער נאכט, אויך בייא נאכט קומען צו מיר מענשען צו
לערנען מיט זייא חכמת התורה, אונ איך לערין מיט זייא אונ
איך ערקלער זייא גרויסע אונ טיפע ענינים, אונ ווען איך לערין
מיט זייא קען איך ניט זיצען אונ ניט שטיין פון פיל שלאפקייט
פון מיין מידקייט, נאר איך מוז ליגען אויף דעם רוקען איך
לערין מיט זייא אזוי פיל ביז איך ווער מיד דאס איך קען שוין
קמעט ניט ריידין מיט מיין מויל דאס איז מיין ארבייט אלע טאג,
דאפאן קענסטו פאר שטיין דאס עס איז אונמעגליך דאס איין
מענש זאל קענען מיט מיר זיך צו זאמען אייניגען אין איינזאמקייט
אום צו צו בריינגען אין פערגעניגען פון חכמת התורה אונ פילוסופיא
נאר שבת'דיגען טאג, אונ אפילו שבת'דיגען טאג בין איך פאר
פיסען מיטען עולם, דען תיכף נאך דעם דאווענען אין דער פריא
קומט

קומט דער גאנצר קהל אדער דער רוב קהל צו מיר אין הויז אונ איך לערין מיט זייא, אונ איך ווייז זייא אגלייכע וועג וויא זייא זאלן זיך פירין דיא גאנצע וואך וואס וועט קומען, סייא אין געטליכע זאכין סייא אין וועלטליכע זאכין צו פירען זיך (על פי התורה) וויא דיא תורה לערינט אונז, אונ אזוי לערנין זייא בייא מיר ביז האלבען טאג, אויך נאך מנחה קומען אויך אנדערע מענשין צו הערין פון מיר גוטע לעהרונג אין חכמת התורה, אונ אזוי פאר בריינגין זייא ביז מעריב, דאס איז דיא ביאגראפיע פון מיינע טעגליכע ארבייט, וועלכע איך בין צו זייא צו געבונדען. נון ליבער פריינד קענסט שוין פאר שטיין אז דיין קומען צו מיר איז זייער ווייט עס זאל זיין צום נוצין פון דיין באגער צו פאר בריינגין מיט מיר אין פערגעניגען פון שפרעכונג אין חכמה אונ פילוסופיא, דען דאס וואס איך האב דיר דער ציילט מיין ביאגראפיע פון מיין ארבייט אלע טאג איז דאס איין מקצת פון מיין פיהל מיהע וואס איך האב, וויא דוא וועסט אליין זעהן ווען דוא וועסט קומען צו מיר מיט דיא הילף פון דעם בורא ית׳, אונ ווען דוא וועסט ענדען דעם פירוש אונ דיא העתקה (איבער זעצונג) פון מיין ספר „מורה נבוכים" ווארום ווייל דוא האסט אן געהויבין מעתיק צו זיין ביזט דוא שוין בעשולדיגט צו ענדען, וויא דיא גמרא זאגט „המתחיל במצוה אומרים לו גמור" דאן זאלסטו קומען מיט פרייד אונ מיט גיזאנג צו מיר אבער נאר צו זעהן זיך פערזאנליך (פנים אל פנים) אום צו פרייען זיך מיט פערגעניגין פון אונזער פריינדליכין אונ ליבליכין זעהן זיך אבער ניט פון נוצבארקייט אום צו לערנין צו זאמען חכמה וויא דוא פערלאנגסט, ווייל מיין צייט איז מיר זייער אייגנ דארויף וויא איך האב דיר געשריבין, עכ״ל, ביז אהער איז דער בריף פון רמב״ם וואס ער האט געשריבין צו ר׳ שמואל אבן תבון ז״ל. — ליבע לעזער פון דיזין בריף קענין מיר גוט בעמערקין אונ פאר שטיין דיא גרויסקייט פון רמב״ם, דען זייא ער איז געוועזען אזוי א טרוד, א דאקטאר ביים קייזער, א גרויסער אנפירער בייא אידען, אונ איז געוועזען שטענדיג פאר באמערט אונ

שראגע

שלאָף פון ראָרעווּאַנגע וויא ער שרייבט אין זיין בריף פון דעסט וועגין האָט ער מיט פיל אידען גילערינט חכמה מונדליך אונ אויך גימאַכט אַזעלכע גרויסע חבּורים וואָס מיט זייא האָט ער אויף גיעפענט דיא טויערין פון דער תורה אונ האָט ערלייכטין מיט זיין ליכטיגע הַחָכְמָה אַלע אידע ווענין בּבדי דיא וואָס ווילין זיין אידען זאָלין ניט גישטערט ווערין אין שלעכטע גידאַנקין אונ אַלע ואָלין זעהין דיא תורה מיט ליכטיגע אויגין אונ מיט אַנטין פאַר־שטאַנד, דאַרום האָט ער גימאַכט דעם קלוגען אונ טיפען ספר „מורה נבוכים" צו לערנין זיין פאָלק דיא גרונדין פון דת, אונ אמונה, אונ האָט גימאַכט פירצעהן ספרים וואָס אַלע איז כלל רופין זיך ספר „יד החזקה" צו לערנין זיין פאָלק מיט אַליכטיקייט דיא תורה אונ מצוות:

ולעת זקנתו) אין דיא צייט פון זיין עלטער זעהט מען פון זיינע הייליגע כתבים אַז ער האָט זוכה גיוועזן צוא דיא הייליגע מעלות אונ דיא אידעלע הרגשות וואָס עס האָבין זוכה גיוועזן צוא דעם דיא גרויסע צדיקים אונ אונזערע הייליגע נביאים, השי"ת האָט אים מטעים גיוועזן (גיגעבין צו פאַר זוכין) פון דעם זיסין אונ ציטליכן תענוג פון גן עדן נאָך פאַר זיין לעבין. *)

ונעלה) אונ אין דעם יאָר התתקס"ה מאָנטיג ב' טבת אין דעם זיבּציגסטין יאָר פון זיין לעבין (אין לאַנד מצרים) איז זיין הייליגע נשמה אַרויף צוא איר באַשעפער זעטיגין זיך דאָרטין פון דיא פאַרגעניגין וואָס ער האָט זיך אָן גיגרייט אין דעם פאַרלויף פון זיינע זיבציג יאָר לעבין — עס האָבין אים באַוויינט יודין אונ קריסטין דרייא טעג נאָך אַנאַנד, דעם גאַנצען יאָר האָט מען גיטרויערט אויף אים, אונ אין דער גאַנצער וועלט וואו עס איז נאָר אַן גיקומען

דיא

*) כמ"ש למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כו' כימי השמים על הארץ (איין היבשען לעבין אויף דיזע וועלט) כ"פ בהכתב והקבלה ע"ד מאמז"ל (ברכות יז) עולמך תראה בחייך, וע"ד מאה"כ ומל ה"א את לבבך כו' ופי' התרגום ויעדי ה"א ית טפשות לבך כו' לאהבה את ה"א כו' למען חייך פי' כפי שתראה חיים נעימים ומתוקים.

דיא טרויעריגע נאכריכט האט מען גיפאסט אונ גישאפט גרויסע חכמים , — אויפן אכטן טאג איז אן גיקומען דיא שרעקליכע נאכריכט אין ירושלים האט מען גוזר תענית גיוועזן אזוי וויא תשעה באב אויף החרבן ירושלים אונ מיא האט זיך צוא זאמען גיקליבן אין דיא שולען אונ גילייענט דיא תוכחה אונ דער מפטיר האט גילייענט אין שמואל פ״ו ויהי דבר שמואל אונ גיקאנצעט (כי גלקח ארון אלקים) עס איז צוא גינומען גיווארן דער הייליגער ארון (ד״ה דער הייליגער גוף וואס אין אים איז גילעגן דיא גאנצע תורה אזוי וויא דיא לוחות אין ארון הקודש) :

ואחרי ימים) אין איניגע טעג ארום האט מען אים גיטראגן אין זיין ארון פון מצרים קיין ארץ ישראל מקבר זיין (אזוי וויא יעקב אבינו ע״ה) זיינען באפאלין אבאנדע רויבער אויפן וועג , זיינען אלע מענשין צו לאפין אונ גילאזין זיין ארון ביא די גזלנים האבן דיא גזלנים גינומען דעם ארון אונ גיוואלט אריין ווארפין אין ים אבער עס האט זייא ניט גיגליקט זייא האבין אים ניט גיקענט רידין פון ארט, זייא האבין זיך גימאטערט אלע (אבאנדע פון דרייסיג מאן) מיט אלע קרעפטין אונ דער ארון האט זיך ניט גירירט פון ארט, וויא די גזלנים האבין דער זעהן דיא שרעקליכע סצענע זיינען זיי גאר אויסער זיך גיווארין אונ זאגין איינע צו די אנדערע דאס איז בוודאי זייער א הייליגער מאן, זיינען זיי גיגאנגען אונ צו זאמען גירופין דיא אידין אונ האבין זייא גיבעטין רחמים זייא זאלין אים פירין אין זיין רוהע , אונ דיא גזלנים האבין אים באלייט די גאנצע וועג אונ מיא האט אים גיבראכט קיין טבריא אונ מקבר גיוועזן לעבין דיא הייליגע אמוראים ר׳ יוחנן אונ רב כהנא :

ובנו) זיין זון ר׳ אברהם איז דענסט מאל אלט גיוועזן צוואנציג יאר , ער איז גיוועזן א גרויסער גאון אונ א צדיק האט מען אים אויף גענומען אין מצרים פיר א הער איבער זייא, אונ נאך אים איז גיוועזן זיין איניקל ר׳ דוד אויך א גרויסער חכם אונ אשר נכבד ער האט מחבר גיוועזן זיין ספרים אויף תורה, אויך אנדערע אונ אפיפערשער דור זיינען באוואוסט פיר גאונים אונ צדיקים, אויף אים

זיין מקיים געוועזן דער פסוק (תחת אבותיך יהיו בניך תשיתמו לשרים בכל הארץ) ד. ה. דיינע קינדער וועלין באטרעטין דיא שטעלע פון דיינע עלטערין אונ וועלין זיין האר אין דער וועלט. השי״ת זאל אונז מיט אונזערע קינדער מזכה זיין צו לערנען זיינע הייליגע ספרים אונ מקיים זיין וואס אין זייא שטייט אונ מיר זאלין אים זוכה זיין צו זעהן בעת תחיית המתים ב״ב אמן:

צוואת הרמב״ם ז״ל

נדפס בלשה״ק (בסוף ספר „לקח טוב״ לר׳ אברהם יג״ל ז״ל) בשם מוסר נאה מאד מהרמב״ם ז״ל לבנו הרב החכם ר׳ אברהם ז״ל.

אברך איך טוּא לוֹיבּין השי״ת װאָס ער האָט מיר די עֵצָה גיגעבּין (איך זאָל אים מְקַבֵּל זַיין צוּ דינען אים) אוּנ אין דיא אֶמֶתֶע װעג האָט ער מיר גיפירט, דַיינע גינאַדע טוּא איך דער מאָנען אויף אַלֶע גוּטֶעס װאָס ער האָט מיר פַאר גֶעלטינט, ער האָט מיר גֶעשְׁבְּרָאפְט מיט יִסוּרִים אוּם מיך צוּ לַייטֶערין פוּן מַיינֶע זינד אָבֶּער צוּם טויט האָט ער מיר ניט אִיבֶּער גיענטפֶערט, מיט זַיין רֶעכְטֶע הַאנד האָט ער מיר אָן גענוּמען אוּנ אוּנטֶער דעם שוֹטין פוּן זַיין הַאנד האָט ער מיר בַּאהַאלְטין (בְּעֵת עֶס איז גיקוּמען פוּרְעָנִיּוֹת אויף דער װעלט), פוּן דיא לַיידוּנג פוּן גַלְגַל (ד. ה. די װעלט װאָס דְרַייט זיך װיא אַגַלְגַל) האָט ער מיר אַרוֹיס גיצוֹיגֶען, אוּנ פוּן זַיינֶע אוּם קֶערוּנג (װאָס דיא װעלט דְרַייט זיך פוּן רַייך אויף אָרֶעם, פוּן גְלִיק אין אוּנגְלִיק) האָט ער מיר גירֶעטֶעט, אין דעם מִיגִיל פוּן דער צַייט האָט ער מיר גילַייטֶערט, אוּנ פוּן דיא שְׁװַארְצְקַייט פוּן יוּנגְשַׁאפְט האָט ער מיר װַייס גימַאכְט, אוּנ פוּן דיא יוּגֶענְט װִילְדִיקַייט האָט ער מיר אָפּ גישַׁייט, פוּן דיא מִלְחָמָה פוּן יֵצֶר הָרַע האָט ער מיר בַּארוּהִיגְט אוּנ האָט אָן גישְׁרִיעֶן אויף דעם נָחָשׁ װאָס האָט מיר אָן גירֶעט צוּא שְׁלֶעכְטֶס, אוּנ פוּן זַיינֶע זִיסְקַייט האָט ער מיר גֶעמַאכְט פַאר זוֹגֶען, אוּנ פוּן דער עֶרד האָט ער מיר אויף גישְׁטֶעלְט, אוּנ מיט גְרוֹיס אַרְטִיגֶע אַדִיל לַייט האָט ער מיר גיזֶעצְט, דיא טֶעג האָבּין מיר גילֶערִינְט, אוּנ דער נִסָיוֹן האָט מיר גִיקְלִינְט אוּנ דיא צַייט האָט מיר מְכַבֵּד גיװֶוען (ערקְלֶערְט דיא גוּטֶע װֶעג), אוּנ בִּיז יֶעצְט (בִּיז דיא מַדְרֵגָה װאָס איך הַאלְט יֶעצְט) האָט ער גיבֶּענְצְט אוּנ מְחַיֶּה גיװֶוען, פוּן דעם צְװַייטִין האָט ער מיר גימַאכְט פַאר שְׁטֶענְדִיג אוּנ ער האָט מיר גֶעמַאכְט פַאר שְׁטַיין איך זָאל װיסֶען דעם אוּנטֶערְשַׁייד צְװִישִׁין גוּטֶס אוּנ שְׁלֶעכְטֶס, אַז אִין זַיין הַאנְט איז מַיין עֶנְדֶע האָט ער מיר גֶעמַאכְט װִיסִין, אָבֶּער איך אַלַיין װַייס ניט װֶען מַיין צַייט איז צוּא שֵׁיידִין זיך פוּן דער װעלט, דְרוּם זַיין לִיבְּשַׁאפְט האָט מיר ער־װֶועקְט, לָאזִין צַװָאָה מַיינֶע קִינְדֶער װאָס ער האָט מיר חוֹנֵן גִיװֶוען

אז זייא זאלין היטין נאטעס וועג, אונ לערנען זייא דיא חכמה וואס ער האט מיר גילערינט, אונ מאכין זייא ארבין דאס וואס ער האט מיר געמאכט ארבין, איידער ער וועט מיר צוא זיך רופין, אונ זיין כבוד וועט מיר צוא אים איין זאמלען.

שמעוני בני, הערט מיר צו מיינע קינדער, איר זאלט זיין געבענטשט פון גאט דער באשעפער פון הימיל אונ ערד, ער זאל אייך בענטשין הימלס ברכות (ד. ה. אלע גוטעס וואס דער הימיל טוהט געבין אויף דער וועלט), ער זאל אייך בענטשין דאס אבגרונד בענטצונג (ד. ה. אלע בענטשונג וואס דער אבגרונד טוט געבין אויף דער וועלט), אויך זאל ער אייך בענטשין מיט פריידען צו געבירען קינדער (ד. ה. דיא פרויען זאלין גרינג געבירען), אונ זייא גוט צוא דערציען, עס זאל קיין מאל ניט פעליג זיין זייער שפייז, שטארקט זיך צו זיין מענטשין, פירכטעט זיך פאר אייער גאט, דער גאט פון אייער פאטער, דער גאט פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב, אונ דינט אים מיט גאנצע הארץ מיט ליבשאפט (ד. ה. זיין ליבשאפט זאל ערפילען אייער גאנצע הארץ) ווארום יראת בריינגט זהירות (צוא זיין אפ גיהיט פון זינד) אונ אהבה בריינגט זריזות (גישווינדיגקייט צוא מצות), איר זאלט וויסין אז גאט וועט בריינגען צום משפט אלע מעשים פון מענטשין סייא וואס ער טוט בגלוי (אנדעקט) סייא בנעלם (פאר באהאלטענערהייט) ד. ה. ער טוט עבירות מענטשין זאלין ניט זעהען, אדער ד. ה. סייא וואס ער טוט מיט דיא אברים וואס זיינען אנדעקט אונ סייא וואס ער טראכט אין דיא גידאנקען אויף גוטס סייא אויף שלעכטס (ד. ה. השי"ת וועגט אלין סייא בייא אמצוה סייא בייא איין עבירה ח"ו מיט וואס פאר אזריזות אונ מיט וואס פאר איין חשק אונ מיט וואס פאר אשמחה מיא האט גיטאן דיא מצוה אדער דיא עבירה ח"ו), דער וואס פירט זיך אין אגוטע וועג צאלט אים השי"ת דיא פירות פון דיא מצות בעוה"ז, אלע וואס זעהען אים, לויבין אים, אלע וואס קענען אים רימען אים, ווייל איז יענעם וואס ער פירט זיך אין גוטין וועג צוא גאט אונ צוא לייטין, אונ אז עס וועט ערפילט דער צאל פון זיינע

טעג, בעת ער נעמט אפ שייד פון דער וועלט פרייט ער זיך מיט זיינע גוטע מעשים און דיינעט וויינינ-דאס ועגין שטארבין, ווייל ער האט ניט קיין זינד פאר וואס מורא צוא האבין, פאר קערט ער האפט נאך צוא איין גוטין לוין צוא זעהען אין דיא גוטעס וואס השי״ת האט באהאלטין פאר דיא יראי שמים, אונ זיין הויז גיזינד וועט השי״ת אויף ריכטין זייא זאלין עקסיסטירען ביז אייביג — אבער דער וואס פאר דארבט זיין וועג (ער פירט זיך שלעכט אויף דער וועלט געגין השי״ת אדער געגין מענטשין) אונ יאגט זיך נאך שלעכטעס, וועט דיא שלעכטעס אים נאך יאגין אונ גרייכען אונ פארדארבין זיינע מעשים, דער וואס זעהעט אים פאר קרימט אויף אים זיין מויל, אונ באליידיגט אים מיט דיא לעפצין, אונ בעת ער שיידט זיך פון דער וועלט טוט אויף אים זיין לייב וויטאגין אונ זיין נשמה טוט אויף אים טרויערין וואורום ער איז אן גיבריים צו פינצטערנעס פון קבר אונ גיהנם, אונ מיט דיא פינצטערנעס ווערט זיין נאמען אויס גימעקט, אונ זיין פאמיליע גייט צוא שטראנד, קיינער לייגט אויף זייא קיין מיטלייד ניט איבער דיא שלעכטקייט פון זייער פאטער.

אחלי לפניכם איך בעט אייך מיינע ליבע קינדער איהר זאלט דער קענען דעם יתרון פון דיא ליכטיקייט (ד. ה. דיא גוטע וועג) אויף דיא פינצטערנעס (ד. ה. דיא שלעכטע וועג) אונ זייט ממאס (פאר האסט) דעם טויט אונ דאס שלעכטס (דאס איז דעט אויף פירונג פון דיא רשעים) אונ קלייבט זיך אויס דעם לעבין מיט גוטעס (דאס איז דער אויף פירונג פון דיא צדיקים) ווארום דעם רשות צוא פירין זיך אין גוטען וועג אדער אין שלעכטע ח״ו איז אפ גיגעבין צום מענטשין. וויא ער וויל אזו פירט ער זיך, קיינער צווינגט אים ניט — גיוויינט זיך איין אין אלע גוטע מדות ווארום דער נאטור פון מענטשין ענטוויקעלט זיך נאך דיא גיוואונהייט, „אונ דיא גוואונהייט איז דיא צווייטע-נאטור“, — איהר זאלט וויסין אז (שלמות הגוף) דאס הייסט זיך אויס בילדין דעם חאראקטער (דיא מדות) איז פריער פאר שלמות הנפש (ד. ה. אהבת ה׳, יראת ה׳

דבקות בה׳ (ר״ת אי״ד שבוה תלוי שלמ״ת נפש ח״ש־אלי) וואס איין איד איז זוכה צוא דעם, דורך זיין לערנען תורה לשמה, אונ שלמות הגוף איז וויא אשליכיל וואס עפינט אויף דעם זאל (דאס איז שלמות הנפש) ווארום ווען דר מענטש איז פאר דארבין אין מדות אונ הארקטער איז ער ניט זוכה צוא שפירין דיא זיסקייט פון דער תורה, אשר דרכיה דרכי נועם כו׳ ומתוקים מדבש ונופת צופים *) אונ איז ניט זוכה צוא געטליכע וויסענשאפט, דרום זאל זיין אייער כוונה זיך אויס בילדין דעם הארקטער אונ איין פלאנצין אין זיך גוטע מדות כדי איר זאלט זוכה זיין דורך דעם צוא פאר שטיין דיא טיפקייט פון דער תורה, עס זאל פאר אייך געעפינט ווערין דיא טויערין פון היכל (ד. ה. דיא סודות פון דער תורה).

---

*) אונ דאס קען זיין דיא כוונה פון דיא פסוקים (תהלים קי״ט) „אשרי תמימי דרך״ וגו׳, דער נאמען „תם דרך״ קען מען זאגין דיא כוונה אזוי וויא איינער וואס ער וואהר געשיקט אום צו זעהען אוועג פיר רייזענדער, מוז ער אכטונג געבין אויף דיא גאנצע שטרעקע עס זאהל קיין שום שטרויכלונג ניט זיין, ניט קיין גריבער, ניט קיין שטיינער, ניט קיין זומפען, אונ ווען ער זאהל פאר זעהן איינינע וויארסטין קען זיין אז דארטין געפינט זיך דיא אלע שטרויכלונגען אונ נאכהער ווען דיא רייזענדע וועלין דארטין דורך גיין וועלין זייא אלע געשטרויכלט ווערין אונ ער אליין (דער דורך זעהער) ווערט אויך געשטרויכלט, אדער מען קען זאגין דעם משל, ווען מען וויל מאכין א ליניע דער באהן זאהל אויף איהר גיין מוז מען אוים גלייכין דיא גאנצע וועג פון דיא ליניע אונ לייגען רעלצעס, אום אונד אום, אונ ווען מען זאהל אין איין ארט פאר זעהן צוא פאר גלייכען, אדער צו לייגען א רעלצע, זיינען דיא פאסאזירען אין געפאהר ח״ו, דיא זעלבע איז אויך ווען דער מענש איז פריער געגריגדעט מיט גוטע מדות (זיטען) אונ פאר גלייכט פריער זיינע מענשענשאפט עס זאהל זיך אין איהם קיין קרומקייט געפינען, נאר ער טוט אלט וואס גלייך איז וויא עס שטייט אין פסוק (ועשית הישר והטוב) ד. ה. דוא זאלסט טאן וואס גלייך אונ גוט איז, נאך דעם אז ער וועט לערנען תורה וועט ער הנאה האבין פון איהר זיסקייט אונ פון איהר טיפקייט (דעם טיפען שכל) אט דאס זאגט דער פסוק (אשרי תמימי דרך) ווייל איז ווען דיא מענשין וואס זייא הייסען „תמימי דרך״ (ד. ה. „גלייכע וועגין״ וויא מיר האבין פריער ערקלערט אין משל) „ההולכים בתורת ה׳״ ווען זייא גייען אין גאטס תורה, דען ווען דער מענש איז ניט אויס געבילדעט אין גוטע מדות (זיטען) איז ווען ער לערינט תורה קען ער נכשל ווערין אין אפולע שלעכטעס, אונ אויך ער מאכט אז אנדערע זאלין אויך נכשל ווערין ווייל מען לערנט זיך אב פון איהם, דען פען זאגט „אז יענער למדן מתוט אזוי ווא

אידר זָאלְט זִיךְ מִידִין וִויא נִכְבָּדִים , פַאר מַייְדֶעט זִיךְ פוּן דִיא קָאמְפַּאנְיֶעס פוּן קַלִים (לַייכְטְזִינִיגֶע) אוּנ פוּן לַיידִיג גֵייֶער אוּנ פוּן גִילֶעכְטֶערְלַאךְ פוּן יוּנְגֶע לַייטְלַאךְ . וַוייל פוּן דֶעם וַואקְסְט שְׁלֶעכְטֶע פְּרוּכְט , אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיק גִיפִינֶען אִין דִיא קָאמְ-פַּנְיֶעס פוּן וִויכְטִיגֶע מֶענְשֶׁין אוּנ חֲכָמִים, נוּר שְׁטַיין פַאר זֵייא מִיט עֲנָוָה אוּנ הַכְנָעָה, אוּנ שְׁטַיין אִין דֶעם נִידֶערִיגְסְטֶען אָרְט, אוּנ לַייגְט צוּ אַייֶער קָאפּ אוּנ עֶפִּינְט אוֹיף אַייֶער הַארְץ אַיין צוּ הָארְכִין אוּנ צוּ פַאר נֶעמֶען זַייעֶרֶע רַייד. וָואס זֵיי שֶׁענְדִין אוּנ וָואס זֵייא לוֹיבֶּען . יֶעדֶער זַאךְ זָאלְט אִיר אִיבֶּער וֶועגִין אִין דִיא גִיוִויכְט פוּן שֵׂכֶל . הִיט אַייֶער מוֹיל אוּנ דֶעם צוּנְג פוּן צוּ מֶערִין רַייד פַאר זֵייא . וֶוענְט אַייעֶרֶע רַייד וָוארוּם דוּרְךְ מֶערִין רַייד וֶועט גִימֶערְט וֶוערִין אַייעֶרֶע טָעוּתִין . אִיר זָאלְט זִיךְ נִיט אוֹיס פַּיינֶען אוּנ גְרוֹיס הַאלְטִין פַאר דִיא חֲכָמִים אוּנ נִיט שֶׁעמֶען זִיךְ צוּ פְרֶעגִין וָואס פוּן אַייךְ אִיז פַאר הוֹילִין גָאר אִין דֶער צַייט נָוען עֶס פַּאסְט אוּנ מִיט אַלָשׁוֹן וָואס עֶס פַּאסְט — רֶעכִינְט אוֹיס אוּנ וֶועגְט אִיבֶּער יֶעדֶער זַאךְ אַיידֶער אִיר לָאזְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, וָוארוּם נָאךְ דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִיט אוּם קֶערִין . — לִיבְּט דִיא חָכְמַת הַתּוֹרָה גִילוּסְט אִיר וִויא גֶעלְט אוּנ זוּכְט אִיר וִויא בַּאהַלְטֶענֶע אוֹצְרוֹת — זַאמִילְט זִיךְ אַיין אִין דִיא הַייזֶער פוּן חַכְמֵי הַתּוֹרָה וָואס לֶערְנֶען אַלֵיין אוּנ לֶערְנֶען מִיט דֶעם צְווייטִין , דָארְטִין זָאל זַיין אַייֶער שְׁפַּאצִיר גַאנְג . אוּנ נֶעמְט זִיךְ פַארְגִינִין הֶערִינְדִיג פוּן זֵייא חָכְמַת הַתּוֹרָה אוּנ מוּסָר , חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה אוּנ פִּלְפּוּל . — זַייט

מקנא

זאלין מיר שוין טאהן״, אונ דאס ביטפעט אויך דהמע״ה אין דיא פסוקים (אחלי יכונו דרכי) ד. ה. איך ביטטע דיר גאט אז מיינע וועגין פון מיין ווערט רייזע זאלין ווערין גוט צו געריכט, דארום איך זאל קענען (לשמור חוקיך) היטען דיין תורה, (אז לא אבוש בהביטי אל כל מצותיך) דען אז דער מענש האט אין זיך גוטע מדות, אונ לערינט ניט אונ ווייס ניט דיא תורה , וועט ער האבין פיל שאנדע דער פון בעוה״ב, אונ ווען ער ווייס דיא תורה אונ לערינט איר, אבער ער האט ניט אין זיך קיין גוטע מדות (זיטען) וועט ער אויך האבין דער פון פיל שאנדע בעוה״ב , דאס זאגט דהמע״ה (אז לא אבוש) ווען וועל איך זיך ניט שעמען (בהביטי אל כל מצותיך) ד. ה. ווען איך וועל אין זיך האבין ביידע מעלות, גוטע זיטען אונ לערנען דיא תורה .

מקנא דיא וואס קענען דיא תורה אונ פאר בהאלט אין הארצן דיא
גולם'ס (דיא וואס ווילען ניט קענען) — אז איר וועט עפעס פרעגן
אדער ענטפערן זאלט איר ניט פלוטערן אונ ניט שרייען, רעט
מיט אשיינעם אויס שפראך, באזאכט אונ רוהיג, אייערע ווערטער
זאלן זיך ציהן צום ענין וואס איר רעט ווייא איינער וואס וויל זיך
לערנען אונ זוכט דעם אמת ניט וויא אקריגער וואס זוכט נאר נצחון.
פאר נאכט זיך דארטין מיט אייער גוטין ווילען אונ זייט זיך מתבונן
צו באקומען דארטין איין נוטץ דאן וועט אייך צימליך זיין אונ ניט
צו שווער זיין. אבער ווען איר וועט פארנאנדער לאזין אייערע
גידאנקען הין אונ הער, איז לא די וואס איר וועט קיין ריוח ניט
זיין, איר וועט אפילו דעם קרן אויך פאר לירען. ווארום איר וועט
זיך טאגין ווייניג אויס לערנען אונ עס וועט אייך זיין צו לאזט דיא
אויפהאלטונג דארטין אונ עס וועט אייך אפ שוואכין דעם קערפער—
אונ בעת איר גייט ארויס פון רבין דיינקט זיך איבער וואס נעמט
איר מיט אהיים, זעצט דאס איין פעסט אין מוח אונ בינדט דאס
איין אין הארצין:

לערינט אין אייער יוגינט בעת אייער שפייז איז אן גיברייט, אונ
אייער הארץ איז נאך ליידיג פון טרדות הפרנסה איידער
זיא וועט פול ווערין מיט טרדות אונ דער כח הזכרון וועט אפ
גישוואכט ווערין. ווארום עס וועט קומען אצייט וואס איר וועט
שוין וועלין לערנען אבער דיא צייט וועט אייך ניט ערלויבין אונ
דיא ביסעלע וואס איר וועט שוין קענען לערנען אין דיא עלטערע
יארין וועט איר זיך גאר פאר מאטערין מיט ווייניג נוצין, ווארום דיא
הארץ האלט ניט נאך דיא מויל (ד. ה. דיא מויל רעט אונ דיא
הארץ איז טרוד אין דאגות אונ טרדות) אונ אפילו דיא ביסעלע
וואס דיא הארץ וועט שוין אן יאגין דיא מויל וועט זיך גאנץ
קורץ איין האלטין אין אייך, אונ איר וועט דאס גיך פאר געסן.
ווייל דיא יונגע יארין זיינען וויא בורלאנטין. שעצט אייער יעדער
מינוט וויא אגרויסען שאץ:

אוך

איך עֶנְטְפֶער אייך איבֶּער מיינֶע דִבְרֵי מוּסָר אִין הַאנְט. איר קֶענְט

דֶער פוּן ציעֶן גְרוֹיס נוּצִין וֶוען איר זָאלְט לֶערְנֶען אוּנ הַזָרִין צוּא פַאר שְׁטַארְקִין דֶעם אֱמֶת אוּנ אָפּ טָאן דִיא פַארְפְלָאנְטֶערוּנְג.— וֶוען איר וֶועט גִיפִינֶען אִין תנ"ך אַטִיפִין פָּסוּק אָדֶער אַפַרְשְׁטֶעלְטִין מַאֲמַר אִין תַּלְמוּד, וָואס איר וֶועט נִיט פַארְשְׁטֵיין זַיין כַּוָנָה אוּנ אַייך וֶועט זִיך אָפּ דַאכְטִין אַז עֶר אִיז כּוֹתֵר פִּנּוֹת הַתּוֹרָה, אָדֶער אַזוֹי רַייד וָואס מִיטִין קְלַיינֶעם שֵׂכֶל דוּכְט זִיך אַז זַייא זַיינֶען נִיט קַיין קְלוּגֶע רַייד, זָאלְט איר זִיך נִיט אַרָאפּ רוּקִין פוּן דִיא אֱמוּנָה אוּנ זָאל נִיט מְבוּלְבָּל וֶוערִין אַייעֶר שֵׂכֶל, הַאלְט זִיך פֶעסְט אִין דִיא אֱמוּנָה אוּנ דֶעם פֶעלֶער הַייבְּט אִין אַייך אָן (אַז אַייעֶר שֵׂכֶל אִיז קוּרְץ-זִיכְטִיג צוּא פַארְשְׁטֵיין דִיא זַאך). לֵייגְט דָאס אָפּ אִין אַזַייט אוּנ פַאר אוּנְוִויסְנְדִיגְט נִיט אַייעֶר אֱמוּנָה וַוייל איר פַאר שְׁטֵייט נִיט דֶעם מַאֲמַר חז"ל אָדֶער דֶעם פָּסוּק פוּן תנ"ך. דֶען נָאט מַאכְט וִויסֶען דִיא וֶועג וִויא צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס, צוּ דִיא הֵיילִיגֶע מֶענְשִׁין וֶועלְכֶע זַיינֶען ווִירְדִיג דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶען נָאר עֶר ווֵייס איר אָרְט (וָואס דֶער גִידַאנְק פוּן דֶעם פָּסוּק אָדֶער דֶער מַאֲמַר אִיז):

לִיבְּט דֶעם אֱמֶת אוּנ דִיא גִירֶעכְטִיגְקֵייט אוּנ בַּאהֶעפְט זִיך אָן זַייא

וָוארוּם איר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין מִיט זַייא, אוּנ דִיא הַצְלָחָה פוּן דִיא עֲסָקִים וָואס זַיינֶען גִיגְרִינְדֶעט אוֹיף אֱמֶת וְצֶדֶק אִיז אַפֶעסְטֶע הַצְלָחָה וִויא אַייגֶער בּוֹיעֶט אוֹיף אַשְׁטַארְקִין פוּנְדַאמֶענְט פַאר הַאבְּט שֶׁקֶר אוּנ עַוְלוֹת אוּנ גִילוּסְט נִיט צוּא זַייעֶר גִישְׁמַאק וָוארוּם דֶער בִּנְיָן וָואס מֶען בּוֹיט אוֹיף שֶׁקֶר אוּנ שְׁווִינְדֶעל אִיז וִויא אַייגֶער בּוֹיט אוֹיף זַאמְד נָאר עֶט וָואס אַרִיר פַאלְט דָאס אַיין — דְרוּם זָאל בַּייא אַייך זִיסֶער זַיין דֶער אֱמֶת אוּנ צֶדֶק אֲפִילוּ אַייך וֶועט זִיך אוֹיס דוּכְטִין צוּ הָאבִּין הֶיזֵק פוּן דֶעם, בֶּעסֶער אוּנ מֶערֶער פוּן שֶׁקֶר אוּנ עַוְלָה וָואס אַייך וֶועט זִיך אוֹיס דַאכְטִין צוּ פַארְדִינֶען פוּן דֶעם, אוּנ אַזוֹי זָאגְט דֶער חָכָם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (אֱמֶת קְנֵה וְאַל תִּמְכּוֹר) ד. ה. לָאז זִיך קָאסְטִין גֶעלְט אוֹיף דֶעם אֱמֶת אוּנ פַאר קוֹיף אִים נִיט צוּ לִיבּ גֶעלְט — איר זָאלְט וִויסִין אַז דֶער אֱמֶת אוּנ דֶער צֶדֶק זַיינֶען דִיא הַכְשָׁרִין פוּן דִיא נְשָׁמָה (וָואס דִיא נְשָׁמָה צִירְט זִיךְ

מיט זיא אויס) און זיא גיבן שטארקייט און פאר זיכערונג און
עהרליכקייט צום קערפער — און איך האב ניט גיפונען אזא טייערע
רפואה צו ווייכן דיא הארץ וויא דיא צוא זאמען מישונג פון אמת
מיט צדק, און עס האבן מיר ניט אזוי באפעסטיגט און בארוהיגט
מיינע קאמפאניעס פריינד און דיא שטארקסטע פעסטונגען און
שווערד און פאנצער וויא דיא הוט פון אמת און דער פאנצער
פון צדק. דרום מיינע ליבע קינדער אז עס וועט קומען מיין צייט
צוא שיידין זיך מיט אייך און מאכן אייך ארבן דאס וואס השי"ת
האט מיר גימאכט ארבן וויל איך אייך מאכן ארבן דיא מדה פון
נאמנות (ערליכקייט, ביאיעלקייט: פינקטליכקייט, דער "יא וואָרט"
זאל זיין יא, דער "ניין" ניין) וואס דורך דעם האט מיר דער בורא
ית"ש גימאכט ערווערבן מיין רייכטום מיט דיא גדולה, וואָרום בעת
איך האב זיך גישייד פון מיינע עלטערין איז מיר נאר גיבליבן מיין
שטעקין און מיט אים בין איך גיפארין פאר דינען מיין ברויט
שפיינין דיא פאמיליע, און השי"ת האט מיר גיבענשט און האב דער
לאנגט אזוי אהויכע שטופע און דורך וועמען? נאר דורך דיא
נאמנות, דיא נאמנות האט מיר רעקאמאנדירט און אריין גיבראכט
אין אזעלכע הויכע עמטער וואו מיינע קרובים און פריינד האבן
ניט דער לאנגט, און האט מיר גימאכט ירשינען וואס מיינע
עלטערין האבן מיר ניט גימאכט ירשינען, און האט מיר גימאכט
גיוועלטיגען אז איך האב גיהאט צוא שאפין אויף גרעסערע
און בעסערע פון מיר, און האב מצליח גיוועין און זיך
נוטץ גיטאן און דעם צווייטין אויך, דרום פאר זאג איך אייך
מיינע ליבע קינדער אז איהר זאלט זיין זהיר אין נאמנות צוא
אלע מענטשין סייא אידין סייא אנדערע נאציאנען, קיינעם
ניט נארין און ניט נאזווענען זיין דעת — האלט אייער וואָרט, זאל
ביי אייך ניט זיין וויכטיגער אייער אונטער שריפט וואס איר שרייבט
מיטין האנט וויא אייער וואָרט וואס איר רעט מיטין מויל, (דיא
מויל שטייט העכער וויא דיא האנט), דיא צווייא זייטיגקייט (צוא
ריידין מיטין מויל אזוי און טראכטין אין זיך אנדערש) ווארצילט
אויס

אויס פון זיך, אונ דאס גלייבן נאר אזארט קרומקייט אונ שווינדלעריי
אונ פוילקייט, וויא איז דעם וואס בויט זיין הויז אויף דעם, אין
זיינע העלפט יארין וועט ער איר פאר לאזן אונ זיין ענדע וועט
זיין שאלקהאפטיג — לעבט אין תמימות אונ אין ציכטיגקייט אונ
רידט ניט אן קיין פרעמדע אויף דאס מינדעסטע — פאר זוכט ניט
אויף אהאר דאס וואס ניט אויף געווים אייערע, אונ דיא נאך
וואס אייך איז אספק צו עס איז אייערע אדער יענעמס, אנטלויפט
פון דעם אונ שטעלט דאס אין יענעמס חזקה (אז מן הספק איז דאס
יענעמס) — איר זאלט וויסן אז ווען מען פאר זוכט נאר איין
מאל פון אספק (טאמער איז דאס מיינע) ציהט דאס ביסלאך ווייס
אריין אן צוא רידן וואס עס איז געווים יענעמס, אונ אביסעלע
ברייגנט צוא אפולע אונ פאר בארגינע ברייגט צוא עפינטליכע
זאכין ביז וואנען מיא ווערט אמוחזק פאר אקיסלער אגנב אונ
אגזלן אונ איין אן נעצער, אנטלויפט פון דעם וויא טייט די אויגין
טראגין, דער שקרן לעבט אין בושה אונ שטארבט אין חרפה,
דאס אלין זאג איך אייך וואס איך האב אויף מיין לעבין גיזעהן
אונ פראקטיצירט אונ האב זיך אראפ גענומען אמוסר אז דיא תאם
טראגט מעקענע גיבירט זיא שטריי אונ דער וואס זיים גירעכטיגקייט
שנייט ער גינאדע. יתחינט זיך מיט מוסר אונ שעצט זיך גליקליך
מיט נאמנות ווארום עס איז ניטא אזא יחסן וויא דער ארעל מאן
מיט גוטע מדות אונ עס איז ניטא אזא רייכע ירושה וויא נאמנות —
זייט מקרב אפילו אייערע ווייטע קרובים, ברינגט זיך אין צוא איין
נידעריגין פון אייך, ניימט אפביליכען פנים צו עלינטע אונ שפלע
מענשין, ערבארימט זיך אויף אביונים אונ פאר שעמטע, ערפרייט
זיא אין אייערע שמחות אונ דער מאנט זיך אן זיא אין אייערע
ימים טובים מיט דיא גוטעס וואס גאט האט אייך גיבענטשט,
נאר היט זיך זייער זיא זאלין גיט פאר שעמט ווערין דורך
אייערע געשאנקען — איר זאלט זיך ניט פאר מיידין גוטעס טאן
וויא ווייט אייער מעגליכקייט איז נאר ווען איר קענט — פאר
מאכט דיא לידיג גיין אונ פאר מיאוסט דיא רוחות וויזין ווארום

דורך דעם ווערט פארדארבן דיא געזונד מיט דיא קעשענע מיטן שכל מיטן כאראקטער, אונ דיא לידיג גיין אונ פוילקייט איז צלייטער פארן שטן ארויף צו קריגן דעם מענשן אויפן קאפ, אונ פון יעדער ארבעט האט דער מענש אנוטצן אפילו ווען ער פאר דינט ניט פון איר, לפחות איז ער ניט לידיג גיוועסן:

איר זאלט ניט פאר אונווירדיגן אייער זעלע מיט מחלוקת וואס דאס פאר לענט דעם קערפער אונ דיא נשמה אונ די געלט, היינט וואס בלייבט אים איבער, איך האב גיזעהן ליכטיגע זיינען פינצטער גיווארן אונ הארין זיינען שפל גיווארן, אונ פאמיליעס זיינען צוא שטאנד גיווארן אונ גרויסע לייט זיינען אראפ פון זייער גדולה אונ גרויסע שטעט זיינען אוים גיריסן אונ וויסט גיווארן אונ גרויסע גיזעלשאפטן זיינען צו שפרייט גיווארן, אונ פרומע לייט זיינען קיילע גיווארן אונ בעלי גאמנות זיינען פאר לארין גיווארן אונ אן שטאנדיגע מענשן זיינען גרינג אונ פאר שעמט גיווארן. אלץ דורך מחלוקת, נביאים האבן נביאות גיזאגט את חכמים האבן גיזאגט קלוגע רייד אונ פילאזאפן האבן ערקלערט אונ פארגלייגט דיא אונגליקן וואס מחלוקת ברייגנט אונ דאס איז נאך אלץ גאר ניט, מחלוקת ברייגנט צוא אזעלכע אונגליקן וואס קיין נביא אונ קיין חכם אונ קיין פילאזאף איז ניט אים שטאנד דאס ארויס צוא שרייבן, דרום מיינע ליבע טייערע קינדער פאר דאנקט איר אונ צאנקולופט פון דעם וויא פון אגיפטיגע שלאנג אונ ערווייטערט זיך פון די מענשן וואס ליבן איר אונ האבן נאר צו איין דעם. אונ אפילו אייער איין גאהינטער קרוב ווען ער איז צנקיגער מאכט זיך פרעמד צו אים אונ ערווייטערט דיין התקרבות.

טאמער וועט איר נעמען אטייל אין יענע זינד, פארימט זיך אונ שיצט זיך גליקליך מיט דיא מדת הסבלנות (פאר לידין אלץ, ניט שפיעלין אויף דיא פיקלאך קיין מאך) ווארום דאס איז דיא גראדע גבורה אונ דער ווארער גנצחון, ווארים ווען איר וועט זוכן נקמה נעמען פיליכט וועט איר עס ניט דערגרייכן אונ ניט אוים פירן [illegible] נאר צו קריגען

צו די בושה נאך הרפה מיט דעם וואס איר וועט ניט אויס פירין
אונ רעכינט אפילו ווען איר וועט אויס פירין אונ וועט זיך שוין
נוקם זיין אן יענעם, באטראכט וואס פיר נוצין האט דאס אייך
געבראכט, כמעט ניט וויא פאר זינדיגט זיך קעגין השי"ת וואס ער
האט פאר זאגט אין דער תורה „לא תקום כו'" איר זאלט זיך ניט
נוקם זיין (ראכע נעמען) אן דעם צווייטין אונ בארעכינט זיך וואס
פאר אונרוהיגע פריזענטין דיא ראכע האט אייך געבראכט, פיינד-
שאפט אויפען צווייטען, איין מערדישע בארץ, צו מישטין שכל
צו שטערט דעם שלאף, צו מישט דיא ארבעט, אנדערט אייערע
פעלערין פאר ענדערונג אין פנים (טיראנישע געזיכט) פאר דארבין
דעם כאראקטער אונ מענשליכען געפיל, מיט אזעלכע שמוציגע
פריזענטין האט אייך דיא ראכע באשאנקען דרום זאלט איר זיך
גענומען אין זין אונ ערקענען דיא מעלות פון סבלנות מיט דעם
וועט איר פאר היילגט זיין אין דיא אויגין פון אייערע פיינד, זייא
וועלין ערקענען אייער אדעלען כאראקטער, הגם איר קענט נעמען
ראכע פון זייא פון דעסט וועגין פערצייעט איר זייא אונ טראגט
ניט נאך קיין פיינדשאפט אויף זייא, וועט דער סאוויקט זייא אזוי
ווייט בריינגען אז זייא וועלין חרטה האבין אויף זייער נארהייט
וואס זייא האבין אייך שאדין געטאן אונ אייער זעלע וועט זיין
זייער גרויס געאכט ביי זייא אין דיא אויגין, אונ זייא וועלין זיך
ליבער צייגין אונ טאן מיט אייך גוטעס, דאס איז אויב זייא זיינען
מענשין מיט פולין פאר שטאנד, אונ אויב זייא זיינען נארעשע אונ
שאלקהאפטיגע מענשין וועט דאס זייא קריינקען, ווארום פירט
ער זיך ניט אזוי וויא זייא מיט פארדארבענע מדות, ולזולים,
באליידיגען, ראכע נעמען, וועט איהר קריגין אויף זייא מיט דעם
כרוין פון מוסר אונ אדעל — פירט זיך מיט ענוה, ווארום די מדת
ענוה איז וויא אלייטער וואס אויף איר גייט מען ארויף צוא דיא
העכסטע מדות אונ מעלות, אונ מיט דיא מדות וועט איהר קיין
מאל ניט האבין קיין ליידין, באדיינקט זיך, אז עס איז ניטא אזא
צירונג וויא ענוה, משה רבינו ע"ה דער רבי פון אלע נביאים האט
דיא תורה אים ניט אזוי באריהמט מיט אלע מדות וויא מיט ענוה

הגם זיין שוועסטער מרים אונ אהרן האבן אים באליידיגט פון דעסט וועגן האט ער דאס אוועק גימאכט אונטערין האנד אונ גיבליבן זייא דער זעלבינער פריינד וויא פריהער אונ נאך מתפלל גיוועזן אויף איר בעת זיא איז גיווארן מצורע, אז השי״ת זאל איר היילן:

היט דעם שלאס פון אייער מויל אונ דעם צוים פון צונג ניט צוא עפענען וואו ניט נייטיג אונ נוצבאר איז, נעמט זיך אין אכט אז דעם טייערין שאץ פון ריידין האט דאס גאט געשאנקען דעם מענטשין מהמת זיין גרוים ליבשאפט צוא אים מער וויא צו אלע באשעפענעס פון דר וועלט וואס דורך דעם זאל דר מענטש לערנען חכמות אונ ערקענען זיין באשעפער, דרום דארף דער מענש זייער שעצין דעם טייערין פריזענט אונ באנוצין אים נור צוא טייערע זאכין, צוא לערנען תורה אונ חכמה אונ דאנקען דעם באשעפער אונ ערהויבין אים, אונ דערציילין זיינע וואונדער, היינט וויא אונ-ווירדיג אונ פאר שעמט איז דער מאן וואס פארטייט נוטעס אויף שלעכטס אונ פארשמוצט אזא טייערין צירונג, צוא ריידין מיאוסע רייד אדער שקר, רכילות אדער גלאט פוסטע רייד וואס ברענגען ניט קיינע נוצין. דאס איז פון דיא שרעקליכע זינד.

ניט משעבד (מאכט אונטערטעניג) דעם חומר צום שכל (ד. ה. דעם גוף צוא דיא נשמה) ווארום די אונטער טעניגקייט פון קערפער צום נפש איז דיא וואהרע אונ אמתע פרייהייט אויף דיזע וועלט אונ יענע וועלט — דער שכל מיט'ן קערפער זיינען גלייך וויא א רייטער מיט זיין פערד (דער חומר איז דיא בהמה אונ דער שכל איז דער רייטער) איז ווען דער רייטער איז דער האר. ער האלט דעם צאם אין האנט אונ קערעוועט דעם פערד וואו מען דארף קומען זייא בידע לשלום, אבער ווען דער רייטער סאפט שלאפין אונ לאזט ארויס דעם צאם אונ דער פערד ווערט דער האר אונ גייט וואו ער וויל קען מען פאר שטיין צוא וואס פיר אונגליקן זיי קומען בידע. דער פערד קריכט אראפ פון וועג אין אזומפ אונ דר טרינקען זיך בידע, דרום זאלט איר האלטין דעם חומר שטארק אין גיצאמט

ניט לאזין ארויס טרעטין איין שריט פון דרך התורה וואָרום אז איר
וועט אים איין מאל נאך געבין זיינע תאוות וועט ער וואס ווייטער
וועלין מער אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואנען ער וועט באגערין
אזעלכע זאכין וואס אונמיגליך אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם
געטליכין טייל אויך (דאס איז די נשמה), אבער אז דער שכל
רעגירט אונ האלט איין גיצאמט די תאוות אונ דער חומר איז
אונטערטעניג ביין שכל פאר לאנגט ער גאר וואס בעדערפטיג אונ
נויטווענדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג אונ פאר האסט די
מותרות מישין לוקסוס. אויך פאר ברייגנט איין זיסן אונ צימליכין
לעבין אונ טרייסט זיך מיט טויט וואָרום דענסטמאל וועט ער ערסט
אן הייבין צוא לעבין איין אייביגין גליקליכין לעבין — עסט נור
מיט דעם גידאנק איר זאלט לעבין (ניט לעבט כדי איר זאלט עסין).
אונ דאס מותרות פאר ווייסט אונ פאר האסט. איר זאלט ניט מיינען
אז דורך אפילע עסין אונ טרינקען וואקסט דער גוף אונ מערט זיך
דער שכל אזוי וויא אזאק וואס מיא פאקט אים אן מער ווערט
ער דיקער אונ העכער, ניין עס איז גראדע פאר קערט אז מען עסט
ווייניגער (ניט גאנץ זאט) האט דער מאגען קרעפטין איין צו האלטין
אין זיך אונ די נאטירליכע היץ קען עס פאר דייען, דענסט
מאל ווערט דער קערפער פולער אונ גיזינטער אונ די פארשטאנד
ווערט בעזעצטער, אבער אז מיא עסט צוא פיל קען דער מאגען
דאס ניט צו נעמען אונ די נאטירליכע היץ קען דאס ניט פאר דייען
דער גוף ווערט פאר מאגערט אונ דער שכל ווערט שוואכער אונ
די קעסענע ווערט לידיגער. — זייט געהיט איר זאלט ניט עסין
ביז וואנען פריערינע עסין איז פאר דייט וואָרום אז ניט פאר לירט
דאס דעם קערפער מיט די קעסענע. אונ באוועגט אייך פארין עסין
אונ רוהעט אב נאכין עסין. איר זאלט ניט עסין היילינדיג וויא די
הונגער קראנקע, אונ ניט אן שפארין אפילע מויל עסין וואָרג אדער
גיטראנק, פאר האסט די אכילות וואס זיינען שעדליך הגם זייא
זיינען גישמאק אזוי וויא איינער האט פיינט אגזלן וואס וויל אים
טויטין. עסט ניט אן נאס אזוי וויא א בהמה אונ ניט אלע מינוט וויא

שרצים נייערט אין אפ גישטעלטע צייטין אונ בייא זיך אין שטוב,
פאר מיידט זיך צוא עסין אפטער אין גיזעלשאפטין, איר זאלט
וויסין אז אויף דיא סעודות פון אויפצאמלונגען ווערט ערקענט דיא
ערציאונג פון מענטשין צוא ער איז נוט ערצויגין גיווארין צוא ניט.
אונ אסך מאל האט גיטראפין אז איך בין גיוועזין איין גילאדין אין
אגיזעלשאפט אונ בין גיקומען אהיים הונגעריג אונ דארשטיג מחמת
פארכט, זעהענדיג דיא שאנד פון דעם צווייטין — היט זיך אפ פון
שטארקע גיטראנקען (ווין, בראנפין, ביר) וואס דאס ערטאטעט
פילע אונ שטארקע אונ פאר שעמט דיא גרעסטע מכובדים, אונ
מיר גיפעלט זייער דיא צוואה פון יונדב בן רכב צוא זיינע קינדער
(ירמי' ל"ח) (איין פונקט איז דארטין זייא זאלין ניט טרינקען קיין ויין)
נאר איך קען אייך אזוי ווייט ניט פאר זאגין ווייל איך האב אייך
אזוי ניט איין גיוויינט פון קליין וויים אן, נור היט זיך אליין וויא
ווייט מעגליך איז, טרינקט ניט גאנץ שטארקע אונ אביסעלע בעת עסין
אונ ווייטער ניט, באדיינקט זיך אז ניט אום זיסט האט דיא תורה
באשריבין דיא מעשה פון נח (בעת ער איז ארויס פון תיבה אונ
גיפלאנצט איין ווין גארטין אונ זיך איין גישיכורט) וואס עם האט זיך
פאסירט מיט אים, דאכט זיך דיא תורה פאר שוינט דעם כבוד פון
יעדער באשעפענעס אונ בפרט פון אזא צדיק, נאר דאס איז פון
אונזערט וועגין צוא נעמען זיך אמוסר צוא וואס אפולע טרינקען
ברייגנט, איז דאס ניהא דעם צדיק אז ער איז אבייש פיל אונ
אלעהרע פאר דער וועלט היטין זייא פין שלעכטס. —

זייט וויסען אז דיא הוצאה פון מענשין ווערט איין גיטיילט אין
פיר טייל, א) רוח (פאר דינסט) דהיינו ער גיט אוים געלט אויף
כחורה, פון דיא פאר דינסט זאל ער זיך שפייזין אונ דער קרן
בלייבט, ווערט דאס גירופין רוח, ב) הפסד (פאר לארין) ער גיט
אוים געלט אונ דאס ווערט פארלארין ער נעמט פון דעם נאר גיט
נארוים, ג) מאוס, ער גיט אוים געלט אונ עס גייט אוועק אין מאוסע
זאכין עס איז ניטא אויף וואס צו קוקען, ד) כבוד (ערע) ער גיט
אוים געלט אונ האט פון דעם ערע. יעצט איז ער מפורש אז ביי

יעדער

יעדער מענשען איז אלע הוצאות אין גיטיילט אין דיא פיר נאמען 1) רוח (פארדינסט) איז דיא געלט וואס א מענש גיט אויס אויף צדקות אונ גמילות חסדים דיא פירות פון דעם גיט אים השי״ת אפ אויף דער וועלט אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט, 2) היזק, ווערט גירופן וואס מיא גיט אויס אויף שפילעריי דהיינו קארטען אונ דאס גלייכן וואס דער מענש פארלירט נאר דיא געלט, דיין ידין עוהרע אונ דיא צייט וואס דיא איז טייערער פון אלין, אונ ווען אפילו ער פארדינט פון דעם איז דאס נאר וויא שפין-וועבם אונ ער מאכט אן אנרייסן שולד אויף זיין נשמה. 3) מאוס, ווערט גירופן דיא געלט וואס גייט אוועק אויף עסין טרינקען וואס ווערט פון דעם מאסטע זאכין. 4) כבוד, דיא געלט וואס מען גיט אויס אויף קליידונג. מיא ווערט ראך באעהרט מיט דעם, עס באדעקט דיא נאקעטע לייב. דרום מיינע ליבע קינדער באקליידט זיך וויא אייער פארשטעגין, עסט אונ טרינקט ריינער וויא אייער פארמעגין נור וויא צוא לעבין, פאר מאכט דיא קארטען שפילעריי אונ ווייכט אוים פון דיא שפילער. פאר זייט צדקות אונ גמילות חסדים מער וויא אייער פארמעגין. — ווען אייך איין נישעפט וואס איר זאלט קענען לעבין פון אים מיט אייערע יונגע פרויען אונ רידט זיך ניט אן אן אפרעמדע פרויא וואראם אסך אונגליקען איז פון דעם ארוים אונ נאך פיל דער שלאגענע זיינען פון דיא פרעמדע פרויען, רעכינט אייך גלייך וויא איר זייט אין גהינם קאסטין דאס הייסט עס איז נאר אויף דער וועלט ניטא קיין צווייטע פרויא חוץ אייערע, האט איר נאר ניט וואס צו טראכטין ארום קיינע, אונ וויא איר שטעקט ארויס דיא קאפ פון אייער הויז (דאס הייסט צוא אנאנדער פרויא) פאר קלייבט אייך דער מבול. אונ אפילו מיט אייערע אייגענע פרויען זאל זיין אין דער צייט אונ וויא א מענש מעמיד זיין קינדער אונ באשטעטיגין דיא גיזונט, דיא פרויען לויפט איר אזוי וויא א פייער אז מיא נעמט זיך אויף אים פיל, ווערט מען פאר ברענט, דער קלוגער טאריכט זיך פון ווייטען אונ רידט זיך אן אים אן צייטען ניים אונ איז מקבל פון אים אנגען, צים אויף זיך ניט ארויף דיא

פרויען

פרייען לופט, עס קלעקט וואס דער רצון יאגט אליין דעם מענשין—
זייט מכבד אייערע ווייבער ווארום די פרויא איז די עהרע פון
מאן. איהר זאלט ניט אפ לאזין פון מוסערין זייא מיט גוטע ווייכע
רייד, פירין זייא אין גוטין וועג איין פלאנצין אין זייא גוטע זיטען
מיט גוטין כאראקטער ווארום אליין קענען זייא דאך ניט לערנען,
דרום דארפט איהר זעהן זייא איין געוואוינען אין גוטע מדות און
פרומקייט. און לאזט זייא ניט ארויף אז זייא זאלין הערשין אויף
אייך, ווארום דאס שאדעט פאר ביידין, די עהרע פון א פרויא
איז וואס מעהר זיין אין איהר אייגענע שטוב ניט ארום שאטייען זיך
ווען זייא ווייזין זיך ווייניגער טוען זייא ווייניגער שאדין. אנדערקט
פיר זייא ניט די פארבארגינעש פון אייער הארצין וואס איינער
האט אייך עפעס פאר טרויט, (דהנם איין אשה מיטין מאן זיינען
וויא איין קערפער פון דעסט וועגין אנטפלעקען א סוד איז דאס פארט
צוויא מענשין און ווען צווייא ווייסען איז דאס ניט קיין סוד)
ריכט אייערע קרובים און גוטע פריינד מיט אייער גוף און מיט
אייער געלט וויא ווייט אייער פארמעגין איז, נאר היט זיך, ניט
צוא דינען זייא מיט אייער נשמה ווארום דאס איז דער חלק
פון השי"ת: